NOAH E. COTSEN LIBRARY OF
YIDDISH CHILDREN'S LITERATURE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 07342

DERTSEYLUNGEN UN FELYETONEN

Theodor Herzl

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

ד״ר טעאָדאָר הערצל

דערציילונגען און פעליעטאַנען

7

פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

דר. טעאָדאָר הערצל

דערציילונגען
און
פעליעטאָנען

בוענאָס איירעס

תשט״ז — 1955

משה פייגענבלום.

איבערגעזעצט פון דייטש:
אסתר האַלפּערן (הדסה)

אינהאַלט

אַ וואָרט פון דער איבערזעצערין IX
הקדמה — ב. אליאב XI

פילאָזאָפישע דערציילונגען

די בריל 17
דאָס לינקע גלעקל 29
דוימערלע און בוימערלע 39
די לופט־שיף 51
סאַראַ האַלצמאַן 63
סאַלאַן און לידיע 77
דער אויפשטאַנד אין אמאלפי 97
קילכבערג און זיין געשוועסטערקינד 113
די היילונג פון מרה שחורה 123
דער שענק „צום אַנילין" 137

פעליעטאָנען

דאָס ליידיקע קינדער־צימער 147
טרודלס טרער 157
דער זומער פון די אָרעמעלייט 165
די אויסשטעלונג פון די אוצרות 173

הומאָרעסקעס פון אַ לאָקאַלן רעפּאָרטער

באַרנומס גייסט 183
מארמאלאדא 191

פון די טעג אין פּאַריז

לאַקירט 201

אַ וואָרט פון דער איבערזעצערין

פון דעם רחבותדיקן שטראָם פון הערצלס פּילן און דענקען, וואָס געפינט אַ לעבעדיקן און בולטן אויסדרוק אין זיין ליטעראַרישן שאַפן, האָב איך אַרויסגעקליבן, ווי מען קלייבט אַרויס פּערל, געציילטע פון זיינע פילאָזאָפישע שריפטן, פעליעטאָנען און עפּעס פון זיינע הומאָרעסקעס.

דער שלל פון טעאַטער־רעפּערטואַר, פון וועלכע מאַנכע ווערק זענען אַפילו אַריין אין די געמאַרקן פון איינעם פון די בשעתו אָנערקענטע טעאַטער קונסט־טעמפּלען, דאָס ווינער בורג־טעאַטער, זיינע רייזע־באַשרייבונגען, זיינע באַציִונגען צו פאַרשידענע שרייבער א. אַ., בלייבט דערווייל פאַר דעם יִדיש־לייענער אין פרעמדשפּראַכיקייט פאַרהוילט.

די גרויסע ליבשאַפט, פאַרערונג און פּאָפּולאַריטעט ביים יִדישן פאָלק, האָט הערצל געוווּנען אַלס באַשאַפער פון פּאָליטישן ציוניזם, אַלס געניאַלער מנהיג, אַלס דער שטאָלצער פּראָקלאַמירער פון די יִדישע נאַציאָנאַלע פּאָסטולאַטן פאַר דער גאַנצער וועלט, אַלס דער מוטיקער רעסטאַווירער פון דער יִדישער נאַציע און אַלס באַשאַפער פון דער ציוניסטישער וועלט־אָרגאַניזאַציע, — דער יִדישער מדינה אונטערוועגס —

לסוף אָבער, ווען די אָרגאַניזאַציע פון פעלקער אָנערקענט די רעכטן פון דער יִדישער אומה אויף ארץ־ישראל און די יִדישע מדינה ווערט אַ געלונגענע ווירקלעכקייט, נישט מער קיין חלום און נישט מער קיין מעשׂהלע, נאָר אַזוי ווי הערצל האָט עס פאַרצייכנט דעם 3טן סעפּטעמבער אין יאָר 1897, דעם טאָג נאָכן ערשטן ציוניסטישן קאָנגרעס אין באַזעל: „היינט האָב איך געגרינדעט די יִדישע מדינה. אין פופציק יאָר אַרום וועלן עס אַלע איינזען״, דערשיינט, ער, הערצל, פאַרן פאָלק אויסגעפּילט פון רוח־הקודש וועלכער טראָגט אים אויף די פליגלען פון גאולה־וויזיעס צו פאַרווירקלעכונג פון דורות־לאַנגן יִדישן חלום. און ער ווערט באַשטראַלט מיט דעם אָרעאָל פון עכטער יִדישער נבואה, וואָס איז אייגנאַרטיק און אַזוי אייגן דעם יִדישן געניוס.

די איבערזעצונג פון אַט די געציילטע ליטעראַרישע שאַפונגען וואָלטן וועלן האָבן אַלס צוועק אַריינצופירן הערצלען אין דעם פּאַרנאַס פון דער יידישער ליטע־ראַטור און אַנטפּלעקן פאַר דעם יידיש־לייענער זיין ליטעראַריש־קינסטלערישע פּעדער, וואָס גיט אויך אַן אויסדרוק זיין יושרדיקן צוגאַנג און עכט־הומאַנע באַ־ציונג צו מענטש און וועלט.

אסתר האַלפּערן (הדסה)

די איבערזעצונג פון אַט די
געקליבענע הערצל־שריפטן,
דעם פאַרהייליקטן אָנדענק
מיין לערער און לעבנס־חבר

ל ע אָ

מיט יראת הכבוד געווידמעט

הקדמה

עס איז אייגנטלעך אַ העזה פֿאַר אַ מענטשן, וועלכער האָט כמעט קיינמאָל אין זיין לעבן זיך נישט פֿאַרנומען מיט ליטעראַרישער קריטיק, צו שרייבן אַן הקדמה צו הערצלס „פֿעליעטאָנען". און אויב עס איז אין דעם פֿאַל יאָ פֿאַראַן אַ שטיקל באַרעכטיקונג, איז עס אפֿשר דערפֿאַר, וואָס דער שרייבער פֿון די שורות האָט געלעבט עטלעכע יאָר אין ווין — הגם אַ פֿערטל יאָרהונדערט נאָך הערצלס טויט — און האָט נאָך באַוויזן איינצוזאַפּן אין זיך אַ ביסל פֿון דער עסטרייכישער ליטעראַרישער אַטמאָספֿער, אין וועלכער הערצל האָט געלעבט און וועלכע ער האָט מיטגעשאַפֿן, צוזאַמען מיט אַנדערע ייִדישע גאונים, ווי אַרטור שניצלער, סטעפֿאַן צווייג, הוגאָ פֿאָן האָפֿמאַנסטאַל, יעקב וואַסערמאַן, פֿראַנץ ווערפֿעל, פֿראַנץ קאַפֿקאַ, מאַקס בראָד, און, אין די לעצטע יאָרן, יוסף ראָט. (איך האָב דאָ צווישן די עסט־רייכער אַריינגענומען אויך אַ פּאָר פּראַגער ייִדיש־דייטשע שרייבער, אָבער לויט זייער לשון און זייער סטיל געהערן זיי מער צו עסטרייך ווי צו טשעכאָסלאָוואַקיע).

ווין, אינעם סוף צוואַנציקער און אָנהייב דרייסיקער יאָרן, איז נאַטירלעך מער נישט געווען הערצלס ווין. נישט נאָר די עסטרייכיש־אונגאַרישע מאָנאַרכיע איז שוין געווען אַ בר־מינן, נאָר אויך יענע ספּעציפֿישע ווינער אַטמאָספֿער, וועלכע סטעפֿאַן צווייג האָט געשילדערט אין זיין אויטאָביאָגראַפֿיע, האָט כמעט מער נישט עקזיסטירט. אָבער אין דער לופֿט איז נאָך פֿאַרבליבן אַ זכר, אַ מין עכאָ פֿון דער פֿאַרגאַנגענער וועלט. עס איז געווען איידער דער „אַנשלוס" האָט פֿאַרוואַנדלט עסטרייך אין אַ פּראָווינץ פֿונעם „רייך" און איידער די אָקופּאַציע האָט אָנגעהויבן אַריינציִען איר אינעם פּראָצעס פֿון „אַמעריקאַניזאַציע", וועלכער נעמט איצט אַרום גאַנץ מערב־איראָפּע. עס איז אַפֿילו געווען איידער די דאָלפֿוס־ און שושניג־עפּאָכע האָט איר דערשטיקט מיט איר פּראָווינציעלער, קלעריקאַלער דיקטאַטור. עפּעס איז נאָך געווען אין דער לופֿטן, באַזונדערס אין ייִדישע אינטעלעקטועלע קרייזן...

און דאָס מערקווירדיקע איז, וואָס אָט דער פּערזענלעכער קאָנטאַקט מיט ווין האָט דווקא באַוויזן, אויף ווי ווייט הערצל איז געווען לחלוטין פֿאַרשידן פֿון זיינע צייט־גענאָסן.

כדי זיך איבערצוצייגן, אַז ער איז געווען איינער פֿון די פֿיינסטע ווינער פּסיכאָלאָגן — און אגב, פּסיכאָלאָגיע איז אויף אַזוי ווייט אַ ספּעציפֿיש ווינער קונסט, אַז די צוויי ווערטער „ווינער פּסיכאָלאָג" זענען כמעט ווי אַ פּלעאָנאָסמוס

— איז גענוג איבערצולייענען זיינע וווּנדערבאַרע קינדער־פּעליעטאָנען. אָבער הערצלס פּסיכאָלאָגישער חוש האָט נישט גענישטערט אינעם פּינצטערן מלכות פון אינסטינקטן, פונעם יצר־הרע, ווי ביי שניצלערן, אָדער, אויפן וויסנשאַפטלעכן פּלאַן, ביי פּרוידן. אים האָט נישט געצויגן דער אַנאַליז פון קראַנקייטן, פון מענטשלעכער מיאוסקייט און שלעכטקייט; ער האָט נישט געזוכט באַווייזן צו באַ־רעכטיקן זיין סקעפּסיס אָדער זיין פּעסימיזם, זיין נישט־גלויבן אין מענטשן — נאָר פאַרקערט: אים האָט געצויגן ווי אַ מאַגנעט דווקא די ליכטיקע, די פאַרביקע, די שיינע וועלט, דאָס מלכות פונעם יצר־הטוב; ער האָט באַדאַרפט טאָג־טעגלעך געפינען באַווייזן פאַר זיין טיפן אָפּטימיזם, פאַר זיין גלויבן אינעם מענטשן, אין זיין גוטסקייט און אין זיין הערלעכער צוקונפט.

אין דעם זין איז ער דווקא קיין ווינער נישט געווען — נישט געקוקט אויף דעם לייכט־עלעגישן ניגון, מיט וועלכן עס איז דורכגעוועבט זיין שרייבן; נישט געקוקט אויף דער פיינער איראָניע און דער צאַרט־ווייכער ווינערישקייט פון זיין וווּנדערשיינער דייטשער פּראָזע. טיף אין האַרצן האָט ער אַלעמאָל מלמד־זכות געווען. די סיבות פון די בייזע, פּינצטערע דערשיינונגען האָט ער געזוכט נישט אינעם מהות פון מענטשן, וועלכער איז כלומרשט אומפאַרענדערבאַר (ווי למשל פּרויד, וועלכער האָט טאַקע צוליב דעם נישט געגלויבט, אַז די מענטשהייט איז בכלל פעיִק צו פאַרמיידן מלחמות און בלוטיק־סאַדיסטישע אַגרעסיעס), נאָר אין אָביעקטיווע אומשטענדן, אין פאַקטאָרן, וועלכע זענען אין אונדזערע הענט, וועלכע מיר קענען ענדערן און פאַרבעסערן; מיר דאַרפן נאָר וועלן. „אויב איר ווילט, איז עס נישט קיין מעשהלע״...

*****

און דאָס איז דער געהיימער פאָדעם, וועלכער ציט זיך פון הערצל דעם שריי־בער צו הערצל דעם נביא. דער נביא איז ביסוד אַן אָפּטימיסט און אַן אוטאָפּיסט. ער גלויבט, אַז דער מענטש איז פעיִק צו זיין גוט; ער מוז נאָר באַקומען די פּאַסיקע אָביעקטיווע אומשטענדן, און די דאָזיקע אומשטענדן קען ער זיך אַליין שאַפן; ער מוז נאָר וועלן. און אויב ער וועט וועלן, קען אַפילו פאַרווירקלעכט ווערן יענע פולקאָמסטע אוטאָפּיע, וועלכע ישעיהו האָט פאַראייביקט אין „ויהי באחרית הימים״.

אַפילו דעם אַנטיסעמיטיזם האָט הערצל נישט אויפגעפאַסט אַלס אַ באַווייז פון מענטשלעכער שלעכטקייט, נאָר אַלס אַ רעזולטאַט פון אַן אָביעקטיווער געזעל־שאַפטלעכער אַנאָמאַליע: דאָס איז דער אייטער וואָס גיסט זיך פון אַלטע, פאַר־לאָזטע ווונדן, פון ווונדן, וועלכע זענען אַנטשטאַנען ביי די פעלקער פון דער וועלט דורך דער טויזנט־יאָריקער רייבונג מיט דעם נישט־אַסימילירבאַרן יידישן פרעמד־קערפּער, וועלכער וויל נישט און קען נישט ווערן אַבסאָרבירט און פאַרדייעט אינעם גויישן אָרגאַניזם... נישט די מענטשן זענען שולדיק; די אָביעקטיווע סיטואַציע איז

שולדיק. דעריבער וועט נישט העלפן צו פרעדיקן מאָראַל פאַר מענטשן: פאַר ייִדן — זיי זאָלן זיין „באַשיידענער", נישט ווערן צו רייך, נישט זיין צו קלוג אאַ״וו. — אָדער פאַר גויִים — זיי זאָלן אונטערדריקן אין זיך זייערע אַגרעסיווע אינסטינקטן, זייער שנאה צו ייִדן. ניין, דאָ קאָן נאָר העלפן אַן ענדערונג אין זייער אָביעקטיווער סיטואַציע: עס מוז אויפהערן די רייבונג, און די וווּנדן וועלן פון זיך אַליין זיך אויסהיילן. דער פרעמד־קערפּער מוז אַרויס פון די אָרגאַניזמען, אין וועלכע ער וויל נישט און קען זיך נישט אויפלייזן; ער מוז ווערן אַליין אַן אָרגאַניזם־פאַר־זיך, אַ נאַציע, אַ מדינה. דאַן וועלן ממילא פאַרשווינדן אַלע פּאַטאָלאָגישע דערשיינונגען — סיי ביי ייִדן, סיי ביי גויִים.

איז עס שווער צו פאַרווירקלעכן? יאָ, שווער; אָבער נישט אוממעגלעך. מען מוז נאָר וועלן...

אָבער ווי אָפּטימיסטיש ער איז געווען — איז ער נישט געווען נאַיִוו. ער האָט נישט געגלויבט, אַז מען קאָן איבערצייגן מענטשן נישט צו זיין שלעכט, ווי לאַנג די אָביעקטיווע אומשטענדן, וועלכע צווינגען זיי צו זיין שלעכט, זענען נישט באַזייטיקט. דעריבער, האָט ער געציטערט פאַרן גורל פון אייראָפּעיִשן ייִדנטום. פאַר אים זענען די פּאָגראָמען — אין די באַשטייענדע אומשטענדן — געווען אומפאַרמיידלעך. נאָכן קישינעווער פּאָגראָם האָט ער פאַרלוירן דאָס געדולד. דער סולטאַן וויל נישט אָפּטרעטן ארץ־ישראל — דאַרף מען דאָך אַרויסנעמען די ייִדישע קיבוצים פון אייראָפּע, און דערוויל, צייטווייליק, זיי קאָנצענטרירן אין אַן אַנדער אָרט. קודם־כל דאַרף מען ראַטעווען די ייִדן פונעם בלוטיקן אונטערגאַנג; די צייט פון דער פולער גאולה, פון פאַראייניקן דאָס ייִדישע פאָלק מיט זיין היסטאָרישן לאַנד וועט שוין קומען. עס זאָלן נאָר זיין ייִדן, לעבעדיקע ייִדן...

אַזוי איז געבוירן געוואָרן דער אוגאַנדאַ־פּלאַן.

פינף־און־דרייסיק יאָר שפּעטער האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז זיין פּראָגנאָז איז געווען ריכטיק, הגם דאָס ייִדישע פאָלק האָט אָפּגעוואָרפן זיין פּלאַן. דאָס ייִדישע פאָלק איז נישט געווען פעיִק צו מאַכן אַזאַ גרויסע ווילנס־אָנשטרענגונג פאַר אַן „ערזאַץ״־היים, פאַר אַ „נאַכט־אַזיל". עס איז געווען צו אָפּטימיסטיש לגבי דער נאָענטער צוקונפט, אָדער, ריכטיקער געזאָגט, צו נאַיִוו. הערצלס נביאישע אויגן האָבן געזען טיפער. ער האָט נישט געגלויבט, אַז די מענטשן זענען שלעכט לויט זייער מהות — און דווקא דעריבער איז ער נישט געווען אָפּטימיסטיש. ווייל אויף מענטשן קען מען אפשר משפּיע זיין; אויף אָביעקטיווע היסטאָרישע געזעצן — נישט. אָביעקטיווע געזעצן זענען גרויזאַם ביז גאָר, ווי ווולקאַנען, ווי חיות אין דזשונגל. די קלוגע סקעפּטיקער, די רעאַליסטן, זיי זענען געווען די נאַיִווע; זיי זענען געגאַנגען מיט אָפענע אויגן אין מאַסן־טויט. ער, דער אידעאַליסט, דער אָפּטימיסט, דער אוטאָפּיסט — ער האָט געזען דאָס גאַנצע שוידערלעכע צוקונפט־בילד; ער האָט זיי געוואָרנט. זיי האָבן אים פשוט נישט פאַרשטאַנען.

**
*

דאָס ביסל ייִדן, וועלכע האָבן באַוויזן צו גיין אין הערצלס וועגן, האָבן גע־ראַטעוועט זיך און דעם המשך פון דער ייִדישער נאַציע. זיי האָבן אויסגעקעמפט מדינת ישראל. פאַר דאָס רוב אייראָפּעיִשן ייִדנטום איז די גאולה געקומען צו שפּעט.

אָבער די געשיכטע האָט געשאַפן אויך אַ מין אוגאַנדאַ, אַן „ערזאַץ־אוגאַנדאַ, פאַר אַ טייל פונעם ייִדישן פאָלק. דער אַמעריקאַנער קאָנטינענט איז געוואָרן אַ גוטער, באַקוועמער, שיינער „נאַכט־אַזיל״ פאַר עטלעכע מיליאָנען ייִדן. אינס־טינקטיוו האָבן זיך אַ סך אייראָפּעיִשע ייִדן נאָך באַוויזן צו ראַטעווען פונעם וווּלקאַן, איידער די פייער־טייכן האָבן פאַרשלונגען זייערע היימען און זייערע ברידער.

און היינט שטייען מיר ווידער אין דער ציוניסטישער וועלט פאַר אַ מין אוגאַנדאַ־דיסקוסיע. וועלן ייִדן זיין פעיִק צו פאַרלאָזן דעם „נאַכט־אַזיל״, ווען עס וועט קומען די שעה זיך צו פאַראייניקן מיט דער היסטאָרישער היים? וועלן ייִדן איבערוואַנדערן פון „אוגאַנדאַ״ קיין ארץ־ישראל, נאָכדעם ווי די גאולה וועט שוין זיין געקומען?

די סקעפּטיקער, די רעאַליסטן, האָבן דעמאָלט געזאָגט: ניין — און האָבן אָפּגעוואָרפן הערצלס רעטונגס־פּלאַן. הערצל, דער אָפּטימיסט, דער גלויבער אינעם ווילנס־כוח פון מענטשן און בעיקר פון ייִדן, האָט געזאָגט: יאָ.

ייִדן דאַרפן געראַטעוועט ווערן פיזיש, כדי זיי זאָלן לעבן, עקזיסטירן, זיין גע־זיכערט פון פאַרפאָלגונגען און פון אונטערגאַנג. און ווען עס וועט קומען די גרויסע שעה, וועלן זיי געוויס אויסהאַלטן דעם היסטאָרישן עקזאַמען. קיין שום „ערזאַץ״ וועט ביי זיי נישט קענען פאַרבייטן דאָס לעבן אין באַפרייטן ארץ־ישראל.

די קומענדיקע יאָרן וועלן באַווייזן, ווער עס איז געווען גערעכט — הערצל אָדער זיינע קריטיקער.

**
*

צי האָט דאָס אַלץ אַ שייכות צו זיינע פעליעטאָנען? אפשר דאָך. ווייל הערצל דער שרייבער און הערצל דער נביא זענען, ווי געזאָגט, איין און דערזעלבער מענטש, און אין זיינע פעליעטאָנען האָט זיך אפשר זיין גרונט־כאַראַקטער, זיין וועלט־ און לעבנס־אויפפאַסונג אויסגעדריקט ריינער, אומיטלבאַרער, ווי אין זיינע ציוניסטישע שריפטן. דאָ רעדן צו אונדז נישט אַרגומענטן, נישט לאָגישע שלוסן — דאָ רעדט צו אונדז דער געניוס אַליין; דאָ איז זיין טיפסטער קוואַל. דאָ קענען מיר זיך באַהעפטן מיטן מאַגנעטיזם פון זיין גלויבן. דאָ קענען מיר שעפּן פון זיין קרישטאָל־קלאָרער ריינקייט, פון זיין איינמאָליקער מענטשלעכער קוואַליטעט. דורכן מעדיום פון זיין קונסט — ווי דורך אַן עלעקטרישן דראָט — קען אַריבער־

פליסן צו אונדז עפּעס פון זיין מהות, פון זיין גיגאַנטישער פּשטות און זיין איבער־מענטשלעכן ווילנס־כוח. מיר קענען אָנהייבן פאַרשטיין נישט נאָר זיינע ווערטער, נאָר אים אַליין, און דאַן וועלן מיר טאַקע פאַרשטיין גאָר אַנדערש זיינע ציוניסטישע אַרגומענטן אויך.

קען זיין, דעריבער, אַז עס איז דווקא אַ גרויסע יידישע ציוניסטישע לייסטונג, אַט דאָס איבערזעצן און אַרויסגעבן אויף יידיש הערצל „נישט־יידישע" פעליע־טאָנען...

ב. אליאב

בוענאָס־איירעס, נאָוועמבער 1955.

פילאזאפישע דערציילונגען

די בריל

ליבער פראַנץ!

מיר דאַכט זיך, אַז עס זענען פאַראַן תקופות, מיט וועלכע מיר האָבן אַ געוויסע קרובהשאַפט, און אין אָט אַזעלכער שרייב איך דיר נאָך אַ לאַנגן שטיל־שווייגן ווידער, ווייל דו ביסט געווען מיין חבר אויך אין אַנדערע יאָר־תקופות: אין פרילינג, אין זומער. אַמאָל פלעג איך ליב האָבן דעם פרילינג, נאָכדעם, דעם הייסן יולי און איצט האָלט איך שוין מיט מיין ליבע אַזש ביים סעפּטעמבער, מסתמא דערפאַר, ווייל גלייך מיט גלייכן טוט זיך גערן חברן.

פון אָט דעם אומגעלומפּערטן „טוט" וואָס איז מיר אַראָפּגעפאַלן פון דער פעדער, מוז איך לאַכן, ווייל איך דערמאָן זיך אין אונדזער שפּראַך־לערער. ווו רוט ער ערגעץ איצט דער אָרעמינקער? איך שטעל מיר פאָר, וואָס פאַר אַ צע־שראָקענעם בליק ער וואָלט אויף מיר געווען געוואָרפן, איבערן האָרן־רעמל פון זיין בריל, ווען עס זאָל זיך געווען באַווייזן אַזאַ אויסטערליש הילפס צייט־וואָרט אין מיין דייטשער קאָמפּאָזיציע. פראַנץ, פראַנץ, איז אַזוינס ווירקלעך געווען אַמאָל? די דייטשע קאָמפּאָזיציע, דער לערער מיט דער האָרן־בריל? איז די וועלט ווירקלעך געווען אַמאָל אַזוי יונג? עס איז האַרבסט איצט. אָבער איך וויל נאָך באַלד צוגעבן: זיסער האַרבסט. דאָ אין די בערג פאַרמאָגט ער נאָך געוויסע פאַר־געניגנס. די ליבע זון שיינט מיר אַריין דורכן פענצטער און לייגט אַוועק אַ ברייטן גאָלדענעם גלאַנץ אויף מיין שרייבטיש. איך בין צופרידן דערמיט, אָבער איך מוז זיצן אין מאַנטל. דאָס פענצטער איז אָפן, אונטן פליסט זיך דורכזיכטיק פאַר־ביי דאָס קליינע בערג־טייכל, די בערגלעך אויף דער אַנדערער זייט, וועלכע זענען נאָך גרין, הייבן זיך אויף אין אַ צאַרטן נעפּל און בלאָס איז דער בלויער הימל איבער זיי. אָט שווימט אויף אַ ווייס וואָלקנדל, פאַר וועלכן איך האָב פלו־צים דערפילט אַן אומדערקלערלעכע צערטלעכקייט, — אפשר דערפאַר, ווייל איך וועל עס מער קיינמאָל נישט זען.

עס איז אַזוי ווי איינע פון מיינע חלומות. פריער איז עס געווען צוזאַמענ־געקנוילט, אָן אַ שום פאָרעם; דערנאָך איז פון דעם געוואָרן אַ רוימישער צוויי־געשפּאַן, די פערד האָבן געפּאָרסקעט איינער קעגן אַנדערן, אינעם געלויף, און

אַט האָבן זיך די צעבושעוועטע פערד פאַרוואַנדלט אין אַ שוואַן, וואָס איז גליק־לעך געשווומען פאַרן קליינעם שיפל פון אַ מעשהלע־ריטער.

אויך פון דעם שוואַן איז גאָרנישט געוואָרן, ווייל אַראַבישע שייכס אין ווײַ־סע מאַנטלען ציִען זיך אויף קעמלען דורכן בלויען מדבר. וואָס זוכן זיי אין מדבר? אַ טויבן־מחנה איז עס. די טויבן־מחנה פון סאַן מאַרקאָ. ניין, מיר דוכט איצט, עס איז אַ שליטן; דער שלייער פון דער דאַמע פליט און דער מוטיקער בחור וועלכער רוקט זיך פאָרויס, נייגט זיך אַראָפּ צו איר אויער... אַך, עס צע־שווימט זיך, ווי די ליבע פון די יִנגלעך, און אויך ווי די שטאַרקערע ליבע פון די פרויען. אַט זעט עס נאָך אויס ווי דער העכסטער באַרג־שפּיץ מיט אייביקן שניי באַדעקט. איצט איז אויך דער אייביקער שניי צעשמאָלצן געוואָרן. וואָלקנדל, אַדיע!

ווען איך האָב באַטראַכט די מערקווירדיקע פאַרוואַנדלונג פון אַ קליין וואָלקנדל, האָב איך נישט־ווילנדיק זיך אַרויפגערוקט די בריל אויפן שטערן איצט האָב איך זי מיר אַראָפּגערוקט אויף דער נאָז. אַט אַהין ווו זי דאַרף אייגנט־לעך זיין און איך בין ווידער פאַרנומען מיט דיר. אָבער איך הער ווי דו טוסט אַ געשריי: „האַנס! איז עס מעגלעך? דו טראָגסט אַ בריל?״

יאָ, מיין קינד, דיין שפּיל־חבר האַנס טראָגט אַ בריל.

איך האָב מיך טאַקע היינט נאָר צוליב דעם אָוועקגעזעצט ביים שרייבטיש, כדי דיר מיטצוטיילן וועגן דער נייער טאַט־זאַך. איך האַלט עס פאַר זייער וויכ־טיק, איך דענק אַז דאָס איז אַ דערקען־איינשניט אין לעבן. געוויינטלעך גייען זיך די פעריאָדן פון אונדזער לעבן אַריבער איינער אין דעם אַנדערן און מיר באַמערקן עס אַפילו נישט רעכט.

און אַט אין דעם קען מען פאַרגלייכן דאָס לעבן צו מיין וואָלקנדל. רוימישע פערד, דער העלער שוואַן פון פּאָעזיע, שייכס פון מזרח, די נאַרישע טויבן־מחנה, די שיינע דאַמע אויפן שליטן, דער שניי־באַדעקטער באַרג־שפּיץ — ווי אַזוי זענען איר געקומען און פאַרשוואונדן? מען ווייסט עס קיינמאָל נישט.

די ערשטע גרויע האָר, צום ביישפּיל, זענען נאָך נישט אַזוי שלעכט. מען קען זיי נאָך פאַרזען. דער קאָמפּסלוסטיקער רייסט זיך זיי פשוט אויס. די פרויען קעמפן אויך אויפן געביט לענגער, ווי די מענער, ביז זיי גיבן זיך אונטער. ביי דער ערשטער, אַפילו ביי דער צענטער, אָדער צוואַנציקסטער ווייסער האָר, דאַרף מען זיך נאָך נישט זאָגן, אַז מען ווערט אַלט. עס זענען פאַראַן מענטשן, וועלכע ווערן פרי גרוי. מען ווייסט פון פאַלן, און אַזוי ווייטער. ערשט די בריל איז די גרענעץ, די וואַסער־טיילונג. פון דאַנעט אָן פליסן שוין די וואַסערן אויף דער אַנדערער זייט. דאָ מוז מען עס שוין גלויבן. די בריל איז דער אָפיציעלער אָנהייב פון דער עלטער. דאָס איז עס. איך האָב עס באַנייט. ווען? שרייסטו אויס באַצערט און איך פאַרשטיי דיין ווייטיק Et tua ves agitur

(אויך דיין זאַך איז אָפּגעטון). דו ביזט אין מיין בריל אינעם העכסטן גראַד באַ־טייליגט. אויב איך בין אַלט גאַנצע צוויי און פערציק יאָר, אַזוי וועט דיר גאָר־נישט העלפן, מיין ליבער פראַנץ, דו ביזט אויך נישט יינגער. דו ווייסט ווי ציצעראָ פלעגט חוזקן: !Nos vivi fortes (מיר שטאַרקע מענער). דאָס האָט מיר אגב שטענדיק אַנטציקט אין דעם כיטלען אַדוואָקאַט: ער האָט פאַרשטאַנען

דער פאָטער פון ד"ר הערצל — יעקב הערצל.

די מוטער פון ד"ר הערצל — זשאַנעט דיאמאנט הערצל.

די אַנדערע מיטצונעמען; ער איז קיינמאָל נישט נישט געווען אַליין. אָט אַזוי זאָג איך דיר: מיר אַלטע לייט. און איך וויל דיר דאָס נישט לייקענען, אַז מיין ווייטיק איז קלענער, ווייל דו ביזט מיט מיר.

איך פאַרשטיי, אַז דו וואָלסט זיך עפּעס מער געוואָלט דערוויסן וועגן דעם דערשיינען פון דער בריל, וואָס ציט דיר אַזוי אַרייַ צום מיטליידן.

עס איז נישט געקומען פלוצלונג.

דאָ ערשט נישט לאַנג בין איך געווען צוזאַמען מיט גוטע פריינט. איינער פון זיי איז אַ פּראָפעסאָר פון אויגן־קראַנקייטן, דער אַנדערער איז נאָך געווען אַסיסטענט ביי העלמהאָלצן. עס איז אַזוי אויסגעקומען אַז איך האָב באַדאַרפט לייענען אַ בריוו איך האָב אים געהאַלטן היפשלעך ווייט אַוועק פון מיין פנים. די פריינט האָבן געשמייכלט. איך האָב נישט פאַרשטאַנען פאַרוואָס. אָבער דער פּראָפעסאָר האָט געזאָגט: „איר מוזט זיך פאַרשאַפן אַ בריל נעמט אייך דעם שוואַכסטן נומער פאַר ווייטזיכטיקע". עס האָט מיר אַ ביסל אויפגעטרייסלט.

איך האָב פלוצלונג דערזען מיין זיידן, ווי ער פלעגט זיך אָנטון די בריל. איך האָב דערזען מיין פאָטער, איך האָב געזען די באַוועגונג מיט וועלכער ער פלעגט זיך אַרויסנעמען דעם פאַנסנע פון דער לינקער אויבערשטער וועסטל־קעשענע, איידער ער פלעגט זיך נעמען לייענען. הייסט עס, אַז איך בין שוין אויך אַזוי געוואָרן. דערווייל איז דאָס געשפּרעך זיך געגאַנגען ווייטער. מען האָט גערעדט וועגן אויגן. איך האָב זיך דאָ דערוווסט וועגן פאַרשיידענע מערקווירדיקע זאַכן, וועגן וועלכע איך האָב נישט געוווסט. העלמהאָלצס אַמאָליקער אַסיסטענט האָט נאָכדערציילט אַ וואָרט פון דעם גרויסן וויסנשאַפטלער. „ווען אַן אָפּטיקער״ — האָט העלמהאָלץ געזאָגט, — „זאָל מיר ברענגען אַזאַ אומפּולקאָמען אינסטרומענט ווי עס איז דאָ מענטשלעכע אויג, וואָלט איך עס אים צוריקגעגעבן, אַלס אומ־ברויכבאַר״. דער פּראָפעסאָר האָט צוגעגעבן: „אַ פולקאָם אויג איז אַזוי זעלטן, אַז דער איינאָונאיינציקער וואָס עס האָט פאַרמאָגט איז צוליב דעם באַרימט גע־וואָרן אין דער וויסנשאַפט״.

„דאָס איז געווען אַ שוסטער אין ברעסלוי. ער פלעגט זען די סאַטעליטן פונעם „יופּיטער״ מיטן בלויזן אויג, און דאָך האָט דער מענטשלעכער זע־אַפּאַ־ראַט אַ ווונדערלעכע אייגנשאַפט, דאָס איז די צופּאַסונגס־פעיִקייט. אונטער דעם פאַרשטייען מיר די פעיִקייט זיך איינצושטעלן אויף גרעסערע אָדער קלענערע דיסטאַנצן. דאָס וואָלט אויף אַזאַ אופן קיין מעכאַנישער אַפּאַראַט קיינמאָל נישט געקענט״.

איך האָב נישט געוואַגט פאַר אַט די פאַכלייט אַרויסצוזאָגן דעם געדאַנק וואָס מיר איז דערביי איינגעפאַלן. איז אַט די גאַנצע מיסטעריעזע פונקציע, וועלכע מיר רופן אַן לעבן, נישט קיין צופּאַסונגס־קראַפט, וואָס פאַרווענדט אַ סך מער חושים ווי אונדזערע היינטיקע וויסנשאַפטסלייט און איבערהויפּט מיר אומגעבילדעטע שטעלן זיך פאָר? און דער געדאַנק איז מיר דערביי איבערגע־גאַנגען, ווי אינעם וואָלקנדל, צו מיינע ליבלינגס־ווערטער פון האַריכיס מאַקאַמען:

— וואָס עס איז צו נאָענט פאַרן אויג, זעסטו נישט בעסער ווי דאָס ווייטע. זיך אַליין זעסטו נישט דורך און אויך נישט די וועלט די ברייטע.

„דער שוסטער פון ברעסלוי האָט געזען די גאַנצע וועלט. ווי ווונדערלעך! האָט ער געזען אויך זיך אַליין? איז די נשמה אויך געווען אַזוי פולקאָם, ווי דאָס אויג? און ער איז געבליבן ביי זיינע קאָפּיטעס, אפשר טאַקע צוליב אַזאַ גרויסער חכמה, וואָס קען נישט אַריבערגעשטיגן ווערן? אָבער נישט יעדער, וואָס בלייבט ביי זיינע קאָפּיטעס זעט די סאַטעליטן פונעם יופּיטער״.

מיינע פריינט זענען שוין ווידער אָוועקגעפאָרן, און איך קען זיך שוין ביי זיי נישט אָנפרעגן. שריפטלעך שעם איך זיך עס צו טון, ווייל מיין נאָכפאָרשן קען אַמאָל אויסקומען נאַריש. טראַכט איך מיר אויף מיין אייגענעם חשבון, ווי אַ פויער, וועלכער איך וואָלט גערן וועלן זיין, איז דאָס נישט קיין פאַרגליך,

דאָס וואָס אונדזערע אויגן פאַרלירן די פעיִקייט זיך צוצופּאַסן צו דעם וואָס איז נאָענט, ווען מיר ווערן עלטער? די קלייניקייטן, וואָס זענען אַרום אונדז פאַר־לירן זייער ווערט. מיר זעען נאָר דאָס גרעסערע, דאָס ווייטערע, און דער קרייז צערולט זיך אַלעמאָל ווייטער אַזוי לאַנג, ביז מיר פאַרלירן סוף כל סוף דעם אינטערעס צום געוויינלעכן אין לעבן. דעמאָלט זענען מיר צייטיק פאַר יענער וועלט, אָדער ווי אַזוי נאָך דאָרט מען רופט אָן יענע געגנט, פון וואַנען קיין שום וואַנדערער איז נאָך נישט צוריקגעקומען. יאָ, איך האַלט, אַז דער דאָזיקער אי־בערגאַנג פאַרשאַפט אויך נישט קיין ווייטיקן, דאָס אַלט ווערן איז דאָס בהדרגה־דיקע צופּאַסן זיך צום סוף פון אַלץ און אין דעם פּרט, בין איך נישט מסכים מיט דער טרויעריקער אַנשויאונג פון דעם בכבודיקן האַראַצע וואלפּאלע. דאָס איז אַ פיינער, אַלטער ענגלישער דזשענטעלמען, מיט וועמען איך האָב זיך אַמאָל אין אַן אָוונט באַקענט דאָ אין דעם לייען־זאַל פון האָטעל.

די אָוונטן זענען קיל, דער האַרבסט קריכט אונדז דורך די ביינער און עס איז נישטאָ מער וואָס צו טון, ווי צו באַזוכן דאָס לייען־צימער. ווען איך בין אַהין דאָס ערשטע מאָל אַריינגעקומען, איז דאָרט שטיל געווען פאַרזאַמלט אַ געזעלשאַפט, וואָס האָט צווישן זיך קיין שום שייכות נישט געהאַט. צייטונגען און מענטשן פון דער גאַנצער וועלט, מערסטנס ענגלענדער. זיי זענען געזעסן הינטער גרויסע בלעטער און האָבן זיך נאָכן עסן צוגעלאָזט צום געמיט די צרות פון אונדזער צייט. מען קען דערביי גאַנץ גוט פאַרדייען און דאַכט זיך מיר, אַז שלאָפן אויך. אַ גרויסע פראַנצויזישע, אָדער לאַנדאָנער צייטונג מאַכט אויסזען רעספּעקטאַבל. אַפילו ווען מען דרימלט איין. עס איז פאַראַן אַ ביכער־שאַנק אין לייען־זאַל. אין אָנהייב האָב איך אים באַטראַכט אויבנאויפיק. איך האָב אים אָבער באַלד געשענקט מער אויפמערקזאַמקייט. ווייל עס איז געווען די אַלטע זאַמלונג פון אַ מענטשן מיט געשמאַק, און נישט דער מאָדערנער בונטער ביכער ערב רב. ווי אַזוי איז דער באַלעבאָס געקומען צו אַזאַ איידעלער געזעמל? איז ער אַליין טאַקע געווען אַ לאַנד־לאָרד פון אַ בעסערן שניט, אָדער האָט ער זיי אויפן הויפן אָפּגעקויפט אין אַ שלאָס נאָכן טויט פונעם אייגנטימער און דאָ אַוועקגעשטעלט פאַר די רעגנדיקע טעג? אַלנפאַלס, ווער עס זאָל נישט זיין, דער וואָס האָט די ביכער־זאַמלונג צוזאַמענגעשטעלט, איז ווערט באַגריסט צו ווערן. עס זענען פאַראַן גוטע ווערק און די אַנדערע האָבן כאָטש די מעלה, וואָס זיי זענען אַלט. אָט אַזוי פאַראינטערעסירן דאָך אונדז אויך אומבאַדייטנדיקע מענטשן, ווען זיי קומען פון ווייט; עס איז פאַראַן עפּעס אַ ריח פון ווייטקייט אויף זייערע קליידער. איך האָב אַרויסגענומען עטלעכע בענדער פון שאַנק און האָב ווי ביי ווייןן פאַרזוכן ווו־נישט־ווו אַ זופּ געטון. אַ באַנד פון וועבערס דעמאָקריט, וואָס דערמאָנט מיך אין אונדזער הויז־דאָקטאָר, ווען איך בין נאָך געווען אַ יינגל; ער איז געווען אַ טרוקן, קאָמיש אַלט מאַנספּאַרשוינדל, זייער באַלעזן, אָנגע־

שטאָפּט מיט פאַרוויילנדיקע אַנעקדאָטן. און ער פלעגט זיך נישט איינמאָל איבערחזרן. ווייטער אַ באַנד פון מאַקיאַוועלס פלאָרענטינישע געשיכטן, און אַ באַנד בריוו פון דעם ערווירדיקן האָראַצע מאַן.

איך האָב מיר צוגערוקט אַ באַקוועמען אָנלען־שטול צום נאָענטסטן לאָמפּ און עס האָט מיך אַרומגענומען דאָס אָנגענעמע פאָרגעפיל פון לייענען. איך האָב אַמאָל געלייענט פון פראַנצויזישן גראַמען־שמיד — טעאָדאָר באַנוויל הייסט ער — אַ געדיכט, וואָס דריקט אויס אָט אַזאַ שטימונג. די ווערטער האָב איך ליידער פאַרגעסן. נאָר דער אָפּקלאַנג פון איין גראַם קלינגט מיר נאָך אין די אויערן. ווען עס פאַרשווינדט די יוגנט, און ליזעט אָדער ליזאָן לאַכט שוין צו אונדז נישט מער — לאָמיר זיך טרייסטן מיט ליזאַן — דעם גענוס פון לעזן... ווען איך זאָל עס דיר ווי עס איז ווען נאַכריכטן, וואָלט עס מער ווייניקער געדאַרפט קלינגען אַזוי:

— מען מוז שוין מיט ליזען געזעגענען זיך. ס׳איז דיר, אַלטער געבליבן נישט מער ווי אַ בוך!

אָבער ליידער, מאַכט אויך דאָס געוויסע שוועריקייטן, ווי איך האָב באַמערקט. דער דעמאָקריט און די פלאָרענטינישע געשיכטעס האָבן געהאַט אַ שלעכטן קליינעם דרוק. און צוליב דעם, ווייל איך האָב דאָס בוך געמוזט האַלטן ווייט פון זיך, זענען די שורות פאַרשוווּמען געוואָרן. דער פּראָפעסאָר האָט געהאַט רעכט: איך האָב געדאַרפט אַ בריל. אָבער אין דער צייט זענען די געשעפטן שוין געווען פאַרמאַכט. איז נישט געווען קיין אַנדער ברירה, ווי אָפּצולייגן דאָס לייענען אויף מאָרגן. איך האָב צוריקגעלייגט די ביכער און מיר אָנגעקוקט די לייענענדיקע. ערשט איצט איז מיר אויפגעפאַלן, אַז כמעט אַלע האָבן געטראָגן אויגן־גלעזער. סאַמע יוסטע לייט. הייסט עס, אַז איך בין נישט געווען דער איינציקער. דעם זעלבן גורל האָבן אַלע. איך האָב דערפילט רחמנות אויף די אַלע אומבאַקאַנטע, ווייל עס איז מסתמא קיינעם נישט לייכט אָנגעקומען. אויך אַ געוויסן דרך־ארץ האָב איך געפילט צו זיי, ווייל זיי האָבן עס רויִק אַריבערגעטראָגן. דאָס וואָס ליזעטע, ליזאַן שמייכלט נישט מער צו זיי. און שטילערהייט האָב איך געזאָגט צו זיך אַליין: „ליבע חברים, מאָרגן טרעט איך אויך אַריין אין אייער געזעלשאַפט. דערווייל נאָך אַלס דער ייִנגסטער, אָבער איך וועל פון טאָג צו טאָג אַלץ מער בכבודיק ווערן“. אָט אַזוי באַקומען די פּשוטסטע זאַכן גאָר אַן אַנדערן אויסזען, ווען מען באַטראַכט זיי: Sub speciae aeternitatis (אינעם שיין פון אַלטקייט). ווי אַזוי קען אויסזען, ווען מען באַטראַכט זיי: Sub specia senectutis (אינעם שיין פון אייביקייט?) ער האָט געשליפן ברילן, שפּינאָזאַ. פאַר אַ פילאָזאָף איז עס גאָר אַ שיינע פאַסיקע פּרנסה.

דעם צווייטן טאָג בין איך מיט פעסטע טריט אַריינגעגאַנגען אין ברילן־געשעפט. איך האָב זיך איבערנאַכט מישב געווען, אַז איך זאָל דעם ענין אָנגע־

מען גאַנץ ערנסט. אָן שום קאָקעטעריע. איך האָב מיר נישט געוואָלט אַרויפזעצן אויף דער נאָז אַן אָפּגעטאָקטן פּאַנסנע, נאָר אַ פּשוטע בכבודיקע בריל. דאָס וואָסער ווערט נישט וואַרעמער, ווען מען קווענקלט זיך אַריינצוגיין און מען נעצט זיך איין פּאַמעלעך. אַריין מיט איינמאָל, אָט אַזוי טוען עס מוטיקע מענטשן. דערפאַר האָב איך מיר, נאָכדעם ווי מען האָט געמאַכט די פּראָבע פון לייענען, אויסגעווילט אַ פּאַסיקע בריל מיט אַ דיקער, שוואַרצער האָרן־איינפאַסונג. אַפילו מיין זיידע וואָלט זיך נישט געווען געדאַרפט מיט איר שעמען. איך בין מיר פאָרגעקומען אַלס אַ בעסערער מענטש ווען איך האָב זי שוין געהאַט ביי זיך אין קעשענע. מיט וואָס פאַר אַ אויגן וועלן קוקן די ר׳עספּעקטאַבלע מענטשן אינעם לייען־צימער, ווען זיי וועלן דערזען דעם נייעם קאָלעגע. אך, גאָט, מען איז דאָך נישט פולקאָם, עפּעס אַ ביסל פוסטקייט בלייבט דאָך נאָך איבער, אַפילו ווען מען מיינט, אַז מען האָט זי שוין אינגאַנצן אין זיך פאַרניכטעט. איצט האָב איך געהאַלטן דערביי, צו וועלן געפעלן אַלטע מענטשן. עס איז אַ שוואַכקייט, איך בין עס מודה. ווייטער בין איך געווען אין אַן ערנסטער שטימונג, אַזוי ווי עס האָט זיך געפּאַסט פאַר מיין לאַגע. איך האָב דיר אַפילו געגעבן אַ באַווייז פאַר דעם: ווען אַן אַמעריקאַנישע געזעלשאַפט איז מיט אַן אויטאָמאָביל צוגעפאָרן צו אונדזער האָטעל, האָב איך דעם דאָזיקן געשעעניש נישט געשענקט קיין שום אויפמערקזאַמקייט. אָבער איך האָב דאָך נישט געקענט אויסמיידן צו באַמערקן, אַז די פרויען זענען געווען שיין און עלעגאַנט. פון דער וויטן, זע איך דאָך נאָך גאַנץ גוט. איך בין געזעסן אין וועסטיבול און זיי זענען לעבן מיר פאַרבייגעגאַנגען. איינע פון די פרויען האָט געלאַכט. אַ מאָדנע מוזיק איז געווען אין דעם דאָזיקן לאַכן, וואָס איז פאָרגעקומען אַזוי באַקאַנט; באַקאַנט, באַקאַנט — אָבער פון וואַנען? נו, אַלצייגס, אויב שוין נישט איר לאַכן, איז די דאַמע אַליין מיר געווען פרעמד, דערפאַר איז זי מיר ווייטער גאָרנישט אָנגעגאַנגען.

דאָ זעסטו באַלד, אויף וויפל שענער עס זענען די געזעצטע יאָרן. וואָס פאַראַ נאַרישקייטן וואָלט איך נישט געווען באַגאַנגען אין אַנדערע צייטן, כדי זיך צו קענען דערנענטערן צו דעם ראָזעווען קוואַל פון יענעם געלעכטער. אַזוי האָב איך מיר געגעסן מיין אָוונט־ברויט, ווי אַ רו׳קער פילאָזאָף און האָב זיך אַפילו נישט אומגעקוקט, ווען די אַמעריקאַנישע דאַמען האָבן אַריינגעשוועבט. זיי האָבן זיך גאַנץ פיין אויסגעפּוצט צום עסן.

איך בין מיר באַלד אַריבערגעגאַנגען אין לייען־זאַל. דאָ זענען שוין געזעסן אַלע בכבודיקע אַלטע לייט פון נעכטן, יעדער און יעדע מיט אַ צייטונג אָדער אַ בוך. איך האָב מיר גענומען אַ באַנד וואַלפּאָלעס בריוו, האָב מיר באַקוועם אַוועקגעזעצט און זיך אַרויסגענומען מיין בריל. איך האָב זי קודם גוט אויסגעווישט און זי אָנגעזאָטלט אויף דער נאָז. איך האָב זיך דערביי נישט געקענט

צוריקהאַלטן צו כאַפּן אַ בליק איבערן ראַנד פון דער בריל, וואָס פאַר אַן איינ־דרוק דאָס וועט מאַכן. די מענטשן האָבן עס גאָר אינגאַנצן נישט באַמערקט. זיי האָבן גאָרנישט געפונען קיין אויסערגעוויינלעכעס, אין מיין אָפּיציעלן אַריינ־מאַרש אין דער עלטער.

ליבער און וויכטיקער, ווי די גרויע לייענער איז מיר געוועזן דער ערוויר־דיקער האַראַצע וואַלפּאָלע פירשט אָף אָרפאָרד. צוריק מיט פינף פערטל יאָר־הונדערט האָט ער די דאָזיקע בריוו געשריבן צו זיין פריינט סיר האָראַצע, וועל־כער האָט זיך דעמאָלט געפונען אין פלאָרענץ, צוליב אַ דיפּלאָמאַטישע שליחות. דער ערווירדיקער האָראַצע דערציילט דעם סיר האָראַצע, וואָס עס קומט פאָר אין לאָנדאָן און אויף דער וועלט. עס איז אַ פּריוואַט צייטונג, וואָס איין דזשענ־טעלמאַן האָט געשריבן צו אַ צווייטן דזשענטעלמאַן. נאַטירלעך מיט אַ סך הויף־ידיעות. אָבער מיט גוטע בליקן אויף דער פּאָליטיק. די לאָרדן און די פאָלקס־פאַרטרעטער ווערן אָבסערווירט. ער זעט ווייט, איבער די גרענעצן. דעם צו־שטאַנד אין פראַנקרייך. ער זעט קלאָר די קומענדיקע רעוואָלוציע און דער דאַ־טום פון זיין שרייבן איז: אַרלינגטאָן סטריט, פעברואַר אָדער מערץ 1770. ער זעט אַן אונטערגייענדיקע שפּאַניע און אַ געפערלעך וואַקסנדיקע רוסלאַנד. און אין אַלץ פילט מען ביי אים דעם פיינעם שטאָלץ פון דעם ענגלישן גרויסן הער. ער פאַרמאָגט זייער אַ סך מאָס אין זיין שילדערונג און ער מאָלט דיר אָפּ אין עטלעכע ווערטער אַ גאַנצן מענטשן, אָדער אַ פאַרוויקלטע סיטואַציע, אַזוי אַז דו זעסט זי פאַר זיך. פאַרשטייט זיך, אַז אַמליבסטן איז ער מיר, ווען ער רעדט וועגן זיך אַליין. דאָ שרייבט ער אַמאָל צו זיין פריינט, אַז ער פילט זיך נישט אַמבעסטן אין זיין געזונט. ער האָט רעומאַטיזם אין אַלע זיינע גלידער. די טעג האָבן אים צוויי דינערס געמוזט אַרויסנעמען פון בעט, און עס זענען נאָך פאַראַן מענטשן, וואָס לויבן די עלטער...

> "O, My dear Sir, what self deluding
> fools we are through ewery stale?

ווען איך האָב דאָס געלייענט האָט עס מיר דעם אמתן שטאָך געטון. איז די דאָזיקע פייל נישט געווען געצילט אין מיין ברוסט?

אין יעדן צושטאַנד פון אונדזער לעבן, בלייבן מיר נאַראָנים, וואָס באַ־טריגן זיך אַליין. איך האָב אַוועקגעלייגט פאַר זיך דעם בוך און האָב אַראָפּגע־נומען די בריל. ווען מען איז נישט צוגעוווינט צו איר, שטרענגט זי טאַקע אָן די אויגן. מען דאַרף זי נאָר צום לייענען, נישט צום טראַכטן. עס איז שטיל געוואָרן אַרום מיר. שוין אַוועק אַלע... מיין איינזאַמקייט איז איבערגעריסן גע־וואָרן. די טיר פונעם דאַמען־סאַלאָן האָט זיך אויפגעמאַכט. איך האָב מיר נישט געדאַרפט אומקוקן. איך האָב זי דערקענט אין איר לאַכן. „זי וויל נאָך דאָס

ניו־יאָרקער בלאַט לייענען", האָט זי אויסגעשריגן. איצט האָב איך דערהערט אַ רויש און עס האָט געשמעקט לעבן מיר. און פּלוצלונג האָב איך זיך דערמאָנט, פון וואַנעט איך האָב געקענט איר געלעכטער. אָט אַזוי, פּונקט אַזוי, מיט די זעלביקע האַלדז־טענער האָט געלאַכט יענע, די איינציקע, פאַר וועמען איך האָב אין מיין לעבן לידער געמאַכט.

נאָר דו אַליין פראַנץ, ווייסט, ווי שלעכט זיי זענען געווען. אָבער לאָמיר זיך אומקערן אין לייען־צימער. — זאָל איך זאָגן דעם אמת, וואָס עס איז געווען מיין אינסטינקט, מיין באַוועגונג? מיין ערשטע באַוועגונג איז געווען — צו באַהאַלטן די בריל. אַ מאָמענט האָב איך נאָך געקעמפט, דערנאָך בין איך געוואָרן אויפריכטיק. „מיר געפעלט דער גערויש פון דיינע קליידער און דער ריח פון דיין פּערפום", האָב איך שטילערהייט געזיפצט. „איך בין שוין גאָט צו דאַנקען, לײדער איבער דעם אַריבערגעגאַנגען".

הויך און דעמאָנסטראַטיוו האָב איך אויפגעהויבן מיין בריל — מען קען זיך וועטן, אַז זי האָט עס גאָרנישט געזען — האָב אַ הויך געטון די גלעזער, זיי גוט אויסגעווישט, און בין ווידער פייערלעך געזעסן ביי די בריוו פון פירשט פון אָרפאָרד, וועלכער האָט אויך געמוזט אַלט ווערן, איידער ער איז געשטאָרבן, ליזאָנס!

אך, פראַנץ, איז דען דאָס נישט געווען ערשט נעכטן, ווען איך האָב דיר דערציילט וועגן מיין ערשטער ליבע, ווייל איך האָב עס קיין מוט נישט געהאַט איר אַליין צו זאָגן? איך זע נאָך אירע פערצן־יעריקע צעפּ מיט די רויטע בענדעלעך. איך זע נאָך איר קורץ, גרוי קלייד מיט די שוואַרץ־רויטע שלייפן. איך הער נאָך איר חוזקנדיקע שטים, וואָס נעמט מיר דורך דעם מאַרך און די ביינער און ווען זי האָט מיר אויסגעלאַכט איז מיר געוואָרן קאַלט און וואַרעם.

אַך, וואָס מען קלערט אַלץ נישט איבער בעת אַ וואָלקנדל בייט די געשטאַלטן און צערינט. וואָלקנדל, זיי געזונט! זיי אויך דו געזונט, פראַנציסצע.

דיין וויטזיכטיקער

יאָהאַנעס.

(1902)

דאָס לינקע גלעקל

דעם הער װענדעלינס אַהײמקומען האָט נישט געהאַט קײן שום יומטובדיקײט אין זיך. ער איז פּשוט אַהײמגעקומען נאָך דעם װי ער איז עטלעכע און צװאַנציק יאָר נישט געװען דאָ, ער איז עלטער געװאָרן, די שטאָט איז יינגער געװאָרן. אָבער דאָך זענען נאָך געװען אַזעלכע װינקעלעך װוּ עס איז נאָך אַרױסגעװאָקסן פֿון צװישן די פּלאַסטער־שטײנדלעך דאָס װילד־קרױט פֿון דער־אינערונגען. דער הער װענדעלין האָט אַ סך געחלומט, פֿון זינט ער איז װידער צוריקגעקומען. ער האָט זיך גאָרנישט געקענט אַרױסרײסן פֿון דער פֿריערדיקער צײט. אױף יעדער עק־גאַס האָט ער געטראָפֿן די אַלטע טעג. אָט איז װאַקלענדיק זיך געגאַנגען אַן אַלטע דאַמע — דעם הער װענדעלינס האַרץ האָט אַ ציטער געטון, װי אין די אַמאָליקע צײטן, װײל ער האָט פֿון װײטן דערזען, אַז דאָס איז דער זיסער עװעלעס מוטער. אַך, עס איז גאָר געװען עװאַ אַלײן. דערנאָך האָט ער דערזען אַן אױסגעדאַרטן הער מיט אַ גרױער באָרד, דאָס איז געװען דער רעכענונגס־ראַט, װעמענס זון פֿריץ, ער האָט דעמאָלט אין דער קװאַרטאַ (אין דער פֿערטער קלאַס), געפּאַטשט. ניין, דאָס איז גאָר געװען פֿריץ אַלײן. און אָט אַזױ האָט זיך פֿאַרן הער װענדעלין בולט באַװיזן דאָס פֿאַרבײגײן פֿון אַ דור. ער האָט זײ אַלעמען געזען לאַנגזאַם גײן צום בית־עולם.

מען האָט אױף אים אױך געקוקט אין דער ערשטער צײט, און דערנאָך האָט ער צוביסלעך פֿאַרלױרן דעם רײץ פֿון נײַקײט. ער האָט געװױנט בײ זײן פֿאָטער, בײ װעמען עס איז מיט אַ קורצער צײט צוריק געשטאָרבן די פֿרױ. מען האָט נישט געװוּסט װי לאַנג דער הער װענדעלין װעט דאָ פֿאַרבלײבן. עמעצער האָט עס געפֿרעגט בײ אים, און ער האָט געענטפֿערט: „ביז איך װעל װידער פֿאַרטיק װערן פֿאַר דער פֿרעמד. פּונקט װי איך בין געבליבן אין דער פֿרעמד אַזױ לאַנג, ביז איך בין פֿאַרטיק געװאָרן פֿאַר מײן פֿאָטער־שטאָט...“ אָבער ער האָט זיך, װײזט אױס, נישט געאײלט. האָבן אים זײנע געשעפֿטן געקענט אױף אַזױ לאַנג באַפֿרײען, אָדער האָט ער שױן זײן באַלעבאָס פֿאַרזאָרגט? װי אַזױ עס איז דעם הער װענדעלין געגאַנגען אין דער „פֿרעמד“, דאָס האָבן די עמפּפֿינדלעכסטע נעזער נישט געקענט אױסשמעקן. ער איז געװאָרן אַ שװײגנדיקער מענטש, און פֿון זײן אױסערלעכן אױסזען האָט מען אױך גאָרנישט געקענט דערקענען. אַפֿילו אָן זײנע קלײדער האָט מען אױך גאָרנישט געקענט דערקענען, אין װאָס פֿאַר אַ פֿאַרהעלטענישן ער האָט געלעבט און װי עס איז אים געגאַנגען. װײל װען ער איז אָנגעקומען, איז פּלוצלונג קאַלט געװאָרן און ער האָט געטראָגן זײן פֿאָטערס אַלטן מאַנטל, ביז זײן װינטער־ראָק, װעלכן ער האָט זיך געלאָזט מאַכן

ביים שניידער פונעם הויפּט־פּלאַץ איז פּאַרטיק געוואָרן. און אַזוי אַרום האָט דער הער ווענדעלין פּונקט אַזוי אויסגעזען ווי אַלע אָרנטלעכע בירגער פון שטאָט. אַ לייכטער הויך פון סודותדיקייט האָט זיך געטראָגן אַרום דעם הער ווענדעלין און דאָס האָט אים צוגעגעבן אַ געוויסע נאָבלקייט, אַזוי אַז מען פלעגט אים זייער גערן אויפנעמען ביי יעדן טיש, ווען ער פלעגט אין אָוונט קומען אין רעסטאָראַן. ער פלעגט אָבער געוויינלעך אַריינגיין אין דערבייאיקן צימער, וווּ עס פלעגט שטיין דער „טיש פון די גליקלעכע״. אָט אַזוי האָט מען מיט דעם וואָרט פון עפּעס אַ לץ אָנגערופן: מענטשן וועלכע פלעגן שטענדיק זיצן ביי דעם זעלבן טיש. עס איז אין דער דאָזיקער באַצייכענונג געלעגן קנאה און חוזק, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך דרך־ארץ, ווייל ווער עס האָט געוואָלט צוקומען אַהין, האָט שוין געמוזט זיין עמעצער, האָט געמוזט עפּעס פאַרמאָגן, אָדער עפּעס פאָרשטעלן מיט זיך. דער הער ווענדעלין האָט זיך באַלד דעם ערשטן טאָג גאַנץ רויק דאָרט אַוועקגעזעצט ביי יענעם טיש, ווייל ער האָט דאָך געקענט כמעט די אַלע מענער, נאָך פון יענער צייט ווען זיי האָבן זיך געוואָרפן מיט שניי־באַלעמס, ווען זיי האָבן נאָך צוזאַמען געגנבעט עפּל און ווען זיי האָבן באַהאַלטנערהייט געראַוכערט די ליולקע אונטער אַ גרויסן שטיין־הויפן. דאָס וואָס דער הער ווענדעלין האָט זיך אַזוי פּשוט גלייך אַוועקגעזעצט לעבן די גליקלעכע האָט אַרויסגערופן גאָר אַ גינסטיקן פאַראורטייל צו אים. אָבער ער האָט אין אָנהייב גאָר אַפילו נישט געוווּסט אין וואָס פאַר אַ געזעלשאַפט ער איז דאָ אַריינגעפאַלן. ווען ער האָט זיך צוביסלעך וועגן דעם דערוווּסט, האָט ער חשק געהאַט זיך בעסער צוצוזעצן צו אַנדערע. ווייל ביי די גליקלעכע האָט געהערשט אַ טאָן, וועלכער איז אים גאָרנישט געפעלן געוואָרן. זיי האָבן אַלץ און אַלעמען געמשפּט מיט אַזאַ זיכערקייט, זייער זעלבסטבאַוווּסטזיין איז געוועזן אַזוי גרויס, אַז דער הער ווענדעלין איז געוואָרן געפאַלן ביי זיך און ער האָט זיך געפילט אַלעמאָל פרעמדער, צווישן זיי. אַזוי ווי ער האָט זיך שוין אָבער געהאַט צוגעלאָזט צו זיי האָט ער זיך נישט אַזוי לייכט געקענט אַרויסדרייען. ער האָט געמוזט האָבן עפּעס אַ סיבה דערצו און זי האָט זיך טאַקע אין אַן אָוונט, בעת אַ געשפּרעך געמאַכט.

קויער, דער אייזן־פאַבריקאַנט, האָט אַ זאָג געטון: „אַך, פון די וועלכע זענען אַראָפּ פון רעלצן, פון די דורכגעפאַלענע, וויל איך גאָרנישט וויסן. זיי זענען זיך שטענדיק אַליין שולדיק. אַ פעיִקער מענטש קען אויך אַמאָל האָבן אַ דורכפאַל, דאָס לייקן איך נישט, אָבער ער שלאָגט זיך שטענדיק דורך. דאָס איז מיין מיינונג״.

די אַנדערע האָבן מולמלענדיק דאָס באַשטעטיקט, און דערנאָך וועגן דעם פלוצלונג אַ קוק געטון אויפן הער ווענדעלין, וועלכער האָט גערעדט מיט אַ מאָדנעם קלאַנג אין זיין שטים.

„אויב איר ווילט וועל איך אייך דערציילן אַ קליינע געשיכטע וועגן דעם, איך האָב זיך אַליין באַטייליקט אין די דאָזיקע געשעענישן".

פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן עס געוואָלט הערן. אפשר וועלן זיי איצט עפּעס געוווּיר ווערן פון דעם הער וועגדעלינס טיף־פאַרשלייערטן, פריִערדיקן לעבן. מאַנכע האָבן שנעל אויסגעטרונקען זייערע גלעזער און האָבן אים געבעטן ער זאָל וואַרטן ביז מען וועט ווידער ברענגען די אָנגעפילטע. מיט אַ שמייכל האָט



ד"ר הערצל מיט זיינע דריי קינדער.

ער באַמערקט ווי זיי גרייטן זיך, דערנאָך האָט ער אָפּגעווענדט דעם בליק פון זיי און האָט געקוקט אויף פאָרויס פאַר זיך. עס איז אים אַראָפּגעפאַלן אַש פון ציגאַר אויפן טיש. ער האָט עס צעשאַרט מיט די פינגער און האָט אַריינגעשריבן עפּעס צייכנס אין דעם.

אָבער איצט האָט מען געבראַכט די פרישע גלעזער, דער הער וועגדעלין האָט אָנגעהויבן דערציילן, און די מענער האָבן זיך איינגעהערט.

„אינעם ערשטן יאָר, ווען איך בין פון דאַנעט אַוועק איז מיר נישט גע־גאַנגען זייער פויגלדיק. ווען איך זאָל מיך נישט געווען שעמען, צוריק צו קומען, וואָלט איך געווען צוריק געקומען. אָבער דאָס איז עפּעס א מין לאָקאַל־פּאַטריאָ־

טיזם. אומעטום האָט מיר געמעגט גיין שלעכט נאָר נישט דאָ. און איך פרעג איך היינט, פאַרוואָס? איך האָב געוואָלט קומען צו עפּעס. איך האָב עס איך געוואָלט באַווייזן. וועמען? דיר, קויער, אָדער דיר, מאַרטין, אָדער דעם דעמאָלט־דיקן שטאָט־אינטענדענט, אָדער מיין ערשטער ליבע, אָדער מיינע לערערס? גע־נוג איך בין געווען אַן אייזל. אָבער אַן אייזל קען אויך קומען צו אַ פאַרצווייפל־טער שטימונג, און אַט אין אַזאַ שטימונג האָב איך זיך געפונען, ווען מיין גורל האָט זיך אַ קער געטון... איך האָב זיך דעמאָלט אויפגעהאַלטן אין אַ פּאָרט־שטאָט. איך וואָלט גערן געווען געפאָרן קיין אַמעריקע, און איך האָב שוין אַפילו גע־טראַכט צו באַקומען אַ פּאָסטן פון אַ הייצער, ווייל קיין געלט אויף קיין שיפס־קאַרטע האָב איך נישט געהאַט. און איך בין אַזוי געשטאַנען אין פּאָרט און האָב באַטראַכט די שיף „ווילהעלם ווילעמאַן״, וועלכע מען האָט נאָר־וואָס אויסגע־פוצט צום אַוועקפאָרן. די „ווילהעלם ווילעמאַן״ איז געווען זייער אַ שיינע שיף וועלכע האָט געטראָגן דעם נאָמען פון איר אייגנטימער, דעם גרויסן סוחר. די געשיכטע פון ווילהעלם ווילעמאַן האָט יעדעס קינד געקענט. ער האָט אָנגעהויבן גאַנץ קליין, מאַנכע באַהויפּטן: אַלס הייצער אָדער קעלנער אויף אַ פּאַקעט־שיפל, און דערנאָך איז ער געוואָרן דער גרעסטער שיפס־אייגנטימער. שיפן טראָגן זיין נאָמען, דער שענסטער פּאַלאַץ איז געווען זיינער, און ווו מען האָט נאָר עפּעס אין שטאָט געזען מעכטיקס און פּרעכטיקס, איז ער אין דעם געווען באַטייליקט, אָדער עס איז אינגאַנצן געווען זיינס. מיט איין וואָרט: קאָנינישטפּאַרשטיין...

איך בין פונעם פּאָרט דערנאָך אַוועקגעגאַנגען אין שטאָט אַריין, אין דער געשעפטס־געגנט, מיט דער שוואַכער האָפענונג, דאָך נאָך עפּעס צו געפינען אויף צו קענען פאַרדינען פּרנסה. איך האָב געטראַכט וועגן ווילהעלם ווילעמאַן, וועלכער האָט אויך געמוזט דורכמאַכן די זעלבע שטימונגען, איידער ער איז גרויס געוואָרן. און בעת איך האָב אַזוי וועגן אים געטראַכט האָב איך פּלוצלונג ווי אין חלום געהערט אָנרופן זיין נאָמען. עס זענען אַדורכגעגאַנגען צוויי יונגע מענטשן.

„אַט דאָס איז ווילהעלם ווילעמאַנס וואָגן״, האָט איינער פון זיי אַ זאָג געטון.

דער אַנדערער האָט אַ פייף געטון: „אַט דאָס? נו יאָ, ער דאַרף זיך נישט באַרימען״.

דער וואָגן איז געבליבן שטיין לעבן אַ גרויסעם געוויינלעכן קאָנטאָר־הויז. גאַנץ אומבאַדייטנדיק האָט אויסגעזען דער וואָגן פון דעם באַרימטן סוחר, מיט וועלכן ער האָט געמאַכט זיינע באַזוכן. איך בין נאָך אַזוי געשטאַנען און האָב אים אָנגעקוקט, ווען עס האָט זיך פּלוצלונג לעבן מיר באַוויזן אַן אַלטער הער און ער האָט מיך אַ פרעג געטון: „וואָס איז דאָ פאַראַן צו קוקן אויף דעם וואָגן? איז אפשר עפּעס צעבראָכן?״

דאָ זענען מיר איינגעפאַלן מיינע פריִערדיקע געדאַנקען, און איך האָב שפּאַסנדיק אַ זאָג געטון: „ניין, אָבער דאָס איז קאָנניטפּאַרשטיינס וואָגן".

אין זיינע קלוגע אייגעלעך האָט עפּעס לעבעדיק אַ בליץ געטון. מיין ענט־פער האָט אים באַגייסטערט. און דאָס וואָס עס איז שפּעטער געשען, איז מערק־ווירדיק. איך קען עס נישט אַזוי גיך דערציילן, ווי עס האָט זיך אָפּגעשפּילט. דער אַלטער האָט זיך מיט מיר אַוועקגעשטעלט לעבן וואָגן און האָט מיך אין צוויי מינוט אויסגעפרעגט אַלץ וועגן מיין לעבן און וועגן מיינע פּלענער. איך האָב מער קיינמאָל ביי קיין שום מענטשן נישט באַמערקט אַזאַ שנעלקייט אין אויספרעגן, אַרויספילן און פאַרשטיין. אין צוויי מינוט האָט ער מיך שוין גע־קענט פון אינעווייניק און פון דרויסן, ווי ער וואָלט זיין מיין דאָקטאָר און ער זאָל מיך האָבן גרינטלעך אונטערזוכט — און אַזוי האָט ער אויך לסוף מעשה דאָקטאָר אַרויסגענומען זיין ביכעלע, האָט עפּעס אָנגעשריבן מיט אַ בלייפעדער און האָט מיר אַריינגעדריקט אין האַנט אַריין אַ קאַרטעלע.

„גיט דאָס איבער אין אָט דעם הויז, אויפן ערשטן שטאָק!" האָט ער גע־זאָגט. ער איז באַלד נאָך דעם אַרויף אויפן וואָגן, דאָס טירל האָט זיך צוגעמאַכט. און ווי איך בין נאָך אַזוי געשטאַנען שטום און האָב אים נאָכגעקוקט אַ דער־שטוינטער, איז ער פאַרשוווּנדן, ווייל דאָס איז געווען ער אַליין: קאָאָניטפּאַרשטיין — ווילהעלם ווילעמאַן.

אויף דער וויזיט־קאַרטע זענען געווען אָנגעשריבן די דאָזיקע ווערטער אונטערן נאָמען ווילהעלם ווילעמאַן: „אינטערעסירט זיך מיט אָט דעם יונגנמאַן, וועלכער וועט אייך איבערגעבן די וויזיט־קאַרטע, און איך בעט, אים צו פאַרווענדן, אויב ער טויג".

איך האָב באַלד פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ גליק עס וואַרט אויף מיר. אַ רע־קאָמענדאַציע פון ווילהעלם ווילעמאַן וועט דאָך באַווייזן ווונדער. פאַר די גע־שעפטס־הייזער האָט דאָס געקענט זיין ווי אַ קעניגלעכער באַפעל. איך בין גע־שטאַנען אויף דער סאַמע הויך פון דער אַנטשיידונג פון מיין גורל, און מיט דעם שריט מעשה באַלעבאָס בין איך אַריין אין קאָרידאָר, און בין אַרויף אויף די טרעפּ צום ערשטן שטאָק. ביז אָט אַהער האָט געגרייכט מיין אינסטרוקציע און מיין חכמה — אָבער דאָ בין איך פּלוצלונג געבליבן שטיין פאַר אַ דילעמע. אין דעם הויז אויף די טרעפּ האָבן זיך געפונען צוויי גאַנץ גלייכע טירן, מיט צוויי גאַנץ גלייכע גלעקל־ציִערס איינער לעבן אַנדערן. איך זע נאָך היינט די צוויי שמוציק־ווייסע טירן פאַר זיך, כאָטש עס זענען שוין זייט דעמאָלט אַדורך מער ווי אַ פערטליאָרהונדערט. איך זע נאָך אויך די צוויי גלעקל־ציִערס. לויט דער דעמאָלטיקער מאָדע זענען דאָס געווען צוויי אייזערנע שטאַבעס מיט היל־צערנע הענטלעך און אויבן איבער דער טיר זענען געווען צוויי גלייכע לעכער אין דער מויער, דורך וועלכע עס זענען געווען אַדורכגעצויגן דראָטן, וואָס האָבן

באַוויגן די גלעקלעך און זיי האָבן אינעווייניק געקלונגען, ווען מען האָט גע־צויגן. יאָ, אָבער וועלכע פון די צוויי הילצערנע הענטלעך האָב איך געדאַרפט נעמען אין האַנט אַריין? זיי האָבן דאָך געהאָנגען איינס לעבן אַנדערן, דאָס לינקע רעכטס פון זיין טיר און דאָס רעכטע לינקס פון זיינער. איך האָב געדאַרפט אויס־קלייבן אָן אַ שום אָנווייזונג. ווייל די בײדע פירמעס, וועלכע איך האָב איבערגע־לייענט אויף דער טיר האָבן מיר גאַרנישט געזאָגט. „ווייסנריד עט קאָמפּאַני״ איז געווען רעכטס — „עבערהאַרד קרויזע״ לינקס. איך האָב נישט געקענט נישט ווייסנריד עט קאָמפּאַני און נישט עבערהאַרד קרויזע. מיין אומדערוואַרטעטער פּראָטעקטאָר האָט מיר נישט געזאָגט קיין נאָמען, און אויף דער וויזיט־קאַרטע איז אויך נישט געווען קיין שום אַדרעס. איך האָב זיך אַליין געמוזט אַנטשיידן פאַר דעם אָדער פאַר יענעם גלעקל. איך האָב אויסגעקליבן דאָס רעכטע, און דאָס איז געשען נאָך פיל שנעלער ווי איך דערצייל עס אייך דאָ. עס איז דאָך נישט געווען קיין שום אויסערגעוויינלעכע זאַך — דאָס לעבט מען דאָך איבער יעדן טאָג. איך האָב נישט געהאַט קיין שום פאָרגעפיל, אַז דאָס איז דער וויכ־טיקסטער מאָמענט אין מיין לעבן. איך האָב אויך נישט געהאַט דאָס געפיל, אַז איך דאַרף מיך אַנטשיידן פאַר עפּעס אַ וויכטיקער זאַך ווען איך האָב אַ צי געטון דאָס גלעקל וואָס האָט געהאָנגען רעכטס. און דערפאַר וואָלט איך געווען אַ נאַ־רישער מענטש, ווען איך זאָל היינט זאָגן: יאָ, איך בין געווען אַ בריה אָדער אַ חכם, ווייל איך האָב געצויגן דאָס רעכטע גלעקל.

פאַר מיר האָט זיך געעפנט די טיר פון ווייסנריד עט קאָמפּאַני. איך בין שוין געשטאַנען פאַרן באַלעבאָס פון דער פירמע, אַ פריינטלעכער עלטערער מענטש. ווילהעלם ווילעמאַנס וויזיט־קאַרטע האָט דערפילט איר שליחות, ווי דורך אַ כישוף. דער הער ווייסנריד האָט מיך גאַנץ ליבנסווירדיק געשטעלט צו אַ פאַרהער, מיינע ענטפערס האָבן אים צופרידנגעשטעלט און ער האָט מיך אויפ־גענומען. צו דעם קאָנגיטפאַרשטיין האָב איך געשריבן אַ דאַנקבריוו, וועלכן ער האָט מסתמא צוזאַמען מיט הונדערט אַנדערע נישט געלייענטערהייט אַריינגע־וואָרפן אין פּאַפּיר־קאָרב. איך האָב מיט אים מער קיינמאָל קיין שייכות נישט געהאַט. אָבער נאָך אַ געוויסער צייט האָב איך געהאַט די מעגלעכקייט צו באַזוכן ווייסנרידס פּריוואַט־הויז. מיין שעף האָט געהאַט אַ טאָכטער, אַ גוט דערצויגן און ליבע באַשעפעניש. אין דער פאַמיליע זיינער האָב איך געפונען דעם געזונטן גייסט פון שלום בית און פון אַרבעט, וועלכן איך האָב שוין געקענט פון דעם געשעפט אויס. אַלע מעלות פון דעם ערלעכן און באַשיידענעם בירגערטום זענען געווען צוזאַמענגענומען אין אָט דער פאַמיליע. דאָס איז געוואָרן אַ ציל פאַר מיר. און נאָך עטלעכע יאָר פון פלייסיקער אַרבעט, ווען דאָס געשעפט האָט זיך שוין אָן מיר נישט געקענט באַגיין, האָט מיך דער הער ווייסנריד צוגעצויגן פאַר אַ שותף צו דער פירמע און האָט מיר געגעבן זיין טאָכטער אַלס פרוי. דאָס

איז דאָך אַ גאַנץ געוויינלעכע געשיכטע, וועלכע שפּילט זיך אָפּ הונדערט טויזנט מאָל, נישט אמת? און עס איז גוט אַזוי. עס ווערן געבוירן קינדער און פילן אָן דאָס הויז מיט שפּילן מיט געזאַנג. מיט לאַכן, און אויך מיט דער וואַקסנדיקער ערנסטקייט. מען ווייסט צוליב וואָס מען לעבט, צוליב וואָס מען פּלאָגט זיך, און מען איז נישט טרייסטלאָז ווען מען ווערט אַלט.

אָבער צו מיין געשיכטע געהערט אויך דאָס לינקע גלעקל. מיט דער צייט בין איך, פאַרשטייט זיך, אויך געוואָרן וואָהין עס האָט געפירט דאָס לינקע גלעקל. איך האָב זיך אַלע מאָל גרינטלעך דערוווּסט וועגן אַלץ, און מיטן לויפן פון די יאָרן, האָב איך אַלעמאָל מער נאָכגעקלערט, ווען איך האָב באַטראַכט ביידע גלעקל־ציַערס, וועלכע האָבן פאַר מיר פריִער קיין שום באַדייטונג נישט געהאַט. פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב נישט יעדן טאָג געהאַט צייט אָדער חשק זיך אַוועקצושטעלן פאַר מיין טיר. אָבער ווען איך האָב אָנגעהויבן מער צו באַטראַכטן זאַכן און עס זענען פאָרגעקומען געוויסע געשעענישן, פלעג איך מיך אַוועקשטעלן פאַר ביידע גלעקלעך און טראַכטן: ווען דו זאָלסט דעמאָלט געוועזן אַ צי געטון דאָס לינקע גלעקל!...

עבערהאַרד קרויזע איז געווען אַן עלטערער, קראַנקער מאַן, און ער האָט געהאַט אַ יונגע, שיינע פרוי, וואָס האָט ליב געהאַט צו געפעלן. אין יענער צייט איז צו דעם הער קרויזע אַריינגעקומען אַ נייער בוכהאַלטער, און ער האָט אויך באַלד אָנגעהויבן אַריינצוגיין צו זיין שעף אין הויז אַריין. דער יונגערמאַן איז געווען מוזיקאַליש, די פרוי קרויזע אויך נישט ווייניקער, און כדי נישט לאַנג צו דערציילן, זיי זענען זיך געפעלן. דער הער קרויזע האָט געקרענקט ביז ער איז געשטאָרבן און די אלמנה האָט זיך באַלד געטרייסט. נאָך דער געהעריקער טרויער־צייט האָבן זיי חתונה געהאַט און די פירמע האָט פון דעמאָלט אָן געהייסן „עבערהאַרד קרויזעס נאָכפאָלגער".

עבערהאַרד קרויזעס נאָכפאָלגער איז נישט געווען גליקלעך. די דאָזיקע פרוי האָט אים געמאָטערט און זי האָט אים אויך אָפּגענאַרט. פאַרשטייט זיך, אַז ער האָט שוין פון לאַנג געוווּסט, אָבער נאָר פון די יסורים, וואָס זי האָט אים אָנגעטון און נישט פון איר אומטרייקייט. אַנדערע האָבן עס געוווּסט, דאָס גאַנצע הויז, די גאַנצע גאַס, נאָר דער נאָכפאָלגער איז אין דער הינזיכט אויך געווען, פּונקט ווי עבערהאַרד קרויזע. די פרוי האָט אים באַהערשט. זי האָט געהאַט פאַרשווינדערישע קאַפּריזן, און דאָס געלט האָט געמוזט זיין. עבערהאַרדס אָרעמער נאָכפאָלגער האָט זיך אויפגעפרעסן אין זאָרגן און אין מאַטערנישן, און האָט עס אין אַן איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג אַזוי אַריבערגעטראָגן אַ סך יאָרן. אָבער עס איז געקומען אַ טאָג ווי ער האָט שוין כמעט נישט געקענט. ער האָט דערביי געהאַט אַ מאָדנעם געפיל פון פאַרלייכטערונג, ווי אַן אַרבעטער, וועלכער האָט געהאָרעוועט איבער די כוחות, און איז געבליבן שטיין מיט פיבער —

אַן אַרבעטער וועמען די קראַנקייט האָט אָוועקגעלייגט, אַזוי ווי אַ קליין קינד. און ער איז געווען גאַנץ צופרידן, וואָס ער האָט עס דערגרייכט. ער האָט עס מאָלד געוואָלט צוויסן טון זיין ליבער פרוי, אַז עס איז שוין אויס מיט דעם כבוד זיינעם און מיט דעם גוטן לעבן, אַז מען מוז זיך אָפּרוקן אַן אַ זייט, אַז עס זענען שוין נישטאָ מער קיין שיינע קליידער און קיין לוקסוס. ווייל ער האָט זי געהאַסט פאַר די אַלע צרות, וואָס זי האָט אים צוגעטיילט אין די אַלע יאָרן. ער איז איצט געלאָפן אַ היים איר אָנזאָגן די בשורה אין אַ צייט, אין וועלכער ער איז נישט געווען געווינט צו קומען פון דער ביוראָ — האָט ער זי געטראָפן מיט איר געליבטן. עבערהאַרדס נאָכפאָלגער האָט ווידער אַמאָל אַ טיפן זיפץ געטון, אַזוי ווי ער וואָלט ווידער אַמאָל געוואָרן באַנקראָט... עס האָט זיך אָבער געמאַכט אַזוי, אַז דער געליבטער איז געווען רייך און ער האָט געוואָלט אַרויסהעלפן דער פירמע אין דער צרה. דאָ האָט מען אָבער נישט געקענט עבערהאַרדס קרויזעס נאָכפאָלגער. ער האָט געמאַכט אַ גרויסן דאָפּלטן סקאַנדאַל און האָט גאָרנישט געוואָלט פאַרשווייגן נישט דעם חורבן פון זיין כבוד און נישט דעם חורבן פון זיין פאַמיליען־לעבן. ווייל ער האָט זיך אַליין געזאָגט, אַז ער קען די בושה נישט קלענער מאַכן מיט דעם וואָס ער וועט זי פאַרדעקן... זעט איר, אָט דאָס איז געווען דאָס לינקע גלעקל.

דעם הער וועגדעלינס פּנים האָט זיך בעת דעם דערציילן היפּשלעך פאַרוויטלט. ער איז איצט אויפגעשטאַנען און האָט געוואָלט אַוועקגיין, האָט מען אים נאָך אַ מאָמענט צוריקגעהאַלטן. איינער האָט געוואָלט וויסן, צי איז דאָס טאַקע אין דערווירקלעכקייט אַלץ אַזוי געווען.

דער הער וועגדעלין האָט אַ שמייכל געטון מיט איראָניע און מיט ווייטיק:

„אָט פּונקט אַזוי. איך האָב אייך געשילדערט מיין לעבן ווי עס איז געווען און ווי עס האָט געקענט זיין. עס איז נאָר אָפּהענגיק געווען דערפון, צי האָב איך אין אַ געוויסן מאָמענט, וועלכער האָט זיך מיט גאָרנישט באַמערקבאַר געמאַכט, געצויגן דאָס לינקע גלעקל, אָדער דאָס רעכטע. אָט דאָס האָב איך אייך געוואָלט ענטפערן אויף דעם, אַז אַ פּעיִקער מענטש זעצט זיך שטענדיק דורך. אויב ער פאַרשטייט אַ צי צו טון דאָס ריכטיקע גלעקל, איז ער דעמאָלט אַ בריה. איר קענט, איבעריקנס, אַ פרעג טון מיין פעטער מאַרטין, צי האָב איך אייך דערציילט דעם אמת״.

אָבער דער פעטער האָט געוואַרט, ביז דער הער וועגדעלין איז אַוועקגעגאַנגען. דערנאָך האָט ער געזאָגט:

„אַוודאַי איז דאָס אַלץ אמת — עס איז נאָר דערציילט פון אַן אַנדערער זייט. ער האָט דעמאָלט נישט אָנגעקלונגען ביי וויסנריד. נאָר ביי עבערהאַרד קרויזע. ער האָט אַ צי געטון דאָס לינקע גלעקל״.

(1901)

דוימערלע און בוימערלע:
אָדער די צוקונפט

פאַר דער שטאָט, ווו עס שטייען איצט ווילעס אַזוי ווי לויטער קליינע שלעסער אַרומגערינגלט מיט גרינע גערטנער, איז אַמאָל אין אַ שיינעם טאָג דוימערלע און בוימערלע געגאַנגען שפּאַצירן. דעמאָלט, עס איז שוין דרייסיק יאָר אין דעם, זענען דאָרט געווען פעלדער, וועלכע האָבן נאָר געטראָגן דעם לבוש פון די זיך בייטנדיקע יאָר־סעזאָנען.

דוימערלע און בוימערלע, — אייגנטלעך האָבן זיי געהייסן אַנדערש, אָבער פאַר אונדזער דערציילונג וועט דאָס זיין גענוג, ווען מיר וועלן זיי אָנרופן מיט די צונעמען, וועלכע מען האָט זיי געגעבן אין שולע נאָך ווען זיי זענען ייִנגלעך געווען. אין אַ געוויסער צייט אַרום איז עס אַלץ איינס גלייכגילטיק, ווי אַזוי זיי, אָדער מיר, האָבן געהייסן.

די קינדער אין שולע זעען אָפט פאַרויס דעם גאַנצן מענטשן, ווען זיי רייצן זיך מיט אַ חבר צוליב זיינע אייגנשאַפטן. מען מוז אייגנטלעך נישט זיין קיין גרויסער חכם, אויף צו דערזען אין דעם קאַלב דעם גאַנצן אָקס. די צונעמען דוימערלע און בוימערלע האָבן סוף כל סוף נישט געהאַט קיין שום טיפערע באַדייטונג. דוימערלע איז געווען קורץ די ריכטיקע גרויס פונעם גראָבן פינגער, און בוימערלע איז געווען דאַר, הויך, אַ שטעקן, וואָס וויל ווערן אַ בוים. פון דער יוגנט־צייט פון די דאָזיקע צוויי יונגעלייט ווערט דערציילט די געשיכטע, ווי זיי האָבן געוואָלט דורכגיין דעם נאָך דעמאָלט גאַנץ סודותפולן ערד־טייל אַפריקע. זיי האָבן ביידע צוזאַמען פאַרמאָגט צען גולדן. אָט דעם פאַרמעגן פאַר דער נסיעה האָבן זיי צעטיילט אין צוויי גלייכע טיילן. פאַר איין טייל האָבן זיי איינגעקויפט פאַרשיידנפאַרביקע גלאָז־פערל, ווייל יעדער ווייסט עס, אַז מען באַקומט פאַר דעם אַלצדינג ביי די ווילדע פעלקער; און פאַר דעם צווייטן טייל האָבן זיי איינגעקויפט וווּרשט און אַנדערע עסנוואַרג אויפן וועג. די וווּרשט איז געווען דוימערלעס גייסטיקער פאַרמעגן, די גלאָז־פערל זענען געווען בוימערלעס אידייע, פון וועמען עס האָט אויך אַגב געשטאַמט דער פלאַן פון דער אַנטדעקונגס־רייזע. זיי זענען אָנגעקומען ביז צום סוף פון דער לעצטער וווּרשט. דערנאָך האָבן זיי זיך געמוזט אומקערן אַהיים צו די פאָטערלעכע פעטש. דוימערלע האָט זיך פאַרשווירן, אַז ער וועט קיינמאָל מער נישט גיין אַנטדעקן קיין ערד־טייל. בוימערלע

האָט זיך צוגעזאָגט, אַז ער וועט אַ צווייט מאָל מיטנעמען נאָר פּערל, ווייל ביי דעם פּרווו איז מען געווען צו פיל אָפּהענגיק פון די ווורשטן. מען מוז לערנען פון די דערפאַרונגען. און איבעריקנס איז דער לאַנגער בוימערלע אין זיינע שול־יאָרן געווען אַ סך גליקלעכער ווי דער קורצער דוימערלע. ווייל בוימערלע האָט זיך שטענדיק געפרייט מיט די וואַקאַציעס, גאַנצע צען חדשים, און נאָר אין די פרייע וואָכן איז ער געווען אין אַ שלעכטער שטימונג, ווייל אים איז געווען לעס־טיק דאָס לערנען, וואָס האָט זיך געדאַרפט אָנהייבן. דוימערלע אָבער האָט שטענ־דיק געליטן צוליב דער בילדונג און ער איז געווען גליקלעך ווען זי האָט זיך איבערגעריסן.

שפּעטער האָבן זיי מיטגעמאַכט מערקווירדיקע אַוואַנטורעס. דער קורצער האָט געגלויבט, אַז אַזעלכע איבערלעבונגען ווי זיינע קומען פאָר דאָס ערשטע מאָל אין דער וועלט. דאָס זעלביקע האָט אויך געגלויבט דער לאַנגער, וועגן זיינע איבערלעבונגען. אַלס יונגערמאַן האָט דוימערלע זיך געהאַט באַקענט מיט אַ פאַרדאָרבן מיידל, נאָר ווייל זי האָט געהאַט אַ קליינעם נדן האָט ער זי גענומען פאַר אַ ווייב. דעם באַשלוס האָט ער אָנגענומען נאָך דעם ווי ער האָט זיך אַן עצה געהאַלטן מיט זיין פריינט. דער פריינט איז געווען אַבסאָלוט קעגן אַזאַ מין חתונה. דוימערלע האָט אָבער נישט געהאַט קיין געהויבענע מיינונג וועגן אים, אַזוי אַז פון וואָס בוימערלע האָט אָפּגעראָטן, האָט ער געהאַלטן פאַר גלייך. דוימערלע האָט אָבער שטאַרק חרטה געהאַט, און ווען ער איז שוין געווען נאָך דער חתונה, האָט ער אָפט געזיפצט: אַך, בוימערלע איז געווען גערעכט! אַך בוי־מערלע איז געווען גערעכט!

און בוימערלע האָט טאַקע אַזוי געטון, ווי ער האָט געעצהט. ער האָט נישט חתונה געהאַט אין איילעניש מיט אַ שיין פּנימל אָדער מיט אַ זעקעלע גאָלד. ער האָט געטראַכט און זיך געישובט ווען עס האָט זיך אים געמאַכט אַזאַ מין געלעגנ־הייט אָדער ווען ער איז געשטעלט געוואָרן פאַר אַזאַ נסיון.

עס האָט זיך אַמאָל אין פרילינג געטראָפן, אַז זיי זענען ביידע אַרויסגעג־גאַנגען שפּאַצירן. בוימערלע האָט, ווי זיין געוווינהייט איז שוין געווען, געהאַלטן אין איין פילאָזאָפירן. ער האָט געזאָגט צו זיין פריינט, וועלכער איז געווען דערניי־דעריקט פון זיין ביטערן גורל צוליב זיין חתונה: „מען נעמט נישט קיין פרוי נאָר פאַר די האָניק־וואָכן, נאָר פאַר די אַלע קומענדיקע טעג און נעכט פונעם לעבן. ווער עס וויל ריכטיק אויסקלייבן, דער זאָל נישט קוקן אויף דעם מיידל, נאָר אויף איר מוטער".

דוימערלע האָט אָבער צופעליק אין דעם טאָג נישט געהאַט קיין פאַרדראָס אין דער היים און ער איז געווען אין אַ גוטער שטימונג. האָט ער געזאָגט: „אויב אַזוי האָב גלייך חתונה מיט דער שוויגער, ווען זי איז אַן אַלמנה".

אויף דעם האָט אים בוימערלע קלוג געענטפערט: „מיין ליבער, יעדער האָט חתונה מיט זיין שוויגער. ער באַמערקט עס נאָר נישט אין ערשטן מאָמענט. פאַרשטייט זיך, אַז מיר קען אַזוינס נישט פּאַסירן. איך האָב מיר געמאַכט אַ גע־וווינהייט צו זען די מענטשן נישט נאָר ווי זיי זענען איצט, נאָר אויך זיי צו זען אין זייער צוקונפטיקער געשטאַלט".

„אַך, צום טייוול!" האָט אַ זאָג געטון דוימערלע. אָבער עס איז נישט געווען קלאָר צי איז דאָס געווען אַנטקעגן פּריינטס חכמה, צי צוליב דעם וואָס עס איז פאַרבייגעגאַנגען אַ ווייבעלע, וועמען ער האָט שטאַרק נאָכגעקוקט.

„יאָ, יאָ", האָט בוימערלע ווייטער געזאָגט, „איך האָב עס דערגרייכט. איך גלויב, אַז עס איז זעלטן אַ מענטש זאָל אויף אַזוי פיל דערגרייכן. איך קען מיר פאַרשטעלן די צוקונפט".

„נו איז וואָס!" האָט דוימערלע זיך אָנגערופן.

„אַהאַ! דו ווערסט מיר שוין דערלויבן: דאָס איז זייער אַ סך. איך זע אין דעם יינגל דעם מאַן, און אין דעם מאַן דעם זקן".

„וואָס־זשע האָסטו דערפון?"

בוימערלע האָט נישט אַזוי גיך געפונען דעם ענטפער: „וואָס איך האָב דער־פון? עס איז דאָך אַלץ בעסער, ווען מען זעט די זאַכן פאָרויס".

„צוליב וואָס איז עס בעסער", האָט עקשנותדיק געפרעגט דער אַנדערער.

איצט האָט בוימערלע געפונען דעם זיגרייכן ענטפער: „צוליב דעם מען זאָל נישט אַריינפאַלן אין אַ גרוב אַריין — אַזוי ווי עס האָט פּאַסירט מיט איינעם פון מיינע באַקאַנטע, וועלכער שפּרינגט אַריין ביי דער ערשטער בעסטער גע־לעגנהייט, וואָס עס מאַכט זיך אים נאָר".

דוימערלע האָט אַראָפּגעלאָזט די אויגן און האָט ווייטער געשפּאַנט. אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער גענומען ריידן וועגן אַן אַנדערער זאַך: „דו פילסט נישט דאָ אַ שלעכטן ריח אין די ענגע גאַסן?"

„אוודאי פיל איך" האָט דוימערלע פריינטלעך באַשטעטיקט. „מיר דאַכט זיך, אַז עס קומט פון דעם, וואָס די מענטשן מאַכן אין פרילינג אויף די פענצ־טער. גייט די שלעכטע לופט אַרויס פון די וווינונגען אויף דער גאַס. די מענטשן

„דאָס איז שוין ווידער איינע פון דיינע מעשות!" האָט געלאַכט דוימערלע. פּראָדוצירן אַזוי פיל סם איינע פאַר די אַנדערע".

אָבער דער לאַנגער איז געבליבן שטיין און האָט געקוקט מיט אויפגערי־סענע אויגן אין דער ווייטנס: „קום איך וועל דיר עפּעס ווייזן!"

עס איז גראָד אָנגעקומען אַן אָמניבוס. אויף זייער צייכן האָט דער קוטשער אָפּגעשטעלט די אויסגעדאַרטע פערד. אין דעם פאָדערשטן טייל פון דעם וואָגן זענען פונקט נאָך געווען פון די זעקס פּלעצער צוויי ליידיקע. דוימערלע האָט זיך אַוועקגעזעצט לעבן אַ יונגער פרוי און ביי יעדן טרייסל פון וואָגן האָט ער

געפילט איר אַנגענעמע ווייכקייט. דאָס מיידל וואָס איז אים געזעסן אַנטקעגן האָט געהאַט לאַכנדיקע אויגן, חן־גריבעלעך אין די באַקן און די לאָקן אירע זענען גאָלדן־אַרויסגעקוואָלן פון אונטער איר היטעלע. אין איין מאָמענט האָט ער שוין געפירט אַ געשפּרעך מיט זיי און זיין האַרץ האָט געשוועבט צווישן ביידע. דאָס פּאָרן איז אַדורך אויף דעם בעסטן אופן.

„אָט אַזוי, אָט דאָ וועלן מיר אַראָפּגיין״, האָט דעם פּריינטס שטים אים דערמאָנט.

דוימערלע האָט זיך געשעמט צו זאָגן, אַז ער האָט נאָך עפּעס צו טון אין וואָגן. אַ חתונה געהאַטער מאַן! מיט אַ זיפץ איז ער אַראָפּגעגאַנגען און האָט אַריינגעלייגט זיין גאַנצע נשמה אין דעם בליק פון געזעגענען זיך, וועלכער איז מיט אַ דאַנק אויפגענומען געוואָרן פון דער פרוי מיט אַ שמייכל און פון דעם מיידל מיט פאַררויטלען זיך.

„דאָס פאָרן איז דיר מסתמא אויסגעקומען גאַנץ לאַנג?״ האָט בוימערלע געזאָגט.

„גאָר נישט לאַנג. און דיר?״

„אָ, מיר איז קיינמאָל נישט לאַנגווייליק. איך באַטראַכט די מיטפאָרנדיקע״.

„ווי אַזוי מיינסטו דאָס?״ האָט דוימערלע אומזיכער געפרעגט.

אָבער דער גרויסער אָבסערוואַטאָר האָט ווי געוויינלעך גאָרנישט געזען. ער האָט געזאָגט: „ווען איך בין מיט מערערע מענטשן צוזאַמען, פּרוּוו איך מיר פאָרצושטעלן, וואָס מיט זיי וועט געשען. איינס איז זיכער און דערויף קען מען אויסבויען די שענסטע קאָמבינאַציעס, אַז זיי וועלן אַלע שטאַרבן. אין דרייסיק, פערציק, שפּעטסטנס אין פופציק יאָר אַרום וועלן זיי שוין אונטער אַלע אומ־שטענדן זיין טויט. גיב אַ טראַכט: אָט מיר זעקס, וועלכע זענען נאָר וואָס געווען צוזאַמען אין אָט דעם קאַסטן, ווי ווייט וועלן מיר ליגן איינע פון די אַנדערע? און ווו?״

„הער אויף״, האָט געזאָגט דוימערלע, „איך וואָלט שוין ליבער געוועזן גע־פאָרן ווייטער מיט די פרויען, איידער דו זאָלסט מיר מאָלן אַזעלכע שרעקלע־כע זאַכן״.

„פּחדן! פאַר מיר איז דער טויט אַ באַגלייטער פון אַלע שעהן. ער פאַר־מינערט מיינע פריידן, אָבער ער פאַרלייכטערט אויך מיינע ווייטיקן. דו קענסט אים נישט אויסמיידן, דעריבער דאַרפסטו זיך צוגעוווינען צו אים. זע, מיר זענען פריִער געפאָרן מיט אַ ליב יונג מיידל...״

„יונגאַטש איינער, דו האָסט זי אויך באַמערקט?״

„צי איך האָב זי באַמערקט? איך האָב זיך פונקט פאַרווילט מיט דעם, פאַר־שטעלן זיך ווי אַזוי איר טויטן־מאַסקע וועט אויסזען. ווען זי זאָל היינט שטאַרבן

וואָלט זי געווען אידעאַל שיין. אירע שטריכן זענען אַזוי ריין. שטעל דיר זי פאָר פאַרשטאַרצט אין אָט דער שיינער יוגנט. קיין שום סקולפּטאָר וואָלט נישט גע־קענט אויספורעמען עפּעס אײדעלערס ווי אָט דער בלייכער קערפּער וואָלט גע־

הערצל אַלס סטודענט.

ווען. אָבער אַזוי וווּנדערפול וועט זי נישט ענדיקן. זי וועט ווערן אויסגעדאַרט, אָדער זי וועט פאַרפעט ווערן, און איר לעצטע מאַסקע וועט אויסזען העסלעך...״
„געַנוג!״ האָט געשריגן דער אַנדערער. „אויב עס פאַרוויילט דיך, אָבער מיך

פאַרווילט עס שוין גאָרנישט. האָסט מיך אַרויסגעלאָקט אַהער אויף צו לערנען מיך טויט־שרעק? דו וועסט עס מער קיינמאָל ביי מיר נישט פועלן״.

„ניין, ניין״, האָט אים בוימערלע באַרויקט; „איך האָב נישט געהאַט די אָפּזיכט... עפּעס אַנדערש האָב איך געוואָלט. קוק זיך אום! וואָס זעסטו דאָ?״

„פעלדער!״ האָט געזאָגט דוימערלע.

„ווייטער גאָרנישט?״

„מער גאָרנישט... יאָ, דאָרט זענען די לעצטע הייזער פון דער שטאָט און איך וואָלט דאָ נישט געוואָלט אַרומגיין, ווען עס ווערט פינצטער״.

„נאַרישע אויגן! איך וויל דיר ווייזן די צוקונפט״.

„אָבער, איך בעט דיך, ווייז מיר נישט עפּעס שרעקלעכעס! איך קען דאָס נישט פאַרטראָגן!״

„זאָרג זיך נישט! פאַרקערט איך וויל דיר ווייזן דאָס לעבן, אַוווּ עס בליט אַמשטאַרקסטן. אין עטלעכע יאָרן אַרום וועלן דאָ וווינען די פיינסטע מענטשן״.

„האהאהא, אויף אָט די פעלדער? איך זע נאָך דאָ די געצעלטן נישט אויפגעשטעלט״.

„ווער רעדט פון געצעלטן? דאָ וועלן שטיין ווונדערלעכע הייזער אַרומגערינגלט מיט גערטנער. דו האָסט עס אַליין געזען וואָס פאַר אַ שלעכטן ריח מען פילט אין די ענגע גאַסן. די מענטשן וווינען צו געדיכט צוזאַמען. דאָס באַקומט זיי נישט. זיי ווערן קראַנק און שטאַרבן צו פרי...״

„שוין ווידער!״

„אַנטשולדיק! לאָמיר זאָגן: זיי לעבן נישט אַזוי גוט און אַזוי לאַנג, ווי זיי וואָלטן געקענט לעבן. אַ פלאַנץ, אַ חיה דאַרף לופט און ליכט. אַ מענטש אויך. די שטאָט מוז זיך פאַרלענגערן, זי מוז, זי וועט. ווייסט וויאַזוי איך רוף אָן אָט די ליידיקע פעלדער, אויף וועלכע עס וועט זיך אויסבויען נישט איין ווונדערלעך שיינער בנין? איך רוף זיי: די צוקונפט! דאָ וועט זיין דער פלאַץ פון גליקלעכע מענטשן, פאַרוויגט פון דער נאַטור, דערהויבן פון דער קונסט. דאָ וועט מען מאַכן די שענסטע פאַרקן, און ביליק״.

„ביליק!״ האָט געמורמלט דער קליינער פאַרחלומט.

„יאָ, שפּאָט ביליק. אין שטאָט מוז מען איינוואַרפן אַ הויז ווען מען וויל בויען אַן אַנדערס. און דערפאַר זענען די פלעצער אַזוי שרעקלעך טייער. די פעלדער דאָ קאָסטן כמעט גאָרנישט. גיב נאָר אַ טראַכט, ווען מען זאָל קענען דאָ אָנבאָטן די אומגליקלעכע שכנים פון שטאָט פראַכטפולע דירות פאַר דעם זעלבן געלט, אָדער נאָך ביליקער, וועלן זיי זיך דאָך נישט אָפּשרעקן פאַר דעם ווייטערן שטיקל וועג״.

„דאָס פֿאָרן אין אָמניבוס איז גאַנץ אָנגענעם“, האָט זיך דערמאָנט דוימערלע. ביי דעם חברס באַגייסטערטע רייד איז אים ווי אַ בליץ דורכגעלאָפֿן אַ געדאַנק דורכן קאָפּ. אָבער אַלס פּראַקטישער מענטש האָט ער יענעמס השערות קודם כל געוואָלט זען באַשטעטיקט דורך קלאָרע פֿעסטע ציפֿערן. דאָס איז געווען דער אַלטער אומצוטרוי צו דער אַפֿריקאַנישער רייזע, וועלכע האָט געדויערט ביז צום סוף פֿון דער וווּרשט. די אויסרעכענונגען האָבן אַרויסגעוויזן אַ גאַנץ פֿיינעם ריווח. דאָ האָט זיך דוימערלע דערשראָקן: אפֿשר זענען שוין אַנדערע כיטרע קעפּ אויך געקומען אויף דעם אויסגעצייכנטן איינפֿאַל. מען דאַרף זיך מיט דעם ענין אין מאָמענט פֿאַראינטערעסירן. און דאָס האָבן זיי טאַקע באַלד געטון. זיי האָבן באַלד אָפּגעזוכט דעם פֿויער, צו וועמען עס האָבן געהערט די פֿעלדער, זיי האָבן זיך מיט אים צוזאַמענגערעדט וועגן קויף, און האָבן אים באַשטעלט צום אָפּשליסן דעם קאָנטראַקט אויפֿן צווייטן טאָג אין שטאָט אַריין. דוימערלע האָט געהאַט אַן אומרויִקע נאַכט: אפֿשר וועט זיך נאָך דער פֿויער מישב זיין. ניין, ער איז געקומען. דאָס געשעפֿט איז געמאַכט געוואָרן.

ביז אַהער איז דער ענין געגאַנגען פֿאַרהעלטנישמעסיק גיך. די צוקונפֿט איז געווען ביי זיי אין די הענט. אין זייער גרויסער באַגייסטערונג האָבן דוימערלע און בוימערלע אַריינגעלייגט אַלץ וואָס זיי האָבן געהאַט אין אָט דער פּראַכטפֿולער אונטערנעמונג. נו, איצט האָט מען געדאַרפֿט באַקומען ווייטערע מיטלען אויף צו רעאַליזירן דעם געדאַנק. און דאָ האָבן זיך אָנגעהויבן די שוועריקייטן. דוימערלע איז אַרומגעלאָפֿן און געזוכט שותּפֿים. דאָ האָט ער שיין אויסגעזען. דאָס איז אַן איינפֿאַל פֿון משוגעת. קיינער וועט זיך נישט פֿאַרציִען אַזוי ווייט פֿונעם צענטער. ער האָט זיך באַמיט נאָכצומאַכן בוימערלעס פּאַטעטישן מאַך און האָט געזונגען ליב־געזאַנגען פֿאַר דער הערלעכקייט פֿון דער צוקונפֿט. די פּראַקטישע מענטשן האָבן אים אויסגעלאַכט. זיי האָבן פֿאַר אים פֿאַרלוירן דעם דרך־ארץ. און אין אָט די אומזיסטיקע אָנשטרענגונגען האָט ער גענומען ווערן אין כעס אויף דעם נאַר, וואָס האָט אים דערצו פֿאַרפֿירט. בוימערלע האָט אַ שטאָלצער געהויבן מיט די אַקסלען: דאָס וואָס די דורכשניטלעכע, מיטלמעסיקע מענטשן פֿאַרשטייען גאָרנישט איז נאָך קיין באַווייז נישט. ער האָט אָנגערופֿן ביישפּילן פֿון דער געשיכטע. דערמיט האָט ער אויף אַ מאָמענט באַרויִקט זיין פֿאַרצווייפֿלטן חבר, ביז דאָס טרייסטן האָט זיך אָפּגענוצט. עס איז אַריבער אַ צייט. זיי האָבן זייער אייגנטום נאָכאַמאָל נישט געזען. האָט דוימערלע אַמאָל אין אַ שעה פֿון טרויעריקער שטימונג פֿאָרגעשלאָגן, צו גיין זען די צוקונפֿט.

זיי זענען ווידער אַרויסגעפֿאָרן אין דעם אָמניבוס, דעם צעבראָכענעם קאַסטן. דאָס מאָל איז נישט געווען קיין אָנגענעמע געזעלשאַפֿט, און עס האָט גערעגנט, עס איז געווען האַרבסט. דוימערלען האָבן זיך אויפֿגעמאַכט די אויגן.

יאָ, עס איז געווען ווייט. עס איז געווען אוממעגלעך. די צוקונפט האָט זיך ווידער פאַרוואַנדלט אין ליידיקע, נישט באַבויטע פעלדער. און צווישןביידע פריינט האָט אויסגעבראָכן אַ געפערלעכע קריגעריי. דוימערלע האָט אַזוי לאַנג געפּיי־ניקט דעם לאַנגן, ביז דער האָט איינגעוויליקט, די צוקונפט ווידער צו פטרן. דאָס האָט מען געקענט אַדורכפירן נאָר מיט אַ גרויסן היזק. זענען זיי אַוועק צום פויער, און ער האָט זיך געלאָזט אָנריידן צוריקצונעמען די פעלדער פאַר דער העלפט פון דעם פריערדיקן פרייז. בוימערלע האָט איבערגעלאָזט פאַר זיך אַ קליין שטיקל ערד אויפן סאַמע ווייטסטן ענדע פון די פעלדער, ווייל ער האָט דאָרט געוואָלט אויסבויען פאַר זיך אַ קליינע הייזקע. ווייל ער האָט פעסט גע־גלויבט אין דער צוקונפט. ער האָט טאַקע אָנגעהויבן עס צו בויען.

ווען עס איז פאַרטיק געוואָרן האָט ער זיך אַהין אַרויסגעצויגן און האָט געוווינט אין דער איינזאַמקייט. צווישן אים און דער שטאָט זענען געלעגן די פעלדער, וואָס האָבן געביטן זייער לבוש אין די סעזאָנען פון יאָר. ווען עמעצער פלעגט ביי דוימערלען פרעגן אויף אים, פלעגט ער ענטפערן: „אינגאַנצן צע־דרייט!״ זיי האָבן איינער דעם אַנדערן אַ סך יאָרן נישט געזען. דערווייל האָט זיך אין קומענדיקן זומער באַוויזן אין עק שטאָט נאָך אַ משוגענער, וואָס האָט געמאַכט אַ גאָרטן און דאָרט אַריינגעשטעלט די ערשטע ווילע. דער ביישפּיל איז יאָרן־לאַנג געבליבן אַן איינציקער פאַל און האָט אויסגעזען לעכערלעך. שפּע־טער איז געקומען אַ צווייטער. באַלד נאָך דעם האָט זיך באַוויזן אַ גרופּע קאָלאָ־ניסטן. און ווען זיי זענען שוין געווען אין עטלעכן האָט שוין דער גאַנצער ענין נישט אויסגעזען אַזוי משוגעתדיק. די מערהייט באַוויזט אונדז שטענדיק וואָס עס איז קלוג. לסוף זענען די קליגסטע געווען די יעניקע, וועלכע האָבן פאַרלאָזט די ענגע גאַסן, כדי צו וווינען אין דער גרינער פרייהייט. און אָט אַזוי איז פאַ־מעלעך געשען עפּעס וווּנדערלעכעס. עס האָט אויסגעוויזן אַזוי ווי די לעצטע הייזער וואָלטן זיך באַוויגן, ווייל דער חלל צווישן בוימערלעס הויז און דער שטאָט איז שמעלער געוואָרן. עס האָט אויסגעזען ווי עס זאָל זיין אַן אָפּפּלוס פון באָדן. דער צופלוס האָט זיך דערנענטערט.

און ווען דער צופלוס איז שוין געווען נאָענט, אַזוי נאָענט, אַז בוי־מערלעס הייזקע איז שוין געשטאַנען אין אָנהייב פון אַ גאַס, איז צו אים געקומען אין אַ באַזוך אַ קליינער ווייסהאָריקער מאַן. דאָס איז געווען דער אַנדערער, דער רעכענער, דער פּראַקטישער, דער וואָס האָט חרטה געהאַט. דאָס מאָל האָט ער אָבער חרטה געהאַט וועגן עפּעס אַנדערש. אָבער ער האָט גערעדט שפּאַסנדיק, וועגן די אַלטע צייטן און וועגן די פריערדיקע טעותים. און דערנאָך:

„יאָ, ווו זענען אייגנטלעך געווען אונדזערע פעלדער? איך געדענק שוין נישט. דו ווייסט עס דאָך זיכער. דו ביזט דאָך דאָ געבליבן און האָסט געוואַרט

אויף דער שטאָט. וועלכעס שטיק ערד איז געווען אונדזערס? האָט זיך עס נישט אָנגעהויבן פון דאָרט ווו עס שטייט איצט דאָס ראָקאָקאָ־פּאַלאַצל, ביז דאָרט אַרי־בער צו דער רויטער ווילע? זאָג מיר ווו ליגט איצט די צוקונפט״.

אָבער דער באַלעבאָס האָט אים צוגעפּירט צום פענצטער, וואָס האָט זיך געפונען אויף דער אַנדערער זייט אויף דער פאַרקערטער זייט פון דער שטאָט. דאָ האָט מען געזען ליידיקע פעלדער, ביז צום האָריזאָנט. בוימערלע האָט אויס־געצויגן די האַנט:

„דאָרט!״

(1902)

די לופט־שיף

אין אַ געוויסן בין השמשות איז אונטערביימער געזעסן אַ פיינע געזעלשאַפט פון פרויען און מענער. די פרויען זענען געווען זייער איידעלע. דאָס האָט מען געקענט דערקענען פון דעם געשפּרעך, וועלכן עס האָבן געפירט בלויז די מענער. מען האָט נישט געמאַכט קיין גראָבע וויצן, כאָטש מען האָט וועגן פאַרשיידענע זאַכן גערעדט גאַנץ פריי, און קיינער האָט נישט געטראַכט וועגן שטותים אָדער וועגן לייכטע טאָג־נייעסן. פאַרן טאָן פון אַ געזעלשאַפט זענען שטענדיק פאַראַנט־וואָרטלעך די פרויען, ווייל די מענער לייענען שטענדיק ביי זיי אַלץ אַרויס פון די אויגן, דאָס העכערע ווי דאָס געמיינע. אין דער דאָזיקער געזעלשאַפט פלעגט מען זיך אַמאָל דערלויבן ריידנדיק צו פאַנטאַזירן און דערציילן מאָדערנע מעשהלעך, וועלכע וואָלטן אין אַן אַנדערער סביבה געקלונגען לעכערלעך.

איינער, וועלכער האָט זיך נאָר וואָס געהאַט אומגעקערט פון פאַריז האָט דער־ציילט וועגן זאַכן, וואָס ער האָט געזען. ער האָט גערעדט וועגן נייע מאָדעס, אָבער נישט ווי קיין שניידער, נאָר ער האָט זיך באַמיט אויפצוקלערן זייער זין און פון וואַנען זיי שטאַמען. אָנגעהויבן האָט ער זיין געשפּרעך פון ביציקלעט, ווי אַזוי ער האָט פאַרענדערט דאָס בילד פון דער גאַס. ווער וואָלט עס צוריק מיט עטלעכע יאָר געגלויבט, וואָס פאַר אַן איבערקערעניש אָט די דאָזיקע שפּילערייַ וועט אַרויסרופן. איצט באַווייזן זיך שוין די וועגן אָן פערד אויך. וואָס וועלן זיי מיט זיך מיטברענגען? יעדע פאַרנייערונג פון פאַרקער קאָן האָבן געוואַלדיקע און אומדערוואַרטעטע פאָלגן. מאָדנע דריקט זיך דאָס אויס אינעם לעבן פון די מאַסן, אין זייער ווילזיין און זיטלעכקייט. עס קומען נייע קראַנקהייטן, אָדער דער מענטש ווערט געזינטער. די באַדינגונגען פון לעבן ענדערן זיך איצט שנעלער, ווי אין אַ וועלכער עס איז אַנדערער צייט פון דער געשיכטע.

זיי האָבן וועגן דעם אַזוי אַ ווײַלע גערעדט. און דאָ האָט דער דאָקטאָר אי־ראָניש אַ זאָג געטון: „מיר איז אַ חידוש וואָס קיינער האָט נאָך נישט דערמאָנט וועגן דער פּילאָטירבאַרער לופט־שיף”.

„מיר האָבן אַלע וועגן דעם געטראַכט”, האָט רויִק געענטפערט דער מאָלער ראָבערט.

„יאָ, יאָ”, האָט געזאָגט דער פאַריזער, „ווייל די דערפינדונג וועט פריִער אָדער שפּעטער געמאַכט ווערן. אפשר לעבט שוין גאָר ערגעצווו דער מענטש,

וועלכער וועט פֿאַר דעם מענטשלעכן מין צוגרייטן די גרעסטע פֿון אַלע איבער־ראַשונגען. איך וואָלט געוואָלט וויסן ווי עס וועט דעמאָלט אויסזען די וועלט״.

„און איך״, האָט שטיל אַ זאָג געטון איינע פֿון די פֿרויען, „שטעל מיר פֿאָר דעם מאַן, וועלכער וועט דאָס דערפֿינדן, אַלס העלד, אַלס האַלב־גאָט!״

„איך גלויב גיכער״, האָט געלאַכט דער דאָקטאָר, „אַז ער וועט זיין אַ נאַרישע פֿיגור, אַ צעדרייטער, אומגעשיקטער שלימזל. ער וועט זיך לאָזן אַרויסגנבענען דעם סוד, אַנדערע וועלן זיך ביי דעם באַרייכערן, און ער וועט דערפֿון גאָרנישט מער האָבן ווי אַ דענקמאָל — נאָכן טויט. נאָר זיין לעבן וועט מען אויך מסתמא געווען פֿאַרביטערן. און מיט רעכט! עס וועט דאָך זיין אַ גאַנץ פּשוטע, נאָענט־ליגנדיקע דערפֿינדונג. פֿאַרוואָס זענען מיר אַלע לעבן דעם פֿאַרבייגעגאַנגען און עס נישט געזען? וואָס פֿאַר אַ באַליידיקונג איז דאָס פֿאַר אונדז. מיר דאַכט זיך, ווען איך וואָלט געווען, אַז איינער פֿון מיינע באַקאַנטע האָט דערפֿונדן די פֿילאָטירבאַרע לופֿט־שיף, וואָלט איך אים געפּאַטשט. פֿאַרוואָס ער, פֿאַרוואָס נישט איך?״

דאָ האָט מען דערהערט דעם מאָלערס טיפֿע שטים: „די פֿילאָטירבאַרע לופֿט־שיף איז שוין דערפֿונדן געוואָרן, און איך קען דעם מאַן״.

עס איז שוין געווען אַזוי טונקל, אַז מען האָט שוין דאָס פּנים פֿון דעם רעדנדיקן נישט דייטלעך געזען. ער האָט שטענדיק ליב געהאַט די פֿאַרנעפּלדיקייט פֿון די געשיכטעס צווישן שפּאַס און ערנסט, דאָס האָבן די פֿרויען געוווּסט, און זיי האָבן אים גענומען בעטן: „דערציילט עס אונדז!״

און דער מאָלער ראָבערט האָט דערציילט:

„ער האָט געהייסן יאָזעף מילער. עס איז נישט אַזאַ גרויסאַרטיקער נאָמען, אָבער ער האָט אים געהאַט פֿון זיין פֿאָטער. עלטערע איינוווינער פֿון דער לווידאָןגאַס אינעם אַכטן באַצירק געדענקען נאָך מסתמא דעם פֿאָטער, וועלכער האָט איז אַ קליין געוועלבל, נישט ווייט פֿון דער קאָך־גאַס, פֿאַרריכט אַלטע שיך און האָט דערביי אַזוי ערנסט אויסגעזען, ווי עפּעס אַ גריכישער פֿילאָזאָף. איך גיב בכיוון אַזוי געניי אָן דעם נאָמען און דעם אַדרעס, כדי עס זאָל נישט אויסזען, אַז די געשיכטע איז אַן אויסגעטראַכטע. דאָקטאָר, פֿרעגט אייך נאָך אין דער לווידאָןגאַס, צי האָט דאָרט נישט געוווינט קיין שוסטער, וועלכער האָט געהייסן מילער.

יאָזעף מילער איז אַריין צו אַ מעכאַניקער אין דער לער, מיט דער צייט איז ער געוואָרן זיין געהילף און אין אַ שיינעם טאָג האָט ער דערפֿונדן די פֿילאָטירבאַרע לופֿט־שיף. ווייזט אויס, אַז ער האָט אַנטדעקט דעם פּרינציפּ דורך אַ סך געדולדיקן און עקשנותדיקן באַטראַכטן. איך פֿאַרשטיי נישט קיין סך פֿון פֿיזיק און מיין דערקלערונג וועט זיכער נישט זיין פֿולקאָם.

איך ווייס נאָר אַזוי פֿיל, אַז יאָזעף מילער האָט גענומען אַלס באַזע אַן עפּל. ער האָט באַמערקט, אַז אַן עפּל פֿאַרהאַלט זיך אין דער לופֿטן גאַנץ אַנדערש, ווי למשל דער ערד־קיילעך. אַן עפּל מוז מען אַוועקלייגן אויפֿן טיש אויב מען וויל

נישט, אַז ער זאָל אַראָפּפאַלן אויף דער ערד. דאַקעגן די ערד שוועבט זיך גאַנץ פריי אַרום אינעם וועלט־חלל. די באַוועגונג דערזעצט אַלזאָ דעם פּלאַץ, אויף וועלכן דער קערפּער שטיצט זיך. און ער קען זיך האַלטן אין דער לופטן אַזוי לאַנג וויפל מען וויל, אויב נאָר זיין באַוועגונג, אָדער זיין דרייאונג איז אין דעם ריכטיקן פאַרהעלטעניש צו זיין געוויכט, און די נויטיקע קראַפט פאַר דעם כסדרדיקן פּראָדוצירן פון אָט דער באַוועגונג האָט ער אויסגעפונען אין עקספּלאָזיעשטאָפן, וועמענס נעמען איך האָב אין דעם מאָמענט פאַרגעסן. אין די פרייע שעהן האָט ער שטודירט כעמיע, ווייל ער האָט שוין פון לאַנג געהאַט די השערה, אַז די באַוועגונג אין דער לופט קען באַווירקט ווערן דורך אַ ריי כסדרדיקע, אומאונטערבראָכענע עקספּלאָזיעס. ווי אַזוי ער האָט אַריבערגעטראָגן די קראַפט פון די עקספּלאָזיעס, ווי אַזוי ער האָט פאַרווענדעט די אויפרייס־גאַזן, צו דער באַוועגונג און פּילאָטירן פון דער לופט־שיף, איידער ער האָט זיי אַרויסגעלאָזט, דאָס וועל איך אייך נישט דערציילן. דאָס וואָלט די דאַמען צו מיד געמאַכט, איך וויל אַגב אויך נישט שילדערן די לופט־שיף, נאָר דעם מאָדנעם גורל פון איר דערפינדער.

פערצן יאָר האָט יאָזעף מילער געטראַכט, שטודירט, גערעכנט און געמאַכט עקספּערימענטן. דערביי האָט ער נישט פאַרנאַכלעסיקט זיין מלאכה און ער איז געווען אַ פלייסיקער אַרבעטער ביי זיין באַלעבאָס. נאָר פאַר פאַרווײַלונגען און ליבעס האָט ער זיך קיינמאָל קיין צייט נישט גענומען. ערשט אין זיין פינף און דרייסיקסטן יאָר, אין וועלכע ער האָט אַגב געמאַכט זיין אַנטדעקונג, האָט ער זיך באַקענט מיט אַ פאַרזויערטער בתולה אין שכנות, און זי האָט עס אים אָפּגעטון. אין אַלע אַנדערע זאַכן איז ער געווען אַ גאַנץ קלוגער מענטש. דאָס האָט זיך אַמבעסטן אַרויסגעוויזן אין דעם אופן ווי ער האָט שפּעטער אַליין גערעדט וועגן זיין דערפינדונג. אַז ער האָט זי געמאַכט ריין צופעליק, אַז עס איז גאָרנישט זיין פאַרדינסט, אַז ארומזוכנדיק האָט ער זיך אויף איר אָנגעשטויסן. פאַרשטייט זיך, אַז אין דעם מאָמענט ווען ער האָט דערזען, אַז ער האָט געלייזט די פלי־פּראָבלעם איז דאָס פאַר אים געווען אַ געוואַלדיקע דערשיטערונג. ער האָט אויסגעבראָכן אין אַ געוויין און האָט אַזוי געקלאָגט אַ לאַנגע צייט אין דער איינזאַמקייט פון זיין אָרעמער שטוב. דאָס וואָס ער האָט דערווייל געהאַט איז געווען נישט מער ווי דער פּשוטער פּרינציפּ, ווי אַ קאָמפּאָזיטאָר האָט די מעלאָדיע; ער האָט אָבער באַלד געוווסט די גאַנצע אינסטרומענטירונג, ער האָט זיך פאָרגעשטעלט דעם הערלעכן ספּעקטאַקל און דעם רעש, די פרייד פון דער מאַסע.

ער האָט זיך אַזוי אַרום צוזאַמענגענומען און האָט אויסגעאַרבעט זיינע פּלענער מיט אַלע איינצלהייטן. דאָס האָט אים ווידער געמאַכט אַ סך מי. ווען ער האָט שוין געהאַט פאַרטיק די צייכענונגען, די אויסרעכענונגען און דעם פּרייז וויפל עס האָט געדאַרפט קאָסטן, האָט ער זיך געווענדעט צו זיין באַלעבאָס. ער האָט געוואָלט, אַז דער באַלעבאָס זאָל זיך צוזאַמענגעמען מיט אַנדערע באַלעבאַטים, און

אַז אָט די פּאַראייניקונג, וועלכע זאָל זיין געשטיצט דורך אַ קרייז טעכניקער און געלערנטע, זאָל אַרויסלאָזן אַן עפנטלעכן אויפרוף אויף צו באַשאַפן די סומע וואָס דאָס דאַרף קאָסטן. ווייל מען האָט געדאַרפט אַ גרויסע סומע, אַרום די צוויי מיליאָן גולדן. מען האָט געמוזט אויסבויען אַן אייגענע פאַבריק אויף צו פּראָדוצירן די איינצלנע באַשטאַנדטיילן. ווייטער האָט מען געמוזט אויסבויען ספּעציעלע לאַבאָראַטאָריעס אויף אויסצואַרבעטן די עקספּלאָדיר־שטאָפן. בקיצור, מען האָט געמוזט האָבן צוויי מיליאָן, אַנדערש איז דאָס נישט געגאַנגען.

דער באַלעבאָס האָט אים געלאַכט אין פּנים אַריין: ער זאָל זיך אַרויסשלאָגן די נאַרישקייט פון קאָפּ, דאָס איז אַ פולשטענדיקע משוגעת, אויף וועלכער קיין שום נאָרמאַל־דענקנדיקער מענטש וועט נישט איינגיין. יאָזעף איז פון דאַנעט אַוועקגעגאַנגען אַ פאַרשעמטער, אָבער פון זיין דערפינדונג איז ער נישט אָפּגעשטאַנען. ער האָט זיך נאָר געזאָגט, אַז ער דאַרף האָפן אויף דעם גוטן ווילן און אויף דער הילף פון אַנדערע. און מיט זיין אייזערנער עקשנות האָט ער אַליין אָנגעהויבן צו זוכן פּראַקטישע מיטלען.

דערווייל האָט זיך צעטראָפן אַ קלאַנג אין דעם וואַרשטאַט, אַז יאָזעף מילער איז אַ ביסל צעדרייט. די אַנדערע אַרבעטער האָבן זיך אָנגעהויבן רייצן מיט אים וועגן דער פּילאָטירבאַרער לופט־שיף, און ער האָט גוטמוטיק געלאַכט פון די גראָבע נאַרישקייטן. צווישן די אַרבעטער־געזעלן איז געווען אַ שפּאַסמאַכער, אַ פּאַיאַץ, וועלכער איז ווי געוויינלעך אומעטום דאָ, ווו עס נעמען זיך נאָר צוזאַמען עטלעכע מענטשן. דער האָט גאָר געאַרבעט מעשים. יאָזעף מילער האָט דאָס אַ צייט לאַנג געדולדיק געליטן. איינמאָל אָבער האָט ער פון אים חוזק געמאַכט אין די אויגן פון דער פאַרזויערטער בתולה, און זי האָט זיך צעלאַכט אויף אַ קול, אַזוי אַז עס האָט דעם אָרעמען דערפינדער אַ שניט געטון אין האַרצן. זי האָט נאָך אַפילו אויף איר אייגענעם חשבון אויך צוגעוואָרפן עטלעכע שטעכווערטלעך; אָבער אין האַרצן ביי זיך האָט יאָזעף מילער פאַר דעם אויך פאַראַנטוואָרטלעך געמאַכט דעם פּאַיאַץ, ווייל ער האָט די שטרוי־געלע בתולה נאָך ליב געהאַט און ער האָט פאַר זיך אַליין נישט געוואָלט אָנערקענען איר האַרצלאָזיקייט. ווען דער דאָזיקער שפּאַס־מאַכער האָט אויפן צווייטן פרימאָרגן ווידער אָנגעהויבן מיט זיינע נאַרישקייטן, האָט אים מילער דערלאַנגט אַזעלכע פּעטש, אַז די ביינער האָבן אים אַזש גע־קנאַקט. מען האָט דעם בחור אַרויסגעטראָגן אין הויף אַריין אַ האַלב־טויטן, ווו ער איז באַלד צו זיך געקומען. יאָזעף מילער איז באַלד נאָך דעם אַ באַרוי־קטער צוריקגעגאַנגען צו זיין אַרבעט, מיט אַ געוויסער אָנערקענונג און דרך־ארץ פון זיינע חברים. אַ פּאָר שעה שפּעטער האָט אים דער באַלעבאָס אַוועקגערופן, עס זענען געקומען עפּעס צוויי פרעמדע הערן, וועלכע האָבן געהערט וועגן דער פּי־לאָטירבאַרער לופט־שיף און זיי וואָלטן וועלן ריידן מיט אים. מיטן בעסטן ווילן און מיטן גאַנצן ברען האָט זיי יאָזעף מילער אַלץ אויפגעקלערט. עס האָט אויס־

געוויזן, אַז די זאַך איז זיי געפעלן געוואָרן און זיי האָבן אים געבעטן, ער זאָל זיי באַגלייטן. ער האָט זיך אויפגעזעצט אויף זייער וואָגן און זיי זענען מיט אים אַוועקגעפאָרן גלייך אין משוגעים־הויז אַריין.

דאָרטן זענען געווען נאָך אַנדערע דערפינדער פון פּילאָטירבאַרע־לופט־שיפן, און יאָזעף מילער האָט זיך מיט זיי האַרציק באַפריינדעט. ער האָט געדול־דיק אויסגעהערט זייער פאַרשיידנאַרטיק גערעדעריי. ער האָט באַלד איינגע־זען זיין אייגענעם פעלער: אַ דערפינדער, אַזוי ווי ער טאָר נישט האָבן קיין אָנ־פאַלן פון כעס; ווייל ווער עס פּלאַנט עפּעס גרויסעס דעם נעמען די מענטשן אַלץ פאַראיבל. מחמת פאַר אַזאַ מין געשלעג וואָלט מען קיין אַנדערן אַרבעטער־געזעל זיכער נישט גענומען אין משוגעים־הויז אַריין. צום גליק האָט יאָזעף מילער פאַר־מאָגט עפּעס אַ מין קלאָרקייט אין זיין געמיט. ער האָט אַריבערגעטראָגן זיין גורל רויִק און געלאַסן. ער האָט מיט פאַרגעניגן געהאַדעוועט די פייגל אין גאָרטן ביים משוגעים־הויז. ער האָט זיך צוגעהערט צו זייער געזאַנג און האָט אָבסערווירט זייער אופן פון פליִען, און בעת דעם זענען אים איינגעפאַלן עטלעכע אויסבעסע־רונגען פון זיין מאַשין. די דאָקטוירים האָט ער פאַרשטייט זיך לאַנגזאַם געבראַכט צו דער איבערצייגונג, אַז ער איז אויסגעקורירט, און אַזוי האָט מען אים נאָך מערערע חדשים אַרויסגעלאָזט אַלס אַן אויסגעהיילטן.

יאָזעף מילער איז נישט געווען קיין נאַר, נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער איז געווען אַ זשעני. ער האָט געהאַט אַ חוש פאַר דערווירקלעכקייט און האָט מיט קלאָרע אויגן געקוקט אויף די באַדערפעענישן פון לעבן. ער האָט זיך גע־זאָגט, אַז ער דאַרף נאָר זיין איינבילדונגס־קראַפט אַראָפּשרויפן, אויף צו ווערן אַ נוצלעכער מיטגליד אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. ער איז אַוועק צו אַן עלעקטראָטעכניקער און האָט אים אין משך פון אַ קורצער צייט אויסגעבעסערט אַ גרעסערע צאָל אַפּאַראַטן, אַזוי אַז יענער האָט אים אויף שנעל אַריינגענומען אַלס שותף אין געשעפט, כדי ער זאָל נישט אַוועקגיין פון אים. פון דער פּילאָ־טירבאַרער לופט־שיף איז שוין אַפילו קיין רייד נישט געווען. דערפאַר האָט ער געשאַפן אַ קאָרקן־ציִער, אַ הויזן־אויסשטרעקער, אַ מאַנגל, אַ פּרעסל פאַר שניידערס. בקיצור, לויטער אַזעלכע דערפינדונגען, דורך וועלכע מען באַקומט דעם בירגערלעכן דרך־ארץ. זיי האָבן אים קיין סך נישט אַריינגעטראָגן, ווייל ער האָט זיי נישט פּאַטענטירט אין אַלע לענדער. אַפילו דאָס לעצטע ביסל אידעאַליזם האָט ער פון זיך אַראָפּגעוואָרפן ווען ער האָט קאָנסטרויִרט די אויטאָמאַטישע ברעמזע פאַר באַנען. די ברעמזע־אידייע האָט ער פאַרקויפט פאַר פינף און צוואַנ־ציק טויזנט גולדן צו אַן אונטערנעמער, וועלכער איז דערביי רייך געוואָרן. ווען די פאַרזויערטע בתולה האָט דאָס דערהערט האָט זי זיך צו אים איינגעבעטן מיט איר ליבע און מיט איר באַוווּנדערונג. ער האָט איר געגעבן אַ ביסל געלט און האָט זי געבעטן זי זאָל אים נישט מער באַלעסטיקן. ער איז אַלץ פּראַקטישער און

מער פאַרערט געוואָרן. ער האָט דערפונדן אַן אומצערייסבאַרן גומי־שלויך פאַר ביציקלעטן און האָט דערביי פאַרדינט זיין ערשטן מיליאָן. אַ ניי גאַז־לעמפל האָט אים אַריינגעבראַכט צוויי מיליאָן און זיין וועלט־באַרימטקייט. לסוף האָט ער אויס־געבויט אַ גרויסע מאַשינען־פאַבריק, ווו ער האָט פּראָדוצירט ריזן־גרויסע לאָ־קאָמאָטיוון.

ווען יאָזעף מילער האָט שוין אַזוי ווייט געהאַלטן, האָט ער אַלע זיינע אונ־טערנעמונגען איבערגעגעבן צו געשעפטספירער און איז אַליין אַוועקגעפאָרן. ער האָט זיך געלאָזט אויסבויען אַ שטאָלצע יאַכט־שיף, וועלכע ער האָט אַ נאָמען געגעבן „אָעגעאָן״. ער האָט ביי מיר באַשטעלט די וואַנט־מאָלערייען פון עס־צימער און פון דעם סאַלאָן. דעמאָלט האָב איך זיך מיט אים באַקענט. ער איז געווען אַ קלאָרער ערנסטער מאַן, וועלכער האָט פאַראַכט די מענטשן און האָט זיך זיין גליק מיט זיינע אייגענע כוחות צוזאַמענגעשטעלט. אויף זיין שיינעם „אעגעאָן״ איז ער אָפּט געפאָרן פון טריעסט צו איינער פון די דרום־ציקלאַדן. וואָס ער האָט דאָרט געהאַט צו טון האָט קיינער נישט געוווסט. זיינע פאַרטרויאונגס־מענטשן האָט ער אויך נאָר געזאָגט, אַז ער בויט דאָרט אויף יענער אינדזל אַ נייע פאַבריק. ווען איך זאָל געווען קענען דעם פריִערדיקן גאַנג פון זיין גורל, וואָלט איך אפשר געווען חושד געווען, וואָס ער שאַפט דאָרט בסוד. איך האָב זיך וועגן דעם ערשט דערוווסט, ווען ער האָט מיך און נאָך צוויי הערן איינגעלאַדן צו אַ פרילינגס־נסיעה אויף זיין „אעגעאָן״. אונטערוועגנס האָט ער אונדז דערציילט זיין געשיכטע. ער האָט געוואָלט זיין אַ גליקלעכער דערפינדער, און נישט איינער פון די פּראָ־גרעס־מאַרטירער, וועלכע ווערן זייער גאַנץ לעבן פאַרפייניקט. דערפאַר האָט ער גענומען גיין אויף אַ פּראַקטישן וועג, אַנהייבנדיק ביים קאָרקן־ציִער ביז צו דער לאָקאָמאָטיוו.

מיר זענען אָנגעקומען לעבן דער אינדזל ביינאַכט. אויף דער הויך פון דעם פעלדז האָט מען געזען קאָנטורן פון בנינים, און פון אַ סך פון זיי האָט אַרויס־געלייכט עלעקטריש ליכט. ער האָט אונדז געבעטן מיר זאָלן זיך גיין אויסרוען און ער אַליין איז אויף אַ שיפל צוגעפאָרן צום ברעג. מיר דריי האָבן נאָך אַ שטיקל צייט געפּלוידערט צוזאַמען אויפן דעק. פּלוצלונג האָבן מיר אַלע דריי מיטאַמאָל אַרויסגעלאָזט אַ געשריי. די פאַדערשטע טונקעלע וואַנט פון איינעם פון די בנינים דאָרט אויבן האָט זיך אַראָפּגעלאָזט, אַ מבול פון ליכט האָט זיך צעגאָסן איבערן ים, און דורך דער ברייטער עפענונג האָט זיך אַרויסגעריסן מיט אַ רעש און מיט אַ געפּילדער אין דרויסן אַרויס עפּעס אַ גרויסע זאַך מיט גליִענ־דיקע אויגן. און עס איז באַלד פאַרשווונדן געוואָרן אין דער נאַכט נאָך איידער מיר זענען צו זיך געקומען און האָבן מיט דערשיטערונג אויסגעשריגן:

„די לופט־שיף!״

נאָך שעהן פון אויפרעגונג, בעת וועלכע מיר האָבן אומזיסט געוואַרט אויף דעם צוריקקומען פון דעם פויגל, האָט אונדז די מידקייט באַזיגט. מיר זענען איינגעשלאָפן אַט אַזוי ווי מיר זענען געזעסן. באַלד ביים זון־אויפגאַנג האָט אונדז יאָזעף מילער מיט אַ שמייכל אויפגעוועקט:

„איר האָט שוין געזען מיין „האלקיאָנע״ 1)? איך בין מיט איר היינט ביינאַכט געפלויגן איבער קאָנסטאַנטינאָפּאָל און ציפּערן. איך וויל זי אייך איצט, בייטאָג ווייזן״.

ער האָט אונדז אַרויסגעפירט אויפן באַרג. אין אַ געביידע גאַנץ נאָענט ביים



ד״ר הערצלס אַרבעטס־צימער, איבערקאָנסטרואירט אין דער געביידע פון קרן קימת לישראל אין ירושלים.

משופּעדיקן אָפּהאַנג פון פעלדז איז אויף אייזערנע רעלצן געשטאַנען די „האַל־קיאָנע״. אין דער פאָרעם האָט זי אויסגעזען ווי אַ פלאַטערל מיט דורכ־זיכטיקע פליגלען, די האַרטע באַשטאַנדטיילן אירע זענען געווען פון אַלומיניום, און די ווייכע פון הונדערט־בלעטערדיקער וויסער זייד. יאָזעף מילער איז אַרויפ־געשטיגן אויף דעם וואונדערלעכן פאָרמיטל און האָט זיך געווענדט צו אונדז מיט אַ פראַגע אין זיין באַוועגונג. מיר האָבן אים נאָכגעפאָלגט. מיין האַרץ האָט שטאַרק

1) אייז־פויגל.

געקלאַפּט. צוויי גריכישע יינגלעך, וועמען די לופט־רייזע איז שוין באַקאַנט געוועזן, האָבן אונדז פעסט איינגעקלאַמערט אויף אונדזערע זיץ־פּלעצער און האָבן זיך הינטן לייכט אַ כאַפּ אַרויף געטון. דער באַלעבאָס האָט געגעבן אַ צייכן און מיר האָבן זיך באַלד געגעבן אַ גליטש אַרויס און אַ הייב אויף. אין ערשטן מאָמענט האָב איך שטאַרק מורא געהאַט, אָבער שפּעטער האָב איך זיך דערפילט הויך און פריי. מיר זענען געזעסן אונטער דעם ווינט־שירעם פון באַרג־קרישטאָל, וואָס האָט געהאַט די פאָרעם פון אַ קלין און האָבן זיך נישט געפילט באַלעסטיקט, ווי שטאַרק שנעל מיר זאָלן אויך האָבן געפלויגן. פון צייט צו צייט האָבן מיר געשוועבט רויק און שטיל אָדער מיר האָבן אַרומגעקרייזט אין אַ ברייטער ספּיראַל אויף אַראָפּ און בעת דעם האָבן די שימערירנדיקע פליגל פון דער „האַלקיאָנע“ אויסגעזען, ווי אָדלער־פליגל. און ווען מיר האָבן זיך שוין אַראָפּגעלאָזט ביז איבערן ים־שפּיגל איז גענוג געווען אַ קוועטש צו טון אַ קנאָפּ, אַז עס זאָל אונדז באַלד געבן אַ טרייב אַרויף אין דער הייך. איינער פון די גריכן האָט געהאַט אַ גאָלדענע האַרפע און ער האָט צו איר שפּילן געזונגען אַלטע פריילעכע סטראָפן. איך האָב ביי אים אַרויסגענומען די האַרפע פון דער האַנט, ווייל איך האָב געוואָלט זינגען דאָס פרילינגס־ליד פון דער „וואַלקירע“. מיר האָבן אַלע געזונגען, מיר האָבן נישט געקענטריידן. נאָר דער באַלעבאָס פון דער „האַלקיאָנע“ האָט זיך פאַרהאַלטן ערנסט און האָט געשוויגן, בעת ער האָט געקירעוועט אין דער לופטן.

צוויי טעג האָבן מיר אַזוי פאַרבראַכט איבער די ברעגן פון דעם מיטלענדישן ים. יאָזעף מילער האָט אויף מערערע באַרג־שפּיצן איינגעאָרדנט סטאַנציעס, ווו מיר האָבן אונדזער „האַלקיאָנע“ געשפּייזט מיט כעמיקאַליען. אין דער האַלקיאָנישער 1) צייט האָבן מיר זיך פון אויבן באַקענט מיט אַ וועלט.

אויפן דריטן טאָג האָבן מיר זיך ווידער געדאַרפט איינשיפן אויפן „אעגעאָן“. מיט דערשטוינונג האָבן מיר באַמערקט, אַז די „האַלקיאָנע“ איז געוועזן צוגעבונדן מיט אַ קייט צו אונדזער יאַכט־שיף, און מיר האָבן זי געשלעפּט הינטער זיך ווי אַ טויטע. קיינער פון אונדז האָט נישט געוואַגט צו פרעגן דעם באַלעבאָס וואָס דאָס מיינט. ער האָט אויסגעזען מאָדנע, אַז מען האָט צו אים קיין צוטריט נישט געקענט האָבן. אויפן אָפענעם ים האָט ער געהייסן אָפּבינדן די קייט. די שווימענדיקע לופט־שיף איז געווען פאַרבונדן מיט „אַעגעאָן“ דורך אַ דינעם עלעקטרישן דראָט, וואָס האָט זיך אומענדלעך אָפּגעוויקלט פון אַ שפּול. מיר האָבן זיך שוין געהאַט דערווייטערט פון דער שיינער לופט־שיף. דאָס וואָס האָט דאָרט

---

1) שטורעמלאָזע,רויקע טעג און וואָכן, ווען דער טאָג ווערט אַמקירצסטן און ווען דער ים איז שטיל, מען גלויבט, אַז דעמאָלט בויט זיך דער אייז־פויגל (גריכיש האַלקיאָן) זיין נעסט.

אַרומגעטאַנצט איבער די כוואַליעס האָט אויסגעזען, ווי אַ טויטע טשאַיקע. איצט איז יאָזעף מילער צוגעקומען צו אונדז און האָט געזאָגט:

„אָט דאָ פאַרלאָז איך די „האַלקיאָנע". איך האָב געהאַלטן מיין וואָרט און דאָס איז דאָך די הויפּטזאַך, און איניקע פון מיינע פריינט, וועלכע איך שעץ זייער, ווייסן עס. פאַר די מענטשן אַלס כלל וויל איך גאָרנישט טון; ווייל זיי האָבן מיך געפּייניקט, ווען איך בין געווען אָרעם און שוואַך, און האָבן אין מיר דער־וועקט אַן עקל מיט זיין קליינלעכקייט ווען איך בין געוואָרן שטאַרק. פאַר זיי זענען גענוג קאָרקן־ציִערס, פּרעסלעך און לאַז־לעמפּלעך. די מענטשן זע־נען נישט ווערט, צו פליען. פאַר זיי, אָט ווי זיי זענען, איז קריכן אויך גענוג.

ער האָט שמייכלענדיק אַ דריק געטון אַ קנאָפּ. עס האָט אַ שטאַרקן הילך געטון; דאָרט ווו עס איז געלעגן די „האַלקיאָנע" האָט זיך שוימיק אַ הויב געטון דאָס וואַסער, און ביז צו אונדז אַריבער זענען געפלויגן שטיקלעך זייד, ווי ווייסער צוויט, פון אירע פליגלען. און אונדזערע הערצער זענען געווען פול מיט טרויער, ווען מיר זענען ווייטער געפאָרן איבערן וויין־קאָלירטן ים...

דער מאָלער ראָבערט איז אַנטשוויגן געוואָרן. זיי האָבן אַ לאַנגע צייט גע־לאָזט אויסוויבערירן זיין דערציילן.

לסוף האָט דער דאָקטאָר אַ זאָג געטון:

„אייער יאָזעף מילער איז באמת גאָר קיין נאַר נישט געווען. מען וואָלט אים זיכער געווען פאַרדאָרבן זיין „האַלקיאָנע". קודם כל וואָלט מען זי געווען פאַר־וועגדט פאַר מלחמה־צוועקן, דערנאָך וואָלט זי געווען געמוזט פאַרגרעסערן דעם ווילשטאַנד פון עטלעכע מאַכטהאָבערס און געלט־זעק און אין דער זעלבער צייט פאַרשפּרייטן נייע פאָרמען פון מענטשלעכער נויט".

„איר זענט מיר צופיל סאָציאַליסטיש, מיין ליבער פריינט", האָט געענטפערט דער פאַריזער; „יאָזעף מילער איז נישט גערעכט געווען, און ער האָט פאַר אַלע־מען נישט פאַרשטאַנען די וויטגייענדיקייט פון זיין דערפינדונג. ער האָט נישט געטאָרט טראַכטן וועגן די מענטשן פון זיין צייט, צומינדעסטן נישט וועגן די קליינע מענטשעלעך פון זיין אייגענער סביבה. ווער עס גרייט צוקונפט מוז קענען אַריבערקוקן איבער דער קעגנוואַרט. די בעסערע מענטשן וועלן קומען".

איינע פון די פרויען אָבער האָט זיך געווענדט צום דערציילער, און איר שטים האָט ליבלעך אַריינגעקלונגען אין אָוונט אַריין: „צו דער אמתער גרויסקייט פעלט דעם העלד פון אייער מעשהלע נאָר איינס: דאָס מוחל זיין".

(1896)

סאַרא האָלצמאַן

דער הער העלמונד, אַ פֿאַרמעגלעכער עלטערער בחור האָט פֿאַרבראַכט עטלעכע וואָכן אין זומער, ביי דער אָזיערע אין די בערג. דער פּלאַץ איז נאָך פֿאַר די טשערעדעס פֿון טוריסטן נישט געווען באַקאַנט. דער האָטעל דאָרט האָט זעלטן ווען געהאַט מער ווי אַ צוויי דריי טוץ געסט. זיי זענען אָבער געווען אַן איינציקע געשלאָסענע געזעלשאַפֿט, אַזוי אַז מען האָט זיך דאָרט שטענדיק געקענט אונטערהאַלטן. נאָר אַ קליינע גרופּע איז שטענדיק געבליבן אָפּגעריסן פֿון דעם פּאַרקער מיט די אַנדערע. פֿאַרשטייט זיך, אַז מען האָט געדאַרפֿט זיין אַ לענגערע צייט אין דעם האָטעל, כדי צו באַמערקן אָט די אָפּגעזונדערטקייט. ביי די מאָלציטן זענען אַלע געזעסן ביי אַ געמיינזאַמען גרויסן טיש. אויבן־אָן איז שטענדיק געווען דער פּלאַץ פֿון דעם הער גערהאַרט, דער מאָלער, ווייל ער פֿלעגט שוין זייט יאָרן קומען אַהער. ווייטער איז דאָ געזעסן אַ פֿאַמיליע פֿון אַ הויף־ראַט, וועלכע איז רייך געווען אין טעכטער. דערנאָך, נאָך זיי איז געזעסן דער דאָקטאָר היבנער בעי מיט זיין פֿרוי, מיט צוויי יינגלעך און אַ גוווערנאַנטקע. די דאָזיקע גרופּע איז זעלטן ווען געווען גאַנץ אין איר צאָל, עס פֿלעגט שטענדיק פֿעלן ביים טיש אָדער דער בעי, אָדער זיין פֿרוי; ווען זיי פֿלעגן אָבער ביידע קומען, פֿלעגט מען פֿון יענעם פּלאַץ הערן אַ שטאַרק געקלאַפּעריי פֿון טעלער, אָדער אַ האַלבהויך ווערטלען זיך. נאָך דעם פֿלעגט דער בעי אַוועקרוקן דעם שטול און מיט אַ רויט פּנים אַרויסלויפֿן נאָך איידער עס האָט זיך געענדיקט דאָס מאָלצייט. נאָך אַזעלכע אָפּגאַנג פֿון דעם אַפֿריקאַנער, פֿלעגט אַרומפֿלאַטערן אַרום דעם לאַנגן טיש אַ קוים באַמערקבאַר גוט דערצויגן שמייכל, אין וועלכן עס האָבן זיך בלויז צוויי פּערזאָנען נישט באַליידיקט. דאָס איז געווען דער הער גערהאַרט, וואָס האָט שטענדיק געקוקט מיט אַ שטיינערנעם בליק, און די יונגע פֿריילין האָלצמאַן. פֿריילין האָלצמאַן איז אייגנטלעך געווען אַ קינד, וועלכעס מען האָט נאָר ביים טיש געקענט האַלטן פֿאַר אַ דערוואָקסענער, ווייל זי איז אַזוי ערנסט און געמאָסטן געזעסן צווישן איר מוטער און דעם באַראָן פֿאָן ראָזען. ווען זי איז אויפֿגעשטאַנען האָט מען ערשט געזען, אַז זי איז נאָך אַ קליין אויסגעדאַרט מיידעלע, אפֿשר פֿון פֿערצן אַ האַלב יאָר. די מוטער איז געווען אַ שיינע פֿרוי, וועלכע האָט געהאַלטן אין אָפּבליִען.

אין יענעם טאָג איז דער הער העלמונד געקומען אַן אויפגערעגטער צום טיש. ער האָט אַלעמען געגריסט אויף רעכטס און אויף לינקס, און האָט געוואָלט אַז מען זאָל אים אַרויפצווינגען ער זאָל דערציילן וועגן דעם פאַל וואָס עס האָט זיך געטראָפן. אָבער קיינער האָט נישט געפרעגט. זאָל דאָ לסוף דער גאַנצער טומל בלייבן אַזוי אומבאַמערקט? דער הער העלמונד האָט געוואַרט ביז צו דעם דריטן געריכט פון מאָלצייט, און ער האָט די געשיכטע אַליין דערציילט. צי האָבן די דאַמען זיך נישט דערשראָקן בעת זיי האָבן געהערט דאָס בילעריי היינט פאַר מיטיק?

זיינע טיש־שכינות האָבן געענטפערט, אַז ניין. זיי זענען נישט געווען אין דער היים. דער הויף־ראַט האָט לאַנגזאַם געפרעגט: „וואָס פאַר אַ בילעריי מיינט איר?״.

דער הער העלמונד האָט געזאָגט: „די זינגענדיקע הינט. דאָס איז געווען אַ שיין שטיקל. איר האָט מסתמא געזען דעם מאַן, וועלכער איז נעכטן אינאָוונט אָנגעקומען מיט אַ סטאַדע הינט און האָט זיך געהייסן געבן אַ צימער ווי אַן אמתער גאַסט?״

אַלע האָבן גראָד געהאַלטן אין עסן, און מען האָט אין גאַנצן קרייז געהערט דער הער העלמונדס שטאַרקע שטים: „ווייסט איר ווער ער איז געווען? אַ פּראָ־פעסאָר פון הינט״.

„וואָס איז דאָס אַזוינס״, האָט געלאַכט דער הער פאַן ראַזען.

„דאָס איז אַן אַקראָבאַט אָדער אַ פּאַיאַץ, וואָס טרעט אויף מיט הינט. מען האָט אים געגעבן אַ צימער לעבן מיר. איך האָב געהאַט אַ פאַרשטערטע נאַכט. יעדעס מאָל האָט זיך געלאָזט הערן אַן אַנדערער הונט. צי איז דאָס גאָר אַלעמאָל געווען דער זעלביקער־ אַלנפאַלס האָבן אים די חברים זיינע געענטפערט מיט אַ קוויטשעריי און אַ בילעריי ביז עס האָט זיך אַריינגעמישט דער פּראָפעסאָר און עס האָט זיך דערהערט אַ קנאַל פון אַ בייטש. ערשט אינדערפרי בין איך איינגעשלאָפן און בין געשלאָפן עטלעכע שעה. ווען איך בין אויפגעשטאַנען האָט מען שוין געהערט מוזיק פון דאָרטן. יאָ, יאָ, פידל־טענער, דער „קאַרנאַוואַל פון ווענעדיק״, און דערצו דאָס ריטמישע וואָיען פון פאַרשיידענע קולות, פון הינט. איך ווייס נישט דורך וואָס פאַר אַ מין פייניקונגען דער דאָזיקער יונגאַטש האָט געבראַכט די חיות צו אַזאַ מין אופן פון זינגען. איך האָב געהייסן אַריינרופן דעם באַלעבאָס און האָב אים געדראָט מיט מיין באַלדיקן אָפּפאָרן. אויף דערויף איז דער הונט־לערער מיט זיינע תלמידים באַלד אַרויסגעיאָגט געוואָרן פון דעם האָטעל. איר קענט זיך פילן גליקלעך״.

„די אָרעמע הינט, נעבעך״, האָט אַ זאָג געטון סאָראַ האָלצמאַן מיט אַ געדריקטער שטים און איז באַלד שטאַרק רויט געוואָרן, ווען דער הער געראַהאַרט

האָט איר וואָרט געכאַפּט און האָט זיך געווענדט נישט צו איר, נאָר צו דעם הער העלמונד, זאָגנדיק:

„זייער ריכטיק, די הינט האָט מען אַלציינס גאָרנישט געהאָלפן: ער וועט זיי ווייטער פייניקן".

דער הויף־ראַט האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ: „אויף וואָס פּאַר אַ המצאות מען קומט דאָס איצט. זינגענדיקע הינט — דאָס איז דאָך קעגן דער נאַטור פון זייער מין".

„אפשר איז גאָר יעדע קונסט קעגן דער נאַטור פון דעם מין", האָט געזאָגט דער הער גערהאַרד.

און ד"ר היבנער בעי האָט צוגעגעבן: „יאָ, יאָ, איך גלויב, אַז די בעסטע דערגרייכונגען האָבן מיר צו פאַרדאַנקען פייניקונגען".

דער הער העלמונד האָט שוין נישט געקענט מער נאָכפאָלגן דעם געשפּרעך. ער האָט זיך פאַרטיפט אין דער שיסל מיט געבראָטנס, מיט דער שטילער סאַטיספאַקציע, וואָס ער האָט אויך אַמאָל געגעבן אַן אַלגעמיינע אונטערהאַלטונגס־טעמע.

נאָכן עסן פלעגט מען געוויינלעך זיצן אין דרויסן פאַרן „זעעהאָף"־האָטעל און טרינקען שוואַרצע קאַווע. דער הער העלמונד האָט שעמעוודיק זיך געוואָגט צוצוגיין צו דעם הער גערהאַרט, וועלכער האָט אים שטענדיק אימפּאָנירט מיט זיין קאַלטקייט, וועלכער האָט אים אָבער היינט אַרויסגעוויזן ליבנסווירדיקייט כמעט.

„ווי מיינט איר דאָס אייגנטלעך מיט דער קונסט קעגן דער נאַטור — אָדער ווי אַזוי איז דאָס געווען?"

„נישט איצט", האָט אַ זאָג געטון דער הער גערהאַרט און האָט אים אַ דריק געטון דעם אָדער. „לאָמיר זיך בעסער צוהערן". און ער האָט מיט דעם ציגאַר אַרויפגעוויזן אויפן באַלקאָן פון ערשטן שטאָק. דורך דער אָפענער טיר האָבן זיך אַרויסגעריסן פּיאַנאָ־טענער.

דער הער העלמונד האָט זיך איינגעהערט און אין אַ ווײַלע אַרום האָט ער געשעפּטשעט: „ווער שפּילט עס אַזוי וווּנדערפול?"

„סאַראַ האָלצמאַן".

„די קליינע יידישקע?"

„יאָ".

אויך די אַנדערע האָבן זיך אָנגעהויבן איינצוהערן. פרוי האָלצמאַן איז געזעסן מיט אַן עלעגאַנטער האַנט־אַרבעט; לעבן איר, כמעט צו אירע פיס איז געזעסן אויף אַ נידעריקן געפלאָכטענעם שטול, דער הער פאָן ראַזען. די פרוי האָלצמאַן האָט פון צייט צו צייט אויפגעהויבן איר בליק, האָט אַריינגעקוקט סעקונדן־לאַנג טיף אין זיינע אויגן און דאַן ווייטער אויף איר שטיקעריי, שמייכלענ־

דיק דערביי, אַזוי ווי זיי וואָלטן זיך געוועזן עפּעס געזאָגט איינער דעם צווייטן.

אויבן האָט די מוזיק אַלץ געקלונגען. איבער דער אָזיערע האָט געאָטעמט מיט מיטיקצייט. די חלומות פון דעם הער גרעהאַרט האָבן אַריבערגעשוועבט איבער די בערג. ווי לאַנג זענען זיי דאָ געזעסן? דער הער העלמונד האָט גערעדט אינמיטן פון אַ מוזיק־שטיק, האַלב צו זיך אַליין: „די דאָזיקע מוזיק נעמט מיר דורך דעם מאַרך און די ביינער״.

דאָ האָט אים דער הער גרעהאַרט אָנגעקוקט מיט אַן אויסדרוק פון דאַנקבאַרקייט און האָט שטילערהייט געזאָגט: „ס׳קען זיין, אַז איר זענט אפשר אַ גוטער מענטש״.

אויך דאָס דאָזיקע צייטלאָזע צוהערן זיך האָט זיך געענדיקט. און ווען די לעצטע קלאַנגען האָבן פאַרקלונגען און קיין אַנדערע האָבן שוין נישט געוואָלט נאָכקומען האָבן זיך די ביידע הערן אויפגעכאַפּט.

„דאָס זענען דאָך גאַנץ אַנדערע טענער, ווי די וואָס איך האָב היינט איינדערפרי געהערט פון דעם שכנישן צימער״, האָט געזאָגט דער הער העלמונד, נאָר כדי עפּעס צו זאָגן.

אָבער דער הער גרעהאַרט האָט געענטפערט אויף אַ מאָדנעם אופן: „איר זענט זיך טועה, הער העלמונד, דאָס זענען די זעלבע טענער״.

„דאָס פאַרשטיי איך נישט״, האָט געזאָגט דער הער העלמונד.

„פאַרשטייט זיך, פונוואַנעט זאָלט איר קענען די געשיכטע, וועלכע עס קען אפשר נאָר איינער?״

„און דער איינער זענט איר, הער גרעהאַרט?״

דער הער גרעהאַרט איז אויפגעשטאַנען און האָט געוואָלט אַריינגיין אין הויז. דאָ האָט פּונקט סאַראַ האַלצמאַן געהאַלטן אין אַראָפּגיין. איר העל קלייד האָט שימערירט אין דער האַלב־טונקלקייט פון דעם טרעפּ־גאַנג. דער הער גערהאַרט איז געבליבן שטיין ביים טויער, כדי זי צו לאָזן אַדורכגיין. זי האָט אים נישט אָנגעקוקט. דאָ האָט דער מאַלער הויך אַ זאָג געטון:

„שפּעטער, ווען עס וועט שוין נישט זיין אַזוי הייס, וואָלט איר מיט מיר וועלן גיין קיין סאַנט לעאָדעגאַר, הער העלמונד? אַהין וועלן מיר גיין דורכן וואַלד און צוריק וועלן מיר פאָרן מיט אַ שיפל. מיר האָבן היינט אַ לבנה־נאַכט״.

„מיטן גרעסטן פאַרגעניגן״. האָט געענטפערט דער הער העלמונד. „איך וועל דאָ וואַרטן אויף אייך, ביז איר וועט זיך גלוסטן אַרויסצולאָזן זיך אין וועג אַריין״.

דער הער העלמונד איז איצט געזעסן אַליין, ער האָט זיך פאַררויכערט אַ פרישן ציגאַר און האָט באַטראַכט סאַראַ האַלצמאַן, וועלכע איז אים נאָך די לייכטע אָנדייטונגען פון דעם מאָלער אויסגעקומען עפּעס מערקווירדיקער ווי פריער. באמת, אַ קינד נאָך אין אַ קורץ קליידל; אָבער אויף איר בלאַס פּנים איז געלעגן

אַ טיפער ערנסט. זי איז צוגעגאַנגען צו איר מוטער. דער באַראָן איז אויפגעשטאַנען און האָט איר פריינטלעך אָנגעבאָטן דעם געפלאָכטענעם פאָטעל. סאַראַ האָלצמאַן האָט זיך מיט אַן אייז־קאַלטקייט אָפגעזאָגט פון דער פריינטלעכקייט, זי האָט אים געוויזן איר בוך, און איז באַלד אַוועקגעגאַנגען צו דער אַלטאַנקע, וועלכע האָט זיך געפונען אויפן בערגל ביי דער אָזיערע. צוזאַמענדריקנדיק די אַקסלען האָט פרוי האָלצמאַן נאָכגעקוקט איר טאָכטער און מיט אַ באַוועגונג פון איר פליישיקער מיט רינגען באַלאָדענער האַנט האָט זי איינגעלאַדן דעם הער פאָן ראָזען זיך ווידער צו זעצן. דעם הער העלמונד איז צום ערשטן מאָל איינגעפאַלן, דאָס וואָס די פרוי און די פריילין האָלצמאַן זענען אינגאַנצן אָפגעזונדערט פון די אַנדערע דאַמען. די אַנדערע, אַפילו די פרעמדסטע צווישן זיך, האָבן נאָך ווען נישט איז גערעדט איינע מיט די אַנדערע, די יונגע מיידלעך האָבן געשפּאַסט, געלאַכט, געשפילט טעניס אויף דער לאָנקע, אָדער געזעלשאַפט־שפּילן אין סאַלאָן בעת עס פלעגט רעגענען. נאָר סאַראַ האָלצמאַן איז שטענדיק געווען איינזאַם. אָבער איר מוטער האָט זיך, ווייזט אויס, נישט געלאַנגווייליקט, ווייל זי האָט שטענדיק געהאַט דעם נאַרישן באַראָן ביי דער זייט. דער הער העלמונד האָט מחמת גוטמוטיקייט געהאַט רחמנות אויף דעם איינזאַמען קינד, וואָס זיצט דאָרט אַליין אין דער אַלטאַנקע אַריבערגעבויגן איבער איר בוך. ער איז אויפגעשטאַנען און איז עטלעכע מאָל אַדורכגעגאַנגען ביי דער אַלטאַנקע. מיט דערשטוינונג האָט ער באַמערקט, אַז סאַראַ האָלצמאַן האָט גאָרנישט געלייענט, נאָר זי האָט זיך פאַרשטעלט מיט דער האַנט און האָט גאַנץ טרויעריק געקוקט אויף דער רויִקער אומבאַוועגלעכער אָזיערע, ווי זי וואָלט עפּעס זוכן אויף יענעם ברעג. אָבער ווען ער איז אין זיין אומגעלומפּערטער נייגעריקייט צוגעקומען נענטער, האָט זי מיט זיך אַ וואָרף געטון, האָט אים אַ מאָמענט צעשראָקן און פינצטער אָנגעקוקט און האָט דאַן מיט אַ געקנייטשטן שטערן נישט באַוועגנדיק זיך אַריינגעקוקט אין איר בוך.

ווען די זון האָט זיך שוין געהאַט אַראָפּגעזעצט איז דער הער העלמונד געגאַנגען מיט דעם הער גערהאַרט דורכן סאָסנע־וואַלד קיין סאַנקט לעאָדעגאַר. דער הער גערהאַרט האָט ווידער געגעבן קורצע ענטפערס אויף אַלע אָנרעגונגען צום רעדן און אויף די פראַגן פון זיין באַגלייטער. נאָך דעם ווי זיי זענען שוין געהאַט אָפּגעגאַנגען אפשר אַ האַלבע שעה האָבן זיי פון דערווייטן אויפן וועג דערהערט שטימען, ווי מען וואָלט זיך קריגן, און וועלכע האָבן זיך געהאַלטן אין דערנענטערן. דאָס איז געווען ד״ר היבנער בעי מיט זיין פרוי. ווי נאָר זיי האָבן באַמערקט די צוויי וואָס זענען זיי אַנטקעגנגעקומען זענען זיי אַנטשוויגן געוואָרן. ביים פאַרבייגן האָט דער בעי געלאָזט אויף אַ פּאָר שריט פאָרויס גיין זיין צעהיצטע פרוי און האָט אויפגעהאַלטן דעם הער גערהאַרט:

„זייט געזונט. איך פאָר היינט אָוונט".

„אַזוי פּלוצלונג? וואַהין?״

„קיין אַפריקע. איך פאַרטראַג שוין ווידער אַמאָל נישט אייראָפּע״.

„אַ שאָד, פאַרט געזונט״. דער הער גערהאַרט האָט דעם בעי געדריקט די האַנט, האָט אים נאָך אַ ווײַלע נאָכגעקוקט און שמייכלענדיק זיך געווענדט צום הער העלמונד: „איר זעט דאָס איז קאָמיש; אָבער דאָס איז אייגנטלעך די זעל־ביקע דערשיינונג וועגן וועלכער מיר האָבן גערעדט״.

„וועלכע דערשיינונג?״ האָט דער הער העלמונד געזאָגט.

„אָט דער בעי האָט פּונקט אַזוי חשק אויסצופאָרשן אומבאַקאַנטע וועלט־טיילן, ווי אייער שכנס הינט צום זינגען. ווען מען זאָל אים לאָזן צו רו וואָלט ער מסתמא געווען אַזאַ גוטער בורזשוא, ווי איר״.

דער הער העלמונד האָט זיך נישט אַזוי גיך חשבון געגעבן ווי ער זאָל דאָס אויפנעמען. ער האָט נאָר אַ מורמל געטון: „נו, און אַזוי?״

„אַזוי יאָדעט אים זיין ווייב אַרויס אַהיים — פון יענער זייט ים. די וויסנ־שאַפט האָט זייער אַ סך צו פאַרדאַנקען אָט דער דאָזיקער פרוי. יאָ, די סיבות פון אונדזערע שאַפונגען זענען אַמאָל קאָמיש. און אָפט זענען זיי טרויעריק. איר בורזשואַס האָט נישט די מינדסטע אַנונג אין וואָס עס באַשטייען די לידער, וועל־כע אַנטציקן אייך, און די טאַטן, וועלכע איר באַוווּנדערט. איר הערט אָבער איר פאַרשטייט נישט דאָס געזאַנג, וואָס קומט אַרויס פון די ליידן. פאַרשטייט זיך, אַז די נשמה מוז אויך זיין אַזאַ, וואָס ווען זי ווערט צעדריקט און פאַרפּייניקט זאָל זי זיך דורך ריינע הויכע אויסברוכן מאַכן לופט. צו דעם איז מיר די קליינע אָרעמע סאַראַ — אַ שיינער משל״.

„אַך, יאָ, הער גערהאַרט איר האָט מיר געוואָלט דערציילן די געשיכטע פון דעם קינד״.

„איך קען אייך זאָגן דאָס וואָס איך ווייס. עס איז אַן אייגנטימלעכע טראַגע־דיע. איך האָב זיך דאָ באַקענט מיט סאַראַן פאַר דריי יאָרן. דעמאָלט פלעגט זי נאָך רעדן מיט מיר. איר האָט עס אפשר היינט נאָך מיטיק באַמערקט, אַז זי ענטפערט מיר נישט ווען איך גריס זי״.

„איך האָב עס געהאַלטן פאַר אַן אומדערצויגנקייט. פאַרוואָס זאָל אַזאַ קינד?... זי איז מסתמא נאָך קיין זעכצן יאָר נישט אַלט״.

„נאָך אַפילו נישט קיין פופצן. זי איז נאָך נישט אַלט געווען אַפילו קיין צוועלף יאָר ווען איך האָב זיך מיט איר באַקענט. דער פאָטער אירער, דער קאָ־מערציאַל־ראַט, האָט דעמאָלט אויך אַזוי ווי דאָס יאָר געבראַכט אַהער זיין פרוי און טאָכטער. איר האָט נישט געזען דעם אַלטן מאַן? ער איז דאָ געווען יענע וואָך?״

„אָט דער? איך האָב געמיינט, אַז דאָס איז איר זיידע. די פרוי איז דאָך מיט אַזוי פיל יינגער פון אים״.

„איך האָב זיך דעמאָלט דערוווּסט, אַז ער האָט שפּעט חתונה געהאַט. איך האָב אָפט גערעדט מיט אים און ער האָט מיר דערציילט פאַרשיידענע זאַכן פון זיין לעבן, וואָס איז אַ לאַנגע צייט נישט געווען סטאַביל, נישט געשטעלט. ער האָט אַרומגעוואָגלט איבער דער גאַנצער וועלט און ער האָט זיך דערביי דער־וואָרבן נישט נאָר רייכטימער, נאָר אויך אַ סך זעלטענע קענטענישן. ער איז אַ



הערצל חתנווייז (1883)

הערצל אַלס ד״ר יורי (1883)

גרויסער סוחר און צוגלייך אויך אַ גרויסער געלערנטער. ער האָט זיך שפּעט באַזעצט אויף אַ פּלאַץ און האָט גענומען פאַר אַ ווייב זיין ברודערס טאָכטער, אַט די פּוסטע פרוי. עס איז אים געבוירן געוואָרן אַ קינד שוין אין דער טיפער עלטער. אַז ער האָט דאָס צאַרטע מיידעלע אַרומגענומען מיט זיין ציטערנדיקער ליבע האָט מיך נישט געוווּנדערט, אָבער ווי אַזוי סאַראַ העגנט און האָט געהאַנגען אַן איר פאָטער, דאָס איז עפּעס אויסערגעוויינלעכס. ווען זי פלעגט אַנקוקן דעם אַלטן, פלעגט זי האָבן אין איר בליק עפּעס אַ מין מורא, וועלכע מען קען זען ביי מוטערס, וועלכע האָבן קראַנקע קינדער. מיט אַן אומזיכערער שטים האָט זי מיך אַמאָל געפרעגט, צי זעט מיר איר פאָטער נישט אויס זייער קרענקלעך, און איידער איך האָב איר נאָך געקענט ענטפערן ניין, האָבן שוין אירע טרערן אַראָפּ־געקאַפּעט אויף מיין האַנט. זי האָט נישט אָפּגעטראָטן פון אים. זי האָט נישט געדאַרפט קיין שום שפּיל און קיין שום אַנדערע געזעלשאַפט, ווען ער איז געווען. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט געזען אַזאַ קינדער־צערטלעכקייט, פאַרפינצטערט מיט אַזויפיל מורא פאַר דער קומענדיקער אבידה. און פון דעסטוועגן האָט זי אויך געקענט זיין פריילעך, ווי אַ קינד אין איר עלטער. אַך, ווי באַצויבערנדיק זענען עס געווען די שפּאַציר־גענג דורכן וואַלד, ווען זי איז געגאַנגען איינגעקלאַ־

מערט אין דעם אַלטנס אָרעם און האָט אַרומגעטענצלט צווישן אים און מיר. איך בין שוין דעמאָלט אויך געווען כמעט אַ פערציקער, און עס האָבן דאָך נאָר גע־קענט זיין געפילן פון אַ פעטער אין די יאָרן, וואָס אָט דאָס ריינע קינד האָט ביי מיר אַרויסגערופן. וואָס האָט געקענט זיין שענער ווי דאָס וואָס זי האָט געבעטן דעם פאָטער ער זאָל דערציילן פון זיינע רייזעס און פון זיין יוגנט, מיך וועגן מיין קונסט און וועגן גרויסע מייסטערס — און ווען זי האָט זיך איינגעהערט מיט אַ גלאַנץ אין אירע טיפע אויגן? אָדער איר אייגענע רעדעריי, איר גוגערן, איר געזאַנג, ביי וועלכן מיר, גרויסע, האָבן זיך איינער דעם אַנדערן שטומערהייט איבער איר קאָפּ אַריבער אָנגעקוקט. און ווען זי איז שטיל געבליבן האָט דער פאָטער גערן געזאָגט די ווערטער פון אָט דעם ליד צו זיך אַליין:

אַ מויל פון קינד, אַ מויל פון קינד,
ביזט פול מיט חכמה גאָר
די שפּראַך דו קענסט פון פויגל און ווינט
ווי שלמה המלך נאָר...

אויף אַזעלכע אויספלוגן זענען מיר דריי געווײנלעך געגאַנגען פּאָרויס. פרוי האָלצמאַן איז געגאַנגען פון הינטן מיט דעם באַראָן. ער פלעגט שוין דעמאָלט זיין איר געזעלשאַפט. דער קאָמערציאַל־ראַט פלעגט אָפּט רעדן צו מיר, מיט אַן אומאַנגענעמער איראָניע, וועגן דעם דאָזיקן הער, וועלכער פלעגט אָפּט, אויב איך האָב קיין טעות נישט, לייען געלט ביי אים. ווי ווייט אָבער עס האָט גע־גרייכט דער שאַרפער בליק פון דעם העכער שטייענדיקן אַלטן, וואָהין ער איז מיט זיין בליק דערגאַנגען און אַריבערגעגאַנגען? דאָס ווייס איך נישט... עס האָט זיך אַמאָל געמאַכט, אַז דער קאָמערציאַל־ראַט האָט געדאַרפט אַוועקפאָרן אויף עטלעכע טעג, צוליב זיינע געשעפטן. פאַרשטייט זיך, אַז סאַראַ איז געווען זייער באַטריבט. ער האָט איר געמוזט צוזאָגן, אַז ער וועט שרייבן, טעלעגראַפירן און באַלד צוריקקומען. זי איז דאָך געווען אַ קלוג קינד און זי האָט זיך איינפאַר־שטאַנען, כאָטש עס איז נישט לייכט געווען. נאָך דעם ווי ער איז געהאַט אַוועק־געפאָרן, האָב איך געמאַכט פאַר איר אַלע מיינע אויסגעפרווּוטע שפּאַסן. איך האָב זי און מיך אַליין אונטערהאַלטן מעשה מלך. אויפן צווייטן טאָג אינדערפרי איז אָנגעקומען אַ טעלעגראַמע פונעם פאָטער, אַז ער וועט צוריקקומען נאָך פריִער ווי ער האָט צוגעזאָגט. מיר האָבן זיך זייער געפרייט און די פרייד אונ־דזערע האָט אַזוי געדויערט ביז צום נעקסטן אָוונט. די פרוי האָלצמאַן מיט סאַ־ראַן זענען אַוועקגעגאַנגען פרי שלאָפן. כדי צו פטרן דעם באַראָן, וועלכער האָט מיך אַזוי געלאַנגווייליקט, האָב איך באַשלאָסן צו מאַכן אַ שפּאַציר אויף אַ שיפל. פון וואָס ער איז נישט געווען קיין שטאַרקער אָנהענגער. איך בין אַרויסגעפאָרן גאַנץ ווייט און בין צוריקגעקומען. ווען איך בין אַרויפגעגאַנגען דאָס בערגל,

ווו עס האָט זיך געפונען דער האָטעל, האָט מען שוין אינגאַנצן הויז כמעט, קיין ליכט נישט געזען. אַלץ איז שוין געשלאָפן. נאָך דעם ווי איך בין שנעל געגאַנגען באַרג־אַרויף האָב איך מיך אויבן אָפּגעשטעלט צו כאַפּן דעם אָטעם. דאָ האָב איך דערהערט עפּעס — אַ לאַנגן אונטערדריקטן טאָן, וואָס האָט אויף מיר אָנגעוואָרפן אַ פּחד. נאָכ איידער איך האָב זיך דערוווּסט וואָס דאָס איז. ווייל דאָס איז געווען אַ טאָן פון דעם גרעסטן ווייטיק, וועלכער האָט שוין אַפילו נישט געקלונגען מענטשלעך, כאָטש דאָס איז געווען אַ מענטשלעכע שטים. עס איז מער ענלעך געווען צום ווייען פון אַ פאַרפייניקטן הונט. איך בין נאָכגעגאַנגען דעם קול. אינעם פייכטן גראָז צווישן די קוסטעס, אויפן ראַנד פון דעם בערגל, האָב איך דערזען אַ קליינע העלע געשטאַלט פלאַך אויסגעשטרעקט, מיטן פנים צוגעדריקט צו דער ערד. איך בין שנעל צוגעגאַנגען און האָב זי באַלד דערקענט.

„סאַראַ!" האָב איך נישט ווילנדיק שטיל אַ זאָג געטון, אַזוי שטיל ווי שטיל זי האָט געשלוכצט. „גאָט מיינער, וואָס איז געשען?" זי האָט מיך נישט געהערט, אָדער זי האָט מיך נישט געוואָלט הערן. איך האָב געזען, אַז אַנשטאָט מיר צו ענטפערן, האָט זי זיך אַריינגעביסן אין דער ערד, כדי צו פאַרשטיקן איר קרעכצן. איך האָב אויך דערזען, אַז זי איז געווען אָנגעטון בלויז אין אַ לייכט קליידל און אין דער נאַכט־בלוזקע און אַז זי איז אַראָפּגעלאָפן באָרוועס. מיט איין שפּרונג בין איך שוין געווען ביי דעם אָפענעם פענצטער פון מיין ציַ־מער, וואָס איז געווען אין דער נידער, איך האָב זיך געגעבן אַ וואָרף אַריין, האָב אַרויסגענומען אַ דיקן שאַל, און אַזוי ווי איך בין ווידער צוגעקומען צו איר, האָב איך קודם כל גענומען און זי, נישט קוקנדיק אויף איר נישט לאָזן זיך, וואַרעם איינגעוויקלט, אַזוי אַז זי האָט זיך אַפילו נישט געקענט רירן. איצט האָט זי אויף מיין ברוסט אַריינגעוויינט אין שאַל אַריין.

„סאַראַ", מיין קינד, וואָס איז געשען?" זענען אפשר אָנגעקומען שלעכטע ידיעות פון דיין פאָטער?"

„אָך, ניין", האָט זי געיאָמערט, „ניין, ניין, ניין!"

„וואָס־זשע דען, מיין קינד?"

„אַך, הער געגרהאַרט, אאָ, הער געגרהאַרט! איך קען עס נישט זאָגן! איך קען עס אייך נישט זאָגן! איך קען עס נישט זאָגן!"

„זאָל איך אפשר אַרויסרופן די מאַמע?" האָב איך אַ זאָג געטון.

דאָ האָט זי זיך אַ ריס געטון פון מיין אָרעם און האָט זיך געוואָלט וואַרפן צו דער ערד און האָט געשריגן מיט אַ הייזעריקן טאָן, וועלכע איך וועל אין מיין גאַנצן לעבן נישט פאַרגעסן: „ניין, זי נישט! קיינמאָל, קיינמאָל נישט מער!"

איך האָב מיר באַלד עפּעס פאַרגעשטעלט. איך האָב גערעדט צו איר אַזוי צאַרט ווי איך האָב נאָר געקענט. זי זאָל זיך באַרויקן, זי זאָל טראַכטן וועגן איר

פּאָטער. דאָס האָט געהאָלפן. פון דעם קראַמפּהאַפטן שלוכצן איז זי אַריבערגע־גאַנגען צו אַ שטילן געוויין. אוי, ווי זי האָט נעבעך געוויינט, דאָס אָרעמע קינד. זי האָט אויך פאַמעלעך אָנגעהויבן צו רעדן, און עס איז אַרויסגעקומען דאָס וואָס איך האָב פאַר זיך אַליין מורא געהאַט מודה צו זיין.

זי האָט שטיל גערעדט:

„איך בין אַזוי אומגליקלעך, ווייל — מיין מוטער האָט ליב אַ פרעמדן מאַן״.

איך האָב זיך דערשראָקן און האָבן געשטאַמלט:

„קינד מיינס, סאַראַ, ווי קענט איר אַזוינס גלויבן? דאָס איז אַ נאַרישע איינבילדונג, אַזוינס טאָר מען גאָר נישט טראַכטן״.

זי האָט שטיל געענטפערט:

„זאָגט מיר נישט גאָרנישט! איך ווייס. זייט אַ שעה ווייס איך עס. איך האָבן געוואָלט שפּרינגען אין וואַסער אַריין. איך בין שוין געווען ביים ברעג. אָבער מיין פּאָטער! מיין אָרעמער, מיין טייערינקער! איך טאָר נישט שטאַרבן פאַר אים, און ער טאָר זיך פון דעם נישט דערוויסן. און איך בין ווידער אַרויפ־געקומען אָבער ווי זאָל איך ווייטער לעבן מיט דעם, הער גערהאַרט, ווי זאָל איך מיט דעם ווייטער לעבן?״

איך בין געווען אַזוי דערשיטערט, אַז איך האָב נישט געוואָגט זי איבער־צושפּאַרן, נישט געוואָגט זי צו פרעגן. וואָס פאַר אַ טרייסט־ווערטער איך האָב נאָר געפונען אין האַרצן ביי זיך האָב איך זיי איר געזאָגט. איך האָב נישט גע־רעדט צו איר ווי צו אַ קינד, ווייל ווער עס מאַכט אַזעלכעס דורך, דער געהערט שוין צו די געפּרוּווטע, צו די ליידנדיקע מענטשן. איך האָב איר דערציילט וואָס פאַר אַ גרויסע טרייסט עס איז פאַר מיר אין מיין אייגענעם לעבן געווען די קונסט און וויאַזוי אונדזערע ווייטיקן ווערן פאַרוואַנדלט אין בלומען דורך דער קונסט. אין בלומען, וואָס דערפרייען אַנדערע מענטשן, פּונקט די ליידנדיקע, די שווער באַלאַדענע. און דערנאָך האָב איך געמוזט אַ שמייכל טון, ווען זי האָט אַזוי קינדיש נאַיוו אַ פרעג געטון:

גלויבט איר, הער גערהאַרט, אַז איך וואָלט מיר מיט קלאַוויר־שפּילן גע־קענט אַרויסהעלפן אין אָט די צרות?״

איך האָב זי לסוף באַוויגן, זי זאָל זיך גיין לייגן שלאָפן. אָבער וואָס פאַר אַן ענדערונג איז יענע נאַכט פאָרגעקומען אין דער קליינער סאַראַס געמיט? צוליב וואָס פאַר אַ קאַפּריז האָט זיך איר פאַרהעלטניש צו מיר פאַרוואַנדלט אין אַ רוגזה? עס האָט איר אפשר באַנג געטאָן, וואָס זי האָט פאַרראַטן די גאַנצע שאַנד פון איר הויז פאַר אַ פרעמדן. אָדער אפשר האָט זי, די אָרעמע אומדער־פאַרענע מורא געהאַט איך זאָל נישט עפּעס דערציילן איר פאָטער? דאָס אַז זי האָט עס פאַר יעדן פּרייז געוואָלט באַהאַלטן פאַרן פאָטער, האָב איך באַלד דערקענט. ביז עס איז צוריקגעקומען דער קאָמערציאַל־ראַט האָט זי מיך באַ־

האַנדלט קאַלט און טרוקן, פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב זי מיט קיין שום רמז נישט דערמאָנט אָן דעם וואָס עס איז פאָרגעקומען. אין עטלעכע טעג אַרום האָט דער אַלטער אויסגענוצט אַ מאָמענט ווען מיר זענען געווען אַליין און ער האָט מיר געזאָגט:

„שטעלט אייך נאָר פאָר דעם קאַפּריז פונעם קינד, מיין ליבער הער גער־האַרט! זי האָט גאָר און פלוצלונג באַקומען עפּעס אַ פאַרדראָס אויף אייך — איך האָב עס בשום אופן ביז איצט נישט געקענט ביי איר אַרויסבאַקומען פאַר וואָס. איך האַלט, אַז דאָס איז איינע פון די וווּנדערלעכע שטימונגען, וואָס שווימען אַרויף ביי יונגע מענטשן, אין דער דאַזיקער לעבנס־צייט פון לויטער רעטענישן; זי וויל נישט מער זיין אין אייער געזעלשאַפט. און איך האָב עס איר געמוזט גאַנץ ערנסט צוזאָגן. זי איז דאָך אַזוי זייער אַ גוט קינד. אייך האָב איך עס אָבער בסוד געמוזט דערציילן, כדי איר זאָלט נישט האָבן קיין חשד, אַז דאָס איז עפּעס מחמת אַן ערנסטע סיבה, ווייל איר זענט ביי מיר אַלציינס זייער געשעצט“.

„און איר זעט, מיין ליבער הער, אָט אַזוי האָב איך פאַרלוירן די קליינע סאַראַ האַלצמאַן“.

הער העלומונד האָט געזאָגט: „דאָס איז דאָך עפּעס זייער — זייער, נו, ווי זאָל איך זאָגן? קוריאָז!“.

דער מאָלער האָט פאַרענדיקט זיין דערציילן:

„איך טרעף זי דאָ יעדן זומער. איך זע זי פון דער וויטן וואַקסן און דער־וואַקסן. איך דערקען אויך אין מאַנכע סימנים, ווי אָט דער אומגעהיילטער וויטיק אַרבעט אויס איר נשמה. איר מוזיק איז פאַר מיר אַ ידיעה פון אַ טיפן סוד. זי ליידט און קעמפט. פונקט ווי זי זאָל זיין אַ מיטשולדיקע זאָרגט זי, די אומ־שולדיקע דערפאַר, אַז מען זאָל איר מוטער נישט כאַפּן; ווייל דער אַלטער מאַן וואָלט זיך דעמאָלט דערוווּסט פון דער בושה. צי ווייסט אָט דאָס עקלהאַפטע פּאָרל, אויף וויפל זי העלפט זיי? איך האַלט, אַז זיי ביידע באַאומרויִקן זיך גאָר־נישט אין זייער זאָרגלאָזער אומזויבערקייט. זיי קענען זיין רויִק, זיי זענען רויִק; סאַראַ האַלצמאַן וואַכט“.

די הערן זענען איצט אָנגעקומען אין דעם דאָרף סאַנט לעאָדעגאַר. הער העלמונד האָט זיך דאָ געוואָלט אָוועקזעצן, כדי, ווי ער האָט געזאָגט, צו פאַר־דייען די געשיכטע. דער הער גערהאַרד האָט אָבער געוואָלט באַלד צוריקפאָרן מיטן שיפל.

„עס האָט דאָך געהייסן, אַז מיר וועלן צוריקפאָרן ביים לבנה־שיין?“ האָט געזאָגט דער הער העלמונד.

„יאָ, דאָס האָב איך נאָר געזאָגט אין דער קעגנוואָרט פון סאַראַ האַלצמאַן, ווייל זי זינגט קיינמאָל נישט ווען זי ווייסט, אַז איך געפין זיך ערגעץ ווו אין דער גאָענט; וועגן דעם האָב איך זיך צופעליק דערוווּסט און שפּעטער דורך

באַאָבאַכטונגען דאָס פעסטגעשטעלט. פון יענער נאַכט אָן שעמט זי זיך פאַר מיר, און זי וויל נישט, אַז איך זאָל פון איר געזאַנג אַרויסהערן דאָס סודותדיקע, וואָס זי האָט אין דער צייט דורכגעלעבט. זי וויל, אַז איך זאָל דאָס פאַרגעסן. יענע געשעעניש זאָל פון מיין זכרון אויסגעמעקט ווערן. סאַראַ האַלצמאַן ווייסט גאָרנישט, ווי זייער — ווי זייער איך קען זי נישט פאַרגעסן. און ווען איך הער זיך פאַרבאָרגנערהייט אונטער ווי זי זינגט... קומט, אפשר ווערט זי היינט זינגען!״

זיי האָבן זיך אַריינגעזעצט אין שיפל. דער הער גערהאַרד האָט שטאַרק גערודערט מיט די ווּעסלעס און דאָס שיפל איז ממש געפלויגן. עס איז טונקל געוואָרן. ווען זיי זענען שוין צוגעקומען נאָענט צום האָטעל און האָבן נאָך אַלץ גאָרנישט געהערט, זיי האָבן שוין געהאַט אויפגעגעבן די האָפענונג. דער הער גערהאַרט האָט אויף אַ וויילע נאָכגעלאָזט די ווּעסלעס. און ווען ער האָט אַן אַנטוישטער זיי ווידער געוואָלט אויפהייבן, האָט זיך דערהערט אַ ליבלעכער געזאַנג פון אויבן, אַ שטים, וואָס האָט אַנטהאַלטן אַ נשמה אין זיך. אַ געזאַנג, וואָס איז געפלויגן לייכט און הויך אַרויס אין דער ווייט, ריין אַזוי ווי עס זאָל שוועבן אַ פויגל איבער דער אָזיערע.

(1896)

סאָלאָ און לידיע

סאָלאָן איז געווען אין די בעסטע יאָרן און ביים גאַנצן כוח פון זיין גייסט, ווען ער האָט זיך אַנטשלאָסן צו פאַרלאָזן אַטען. זיינע געזעצן האָבן שוין געהאָנגען אויף די קירבן 1), אָבער פאַר די בירגער זענען זיי נאָך געווען צו ניי. טאָג־טעגלעך זענען געקומען מענער פון אַלע קרייזן און האָבן באַטראַכט די אַקסאָנטעס 2). זיין פריינט היפּאָניקאָס האָט אים ביי אַזאַ געלעגנהייט געזאָגט:

„דו זעסט ווי דיינע געזעצן געפעלן נישט קיינעם פון די שטייער־צאָלער".

„ווייל זיי זענען ניי, היפּאָניקאָס. מיינע געזעצן זענען נאָך נישט גוט, אָבער זיי זענען אויך נישט שלעכט. אין אַ געוויסן זין קען מען יונגע געזעצן פאַרגלייכן צו ווייַן. זיי מוזן ווערן צייטיק. נאָך דעם ווען מען מאַכט זיי".

„מיין ליבער סאָלאָן. דו האָסט קיינעם נישט צופרידן געשטעלט. מיר איז קיין וווּנדער נישט, וואָס די פּענטאַקאָזיאָמעדימנען 3), די ריטער 4) און אויך די צווי־גיטן 5) זענען קעגן דיר, ווייל דו ביזט אַ פריינט פון דעם פּערטן קלאַס, צו וועלכן דו אַליין געהערסט נישט. ביי זיך אין האַרצן ברומען אַפילו די טעטן 6), און ווען זיי זאָלן דיך נישט אַזוי בלינד פאַרערן, צוליב דעם ווייל דיינע געזעצן פאַרלייכ־טערן דאָס צאָלן פון די חובות, וואָלטן זיי אויך קעגן דיר אויפגעשטאַנען".

„געזעצן, היפּאָניקאָס, קענען נישט אַלעמען געפעלן. דער וואָס וויל עמעצן

1) פיר־עקיקע זיילן אויפן אגראפאליס, אויף וועלכע סאלאן האָט אויפגעהאָנגען זיינע געזעץ־טאָוולען.

2) די טאָוולען מיט סאָלאָנס געזעצן.

3) בירגער וועלכע פלעגן אַראָפּנעמען פון זייערע פעלדער מינדעסטנס 500 שעפּ־לעך תבואה.

4) אַזעלכע וועלכע פלעגן אַראָפּנעמען מינדסטנס 300 שעפלעך תבואה און פלעגן קענען אויסהאַלטן אַ פערד פאַרן קריגס־דינסט.

5) אַזעלכע וועלכע פלעגן אַראָפּנעמען פון זייער פעלד 150־200 שעפלעך תבואה און קענען אויסהאַלטן אַ געשפּאַן אָקסן, אָדער אייזלען.

6) לוין־אַרבעטער, וועלכע פלעגן נישט פאַרמאָגן קיין שום פעלד אייגנטום. זיי זענען געווען פריי פון קריגס־דינסט און פון שטייער־אָפּצאָל, אָבער זיי זענען אויך געווען אויסגעשלאָסן פון יעדן עפנטלעכן אַמט.

צופרידן שטעלן מיט געזעצן איז אַ נאַר, אַ טרוימער אָדער אַן אויסוואורף. נאָר מיט דער אומצופרידנקייט פון אַלעמען קען באַשטיין דאָס געזעץ״.

„נאָר אַ טיראַן קען אַזוי דענקען״.

„אַ טיראַן וואָלט עס נאָר נישט געזאָגט, מיין גוטער היפּאָניקאָס. דער געהיימער זין פון מיינע געזעצן איז געווען אַרויסצורופן אַ געוויסע אומצופרידנקייט ביי אַלעמען. דער צושטאַנד איז דערגרייכט געוואָרן. איך זאָרג זיך נאָר וויאַזוי איך זאָל דעם צושטאַנד קענען אויפהאַלטן אויף שטענדיק. ווייל אָט דאָס דורכפירן קען איך נאָר אַליין״.

„דו ווילסט, הייסט עס, ווערן אַ קעניג, סאָלאָן?״

„ניין, בשום אופן נישט. ווי ווייניק דו פאַרשטייסט מיך, און דו ביזט נאָך מיין פריינט. כאָטש איך וואָלט געווען פּעיִק אויף דעם קרבן צו ברענגען פאַר אַטיקאַ, און צו באַזעצן אין דער אַקראָפּאָליס דעם שטול פון איינעם פון מיינע געהויבענע אבות, קאָדראָס. ווער פון די עופּאַטרידן (אַדעליקע) וועט עס מיר פאַרווערן? אָבער צו וואָס זאָל איך איבערחזרן קילאָנס אַוואַנטורע? ווייל איך וואָלט באַלד געוואָרן אַ קילאָן און מיינע געזעצן וואָלטן אויסגעזען, ווי איך וואָלט עס געמאַכט צוליב מיינע נוצן, און דעמאַגאָגן וואָלטן אויסגענוצט די אומצופרידנקייט, וואָס איז דער געהיימער פאַרמעגן פון מיינע געזעצן. איך שרעק זיך שוין פאַר מיין אייגענער מאַכט, ווייל זי איז אַ סכנה פאַר מיין געזעץ. זע, עס קומען אַלע טאָג מענער צו מיר פון די בערג־ים און פון די בערג און פרעגן מיך צי וואָלט איך נישט געקענט אויף עפּעס אַן אופן פאַרלייכטערן מיין געזעץ. איך דער ערשטער אַרכאָן, דער הערשער, דער אַלמעכטיקער, קען דאָך טון וואָס איך וויל. אָבער זאָל איך טון ווי פּענעלאָפּיאַ, איך זאָל ביינאַכט צענעמען דאָס וואָס איך האָב בייטאָג געוועבט. דאַן זענען ווידער פאַראַן אַנדערע, און זיי זענען די קליינע בעלי־מלאכות, זיי וואָלטן געוואָלט וויסן די סיבה פון איינצלנע באַשטימונגען אָבער דאָס וואָלט געווען אַן אומזיסטיקע מי, עס וואָלט אפשר אויך געווען שעדלעך, ווען איך זאָל יעדן איינציקן דערקלערן, דאָס וואָס עס קען נאָר זיין פאַרשטענדלעך קוקנדיק פֿון שטאַנדפּונקט פון שטאַט. פאַראַן שאַרפקייטן אין מיין געזעץ, און איך האָב אַפילו רחמנות אויף די מענטשן, וועלכע איך מוז אַמאָל וויי־טון. ווען איך זאָל קענען אַוועקלייגן מיין אַמט פון אַרכאָנט וואָלט מיך אַ סך בעסער געווען. אָבער אין וועלכער עס איז נויט וועלן זיי מיך ווידער רופן, ווייל אין אַטיקאַ בין איך דער איינציקער, צו וועמען אַלע האָבן צוטרוי. דעמאָלט וואָלט געקענט קומען אַ טאָג, אַז איך זאָל צוליב רחמנות, אָדער צוליב וועלן געווינען די ליבע פון פאָלק, אויסהאַקן אַ לאָך אין מיינע לוחות. איך בין אַ מענטש, היפּאָניקאָס און איך געטרוי נישט מיין שוואַכקייט״.

„זיכער איז דאָס אַ שלעכטע לאַגע״, האָט היפּאָניקאָס נאָכטראַכטנדיק גע־

זאָגט. „און וואָס טראַכסטו צו טון? איך זע אין דיינע אויגן, אַז דו ביזט צו עפּעס אַנטשלאָסן".

„איך האָב געטראַכט וועגן טויט. עס וואָלט געווען גרויס, ווי דער קרבן פון קאָדראָס, ווען איך זאָל אויסטרינקען אַ בעכער מיט גיפט. קיינער וואָלט דע־מאָלט נישט געהאַט דעם כוח מיינע לוחות צו ענדערן. אָבער אַטען וועט מיך נאָך דאַרפן. ליקורגאָס און מילטיאַדעס, קיפּסעלאָס און מעגאַקלעס, און מיין קרוב פּעיזיסטראַטאָס וואָלטן נאָך מיין טויט דאָס לאַנד צעברעקלט אויף שטיק־לעך. פּעיזיסטראַטאָסן, וועלכער שטיצט זיך אויף די דיאַקריער, האַלט איך פאַר דעם געפערלעכסטן, ווייל ער איז ווערט מען זאָל אים ליב האָבן מער ווי אַלע. דערפאַר וויל איך עס אַזוי איינאָרדענען, אַז איך זאָל פאַר דעם פאָלק נישט אינ־גאַנצן פאַרלוירן ווערן, ווען אַפילו איך זאָל מיך צוריקציִען פון אים. איך וועל אונטערנעמען אַ לאַנגע נסיעה. איך וועל בעטן אורלויב ביי די בירגער. ביז איך וועל צוריקקומען וועלן זיי מיינע געזעצן האָבן אַריינגעדרונגען אין זייער פלייש און בלוט. אין מיין אָפּוועזנהייט וועט קיינער נישט וואַגן צו ענדערן מיין ווערק, מחמת מורא פאַר מיין נקמה ווען איך וועל צוריק קומען. דער סאָלאָן פון ווייטן איז שרעקלעכער, ווי דער סאָלאָן, וועלכן זיי קענען אַלע טאָג זען. אַזוי וועל איך באַשיצן מיינע געזעצן פאַר די פּאַרטייען און טיראַנען, און פאַר זיך אַליין".

אַזוי האָט סאָלאָן געטון. זיין געדאַנק איז געווען צו בלייבן דערווייטערט צען יאָר פון פאָטערלאַנד. די בירגער האָט ער געגעבן צו פאַרשטיין, אַז נאָך דעם דערפילן די אַרכאָנטן־פליכט מוז ער אויך טראַכטן וועגן זיינע אייגענע געשעפטן. ווייל ער האָט נישט געוואָלט האָבן קיין שום נוצן פון שטאָט. ער איז געווען אַ סוחר און האָט נישט געוואָלט זיין עפּעס אַנדערש. סאָלאָנס אָפּשייד האָט די אַטע־נער פאַרשאַפט גרויסע יסורים, און די אַלגעמיינע אומצופרידנקייט איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין דאַנקבאַרקייט און ליבע, ווען ער איז אַוועקגעפאָרן פון דאַ־נען. סאָלאָן האָט זיך אַוועקגעשיפט איבער דעם ווייקאַלירטן ים. מיט אַ פאַר־ליבטן בליק האָט ער צוריקגעקוקט אויף אַטיקאָס ברעג, וועלכער איז אינעם זו־נען־שטויב בלאַס געוואָרן, שפּעטער פאַרטונקלט און לסוף פאַרשוווּנדן. די ברוסט זיינע האָט זיך געהויבן פון זיפצן, און די אויגן זענען פול געווען מיט טרערן. דאָ איז די דיכטונג פאַר אים געווען אַ גרויסע טרייסט, און בעת די שיף האָט זיך פאַרבייגעגליטשט פאַר די ראַזיקע באַהויכטע קיקלאַדן, פאַרביי אַנדראָס, טענאָס, נאַקסאָס, שפּעטער אויך פאַרביי ראָדאָס, און איז אַרויס צום קאַרפּאַטישן ים — האָט זיך סאָלאָן אין געלונגענע העקסאַמעטערס אַראָפּגעזונגען די יסורים פון דער נשמה. אַזוי ווי אין די טעג פון זיין יוגנט איז ער נאָר נאָך געווען אַ סוחר און אַ פּאָעט.

אין עגיפּטן האָט ער זיך אויפגעהאַלטן אַ לענגערע צייט. פּסענאָפּיס פון העליאָפּאָליס און סאָנטשיס פון מאַיס זענען פאַר אים דאָ געווען חברים אין זיינע

שעהן פון איבערטראַכטן. אַט די קלוגע און געלערנטע פּריסטער האָט ער געהאַט צו פאַרדאַנקען זיין ערשטע ידיעה וועגן דעם אינדזל אַטלאַנטידאַ, וועלכער האָט אין וואונדערלעכע צייט שעמערירט אויף יענער זייט ים פון די הערקולעס־זיילן און איז אינגאַנצן פאַרשווונדן געוואָרן פון דער אויבערפלאַך פון ים, ווייל זי איז אַזוי הערלעך שיין געווען. נאָך דעם ווי ער האָט זיך שוין אָנגעזאַפּט ווי אַ שוואָם מיט דער חכמה פון די מצריים, איז ער אַוועקגעפאָרן ווייטער. אין ציפּערן איז ער געווען דער אָנגעלייגטער גאַסט פון אַ הערשער, וועמען ער האָט די קעניג־לעכע גאַסטפריינטלעכקייט אָפּגעדאַנקט אויף אַ סאָלאָן־אופן. ער האָט געראָטן און טאַקע געהאָלפן דעם קעניג, וועמעס שטאָט אַעפּיאַ האָט זיך געפונען אויף נישט קיין גוטן פּלאַץ, אויף אַ בערגל, אַריבערצוטראָגן אויף אַ פּרעכטיקן פלאַך־לאַנד. ווייל סאָלאָנס ווייטער בליק איז שטענדיק געווען געווענדט צום וווּל פון די מענטשן. דער קעניג האָט לכבוד דעם איידעלעם אַטענער דער נייער שטאָט אַ נאָמען געגעבן סאָלי.

פון דאַנען איז סאָלאָן אָפּגעפאָרן קיין סאַרדעס, צו קראָיזאָס, דעם אויסער־געוויינלעך רייכן קעניג פון לידיע. קראָיזאָס האָט קודם געוואָלט מאַכן אַן איינ־דרוק אויף סאָלאָנען מיט אַן אופן פון נישט קיין נאָבעלע מענטשן, ווייזנדיק אַלע זיינע אוצרות. דער גריך האָט באַטראַכט דעם איבערדרינגלעכן לוקסוס העפ־לעך און רויִק. ער איז נישט אַריינגעפאַלן אין באַוואונדערונג, ווי קראָיזאָס האָט דערוואַרט, און דאָס האָט דעם פּוסטן האַר פון לידיע אַ ביסל ווי געטון. נישט קוקנדיק דערויף האָט ער זיך פאַרהאַלטן גוט צום גאַסט און האָט אַפילו אַריבערגעטראָגן מיט געדולד זיינע צופיל פילאָזאָפישע באַמערקונגען — וועגן אמתן גליק. אויב סאָלאָן האָט אין זיין פרייווויליקן גלות געזאָגט, אַז מען דאַרף קיינעם נישט האַלטן פאַר גליקלעך, ביז צום טויט, האָט עס קראָיזאָס בעסער געוווּסט. ער איז געווען גליקלעך. לידיע, די רייכע לידיע, האָט געהערט צו אים און איז אים געווען געהאָרכזאַם. פאַר פּערסיער און גריכן איז נישט געווען וואָס מורא צו האָבן. אינעווייניק אין לאַנד האָט געהערשט אַ רויִקייט, אַזוי, אַז עס איז געווען אַן אמתער פאַרגעניגן דאָס הערשן. דערצו איז נאָך צוגעקומען דער נחת פון דער פאַמיליע. ביי קראָיזאָסן האָט געבליט אַ טאָכטער, זי האָט געהייסן אַמפאַלע, נאָך יענער לעגענדאַרישער קעניגן פון לידיע, און עס איז געווען אַ פאַרגעניגן זי אָנצוקוקן אין איר יונגפרוילעכקייט. קראָיזאָס האָט אויך פאַרשטאַנען זיך צו פאַרשענערן דאָס לעבן אויף אַן אויסדערוויילטן אופן. ער האָט זיך פאַרשאַפט גייַסטיקע תענוגים, אָן וועלכע רייכטום און מאַכט זענען אַ פאַרגעניגן נאָר פאַר גראָבע געמיטער. ער פלעגט פריינטלעך אויפנעמען קינסט־לער און פילאָזאָפן, און די בעסטע מענער פון העלאַס זענען געווען זיינע פריינט. אַזוי אַרום איז אויך אין דער זעלבער צייט ביי אים אין סאַרדעס צו גאַסט געווען דער פאַבל־דיכטער עזאָפּ. אַט דעם פאַרשטענדנישפולן פּאָעט האָט קראָיזאָס

דער אַפיש פון טעאַטער ה„אהל״ אין מאַי 1944.

אין אַ פֿאַרטרוילעכן מאָמענט דערציילט וועגן זיין דערשטוינונג איבער סאָלאָנס קאַלטקייט.

„וווּנדער זיך נישט, קעניג״, האָט אַ זאָג געטון עזאָף, „אַזוי זענען זיי די חכמים. דאָס פֿאַרבייגייענדיקע באַרירט זיי נישט. זיי שפּילן זיך שטענדיק מיט דעם געדאַנק פֿון אייביקייט, ווי קעצעלעך מיט אַ קנויל וואָל״.

סאָלאָן האָט זיך לאַנג אויפֿגעהאַלטן אין סאַרדעס, און קראָיזאָס האָט פֿון טאָג צו טאָג געפֿילט אַלץ מער דרך־ארץ פֿאַר דעם אַטענער, וועלכער איז געווען אַזוי עקשנותדיק און דערביי אַזוי צאַרט. ער האָט זיך איינגעוווינט צו פֿרעגן ביי סאָלאָנען עצות אין שייכות מיט אַלע וויכטיקערע ענינים פֿון שטאַט. זיי זענען אַמאָל געלעגן ביים סימפּאָזיאָן, דער קעניג, דער אַטישער פּאָליטיקער און דער פֿאַבל־דיכטער. זייערע קעפּ זענען געווען באַקראַנצט מיט רויזן. שווייגנדיקער ווי שטענדיק האָט קראָיזאָס אויסגעטרונקען זיין טרינק־שאָל. טאַנץ־ און פֿלייטן־שפּיל זענען נישט בכוח געווען אַראָפּצוטרייבן די וואָלקנס פֿון זיין שטערן, בעת די אַנדערע זענען געווען פֿאַרזונקען אין רויִקע חלומות. לסוף איז עזאָפּן אויפֿגעפֿאַלן דעם קעניגס שלעכטע שטימונג.

„איך וועל אייך זאָגן די סיבה דערפֿון, מיינע פֿריינט״, האָט דער קעניג געזאָגט און האָט אַ ווונק געטון צו די שקלאַפֿן, זיי זאָלן אַוועקגיין. נאָך דעם האָט ער ווייטער גערעדט: „אַזוי אומגעריכט ווי עס קען נאָר זיין דער גורל, איז אויף מיר היינט אַרויפֿגעפֿאַלן די שווערסטע אויפֿגאַבע פֿון מיין רעגירונג. איך האָב נאָך קיינמאָל נישט אַזוי הייס מתפּלל געווען צו די געטער זיי זאָלן מיר אָנווייזן דעם וועג״.

„וואָס איז, קראָיזאָס?״ האָט סאָלאָן רויִק געזאָגט.

„אַ יונגערמאַן פֿון באַליסאָס, אויף כיאָס, פֿון יאָנישער אָפּשטאַמונג איז היינט געקומען צו מיר און האָט פֿאַרלאַנגט מיין טאָכטער אָמפֿאַלאַ פֿאַר אַ ווייב״.

„ער שטאַמט פֿון קעניגלעכער פֿאַמיליע?״ האָט עזאָף געפֿרעגט.

„ער איז אפֿשר מער ווי אַלע קעניגן״, האָט קראָיזאָס געענטפֿערט! „אָבער דער פֿאָטער זיינער אַרבעט אַלס אָרעמער בעל־מלאכה אין באַליסאָס״.

„איך פֿאַרשטיי דיך נישט״, האָט סאָלאָן געזאָגט.

„דער יונגערמאַן זאָגט, אַז ער האָט דערפֿונדן עפּעס אַזוינס, וואָס וועט אויף שטענדיק פֿאַרטרייבן די מענטשלעכע נויט פֿון דער וועלט. ער וויל דאָס פֿאַר מיר, ניין, פֿאַר די ליציער, אָדער בעסער געזאָגט, פֿאַר אַלע מענטשן געבן אַ מתנה. אַלס איינציקן לוין דערפֿאַר פֿאָדערט ער מיין אָמפֿאַלע, וועלכע ער האָט אומענדלעך ליב״.

„דער בחור האָט נישט קיין שלעכטן געשמאַק״, האָט עזאָף געשמייכלט.

סאָלאָן האָט אָבער ווייטער נאָכגעפֿאָרשט: „וואָס איז דאָס פֿאַר אַ מיטל, וואָס ער מיינט, אַז ער האָט עס דערפֿונדן?״

„זאָל ער איך אַליין דערקלערן", האָט קראַיזאָס געזאָגט און האָט באַפוילן אַריינצוברענגען דעם יונגנמאַן.

עוקאָסמאָס פון באָליסאָס איז אַריינגעקומען. זיין געשטאַלט איז געווען איידל. ער איז געגאַנגען אָנשטענדיק אָנגעטון דעם יאָנישן כיטאָן. זיין פּנים איז געווען מילך און בלוט און די באַקן האָבן אַרויסגעשיינט פון דער העלברוי־נער יונגער באָרד זיינער. מיט אַ באַזונדערן שטאָלץ און לאַכנדיק האָבן געהערשט די בלויע אויגן זיינע.

„עוקאָסמאָס!" האָט צאַרט אַ זאָג געטון דער קעניג, „דאָס זענען מיינע פריינט, דו קענסט פריי רעדן פאַר זיי ווי דו האָסט צו מיר גערעדט. דערצייל אונדז וועגן דיין וונדער־מיטל".

„אָט דאָ איז עס", האָט געזאָגט עוקאָסמאָס מיט אַ וואַרעמער שטים, וועלכע האָט דערגרייכט צום האַרצן פון די מענער, און ער האָט אויפגעהויבן אין דער הויך אַ זעקעלע.

„וואָס האָסטו דאָרט? גאָלד?" האָט זיך נאָכגעפרעגט עזאָפּ.

„מער!" האָט געשמייכלט עוקאָסמאָס. „אַ סך מער ווי גאָלד!... מעל!"

דער פּאַבל־דיכטער האָט זיך אַ פאַרגאַפטער געווענדט צו סאָלאָנען. „אונ־דזער פירשטלעכער באַלעבאָס גיט אונדז נאָך אַ קאָמעדיע צום שפּאַס".

„ניין", האָט געשריגן קראַיזאָס אַ ביסל אומגעדולדיק: „עס איז אַן ערנסט, אָט אַזוי פאַרזיכערט עס אָט דער. רעד, עוקאָסמאָס!"

„עס איז מעל", האָט איבערגעחזרט דער יונגערמאַן פון באָליסאָס. „מעל וואָס איך האָב אַליין געשאַפן".

עזאָפּ האָט זיך געהאַלטן ביים בויך פון לאַכן: „נו, יאָ, אוודאי דו האָסט באַשטעלט אַן אַקער, האָסט געשניטן קאָרן און עס דאַן צווישן צוויי שטיינער צעריבן אויף מעל. אַזעלכע זאַכן האָב איך שוין געהערט".

עוקאָסמאָס איז שטיל אַריבערגעגאַנגען איבער דעם לאַכנדיקן: „איך האָב קיין אַקער נישט באַשטעלט, כ'האָב קיין קאָרן נישט געשניטן, און מחמת דעם האָב איך עס אויך צווישן קיין שטיינער נישט געקענט צערייבן. דאָס מעל האָב איך אויף אַן אַנדערן אופן אַרויסבאַקומען".

„אויף אַן אַנדערן אופן?" האָט סאָלאָן געמורמלט.

„און עס איז פונקט ווי דאָס בעסטע ווייצן־מעל", האָט קראַיזאָס צוגעגעבן. „דאָס ברויט, וואָס מיר האָבן היינט ביים מאָלצייט געגעסן איז געווען געמאַכט פון אָט דעם שטאָף".

„עס האָט געהאַט אַ וונדערלעכן געשמאַק", האָט עזאָפּ געשטויינט.

סאָלאָן האָט זיך אָפּגעריסן אויף דעם יונגנמאַן: „טרייב נישט קיין לצנות מיט אונדז, יונגערמאַן! אויב דער קעניג לאָזט זיך אַפילו פון דיר פריילעך מאַכן,

וואָלסטו געדאַרפט האָבן דרך־ארץ פאַר עלטערע מענטשן, און זיי נישט דער־ציילן אַזעלכע נאַרישקייטן״.

עוקאָסמאָס האָט רויִק געענטפערט: „איך ווייס דו ביזט סאָלאָן, און איך האָב דרך־ארץ פאַר דיר. איך שווער דיר ביים אייביקן צעאוס, אַז עס איז אַזוי ווי איך האָב געזאָגט. איך האָב דערפונדן דאָס מיטל צו מאַכן מעל אָן פּירות פון פעלד. איך מאַך עס פון אַ שטאָף וואָס געפינט זיך אין אומאויסשעפּלעכע מאַסן אין דער נאַטור. איך קען פון דעם מאַכן וויפל מיר גלוסט זיך נאָר, און מיט אַ גאַנץ אומבאַדייטנדיקער מי. די אַרבעט פון יאָר פון הונדערט פּויערים קען אויף מיין אופן אָפּטון איין איינציקער מאַן אין איין טאָג״.

„זאָג וואָס דיין מיטל איז״, האָט סאָלאָן געזאָגט, „אָדער איך וועל דיך פאַר־אַכטן ווי אַ ליגנער״.

עוקאָסמאָס האָט געענטפערט: „איך פאַרמאָג נישט מער ווי מיין סוד. דער קעניג ווייסט, פאַר וועלכן פּרייז איך וויל אים אויסגעבן. אָבער נאָר פאַר דעם. און פאַר קיין שום אַנדערער זאַך נישט אין דער וועלט. איך וועל זיך גיכער לאָזן צערייסן אויף שטיקער. איך וואָלט דאָס צו ביסלעך געקענט אויסבייטן אויף גאָלד, ווען איך זאָל נאָכלויפן אַ געמיינעם געווינס.. אָבער ווער עס האָט אַזאַ חסד פון די געטער ווי איך, דער דאַרף דאָס טייערע אָוועקגעבן נאָר פאַר דעם טייערסטן. אין דעם טאָג ווען ס׳וועט מקוים ווערן מיין ווונטש, וועל איך שענקען דער מענטשהייט ברויט אויף אַלע צייטן. ברויט אָן שוויס, אָן סכנה פון אַ שלעכטער גערעטעניש, און מיט איבערפלוס, אויף אייביק...״

קראַיזאָס איז דערשיטערט געוואָרן און האָט געזאָגט: „מיר האָבן דיך אויס־געהערט. גיי און וואַרט אָפּ מיין אַנטשיידונג!״

„אויב אַזוי״, האָט עזאָפּ געזאָגט, „וואָלט ער דאָך אַלנפאַלס געקענט אָנ־הייבן מאַכן מעל פאַר די אָרעמע. פאַרוואָס זאָלן זיי אַפילו איין שעה אומזיסט הונגערן? דו מעגסט דיין סוד דערווייל האַלטן פאַר זיך, ליבער עוקאָסמאָס; אויב דו האָסט אַ האַרץ, און אויב דו ווילסט געפעלן געוויסע מענטשן וואָס האָבן אויך אַ האַרץ, זאָלסטו אָנהייבן גרויסמוטיק״.

„מיט פאַרגעניגן!״ האָט עוקאָסמאָס געזאָגט. זאָל מיר נאָר דער קעניג ערב זיין, אַז עס וועט נישט זיין קיין שום פּרווו מיך אונטערצוקוקן, אָדער ביי מיר דאָס אויסצונאַרן״.

„עוקאָסמאָס, מיין קעניג־וואָרט!״

דער יונגערמאַן האָט זיך פאַרנויגט און איז אָוועקגעגאַנגען.

„נו, וואָס זאָגט איר, מיינע פריינט״, האָט געזאָגט קראַיזאָס, ווען זיי זענען ווידער געווען אַליין.

„גיב אים דיין טאָכטער, קעניג פון לידיע״, האָט באַגייסטערט געשריגן עזאָפּ.

„און וואָס איז דיין עצה, סאָלאָן?"

„טויט אים!"

קראָיזאָס און עזאָפּ האָבן מיט דערשטוינונג אַ קוק געטון אויף דעם אַטע־נער. אַן אייגנטימלעכער פלאַם איז געווען אין זיין בליק.

דער קעניג האָט דער ערשטער אַ זאָג געטון: „דו מיינסט, סאָלאָן, אַז איך קען אים טויטן אויב ער האָט מיך אָפּגענאַרט?"

אַ סצענע פון „סאָלאָן אין לידיע" פון ד"ר הערצל, פאָרגעשטעלט פון „אהל"־טעאַטער אין מאַי 1949.

„ניין, קעניג פון די לידיער! דו זאָלסט אים טויטן, אויב ער האָט דעם אמת געזאָגט!"

„סאָלאָן, איך פאַרשטייט דיך נישט!" האָט עזאָפּ געקרעכצט. „דו ווילסט אומברענגען דעם גרעסטן וווילטעטער פון דעם מענטשלעכן מין?"

„איך וואָלט זיך אַפילו אויף קיין איין מאָמענט נישט געישובט", האָט סאָלאָן געזאָגט.

„אָבער איך!" האָט קראָיזאָס געזאָגט; „נישט קוקנדיק דערויף, וואָס מיך פאַרדריסט טאַקע אויף דעם יינגל, וועלכער וואַגט אויסצושטרעקן זיין האַנט נאָך מיין טאָכטער — אָבער אים טויטן? ניין, דאָס פאַלט מיר אַפילו נישט איין".

סאָלאָן האָט דערויף געענטפערט מיט אַ קאַלטן כעס: „אויב אַזוי ביזטו נישט ווערט קיין קעניג צו זיין!"

עזאָפּ האָט זיך דערשראָקן און האָט זיך געוואָלט אַריינמישן באַרויִקנדיק. אָבער קראַיזאָס האָט געשמייכלט:

„איך בין קעניג גענוג, אויף צו קענען אַריבערטראָגן די שטרענגע ווערטער פון אַ מאַן. פיר אויס דיין געדאַנק, מיין ליבער סאָלאָן!״

„מיין געדאַנק, קראַיזאָס איז, איינפאַך ווי שטענדיק, איינפאַך ווי אייערער. דער חילוק איז נאָר אין דער מאָס פון דער צייט. דערפאַר, גלויב איך, זענען די אַטענער געווען גערעכט, ווען זיי האָבן מיר געגעבן צו מאַכן די געזעצן. איר מעסט די מעלות פון זאַכן אויף שעהן, וואָכן, אָדער יאָרן, בעת איך לאָז מיר אַדורכגליטשן אייביקייטן גאַנצע דורך די פינגער... אָט דער יונגער מענטש איז איינער פון די גרעסטע געפאַרן, וועלכע איז אַמאָל געקומען אויף דער וועלט. איך וויל נישט רעדן צו אייך אויף דער שפּראַך פון קינדער אָדער פון די פרומע. ווייל איך וואָלט זיך באַדאַרפט באַקלאָגן איבער דעם חצוף, וואָס מישט זיך אַריין אין דעם גורל פון די אומשטערבלעכע געטער און לאָזט די געטין פּערסעפאָנע 1) נישט אַראָפּנידערן אין דער אונטערשטער וועלט. מיר זענען מענער, וואָס האָבן אַ בליק געטון אונטערן שלייער. מיר וויסן וואָס עס שטעקט אונטער די מיס־טעריעס פון עלעוזיס 2) דאָס פעלד גיט פּירות נישט ווייל עס וויל די געטין דעמעטער, נאָר ווייל עס ווערט דורכגעזאַפּט מיט דעם שווייס פון אַרבעטער. און דער יינגל וויל דאָס איבעראַנדערשן. זאָרגלאָז וויל ער די מענטשן מאַכן, דער אויסוואורף. דאָס בעסטע וואָס זיי האָבן, דעם הונגער, וויל ער ביי זיי אַוועק־רויבן. וואָס וועט ווערן פון דעם? זאָלן מיר זיך אומקערן צו די ווילדע צייטן פון די פעלאַזגער. זאָל מיט דער אַגריקולטור ווידער פאַרשווינדן די צוגעבונדנ־קייט, דער בירגערלעכער חוש, די ציוויליזאַציע?... קעניג פון די לידיער, טויט אים, אויב דו ביזט קעניג!״

„סאָלאָן, דו צעברעכסט מיך!״ האָט קראַיזאָס געקרעכצט.

„אַ קעניג מוז קענען הרגענען״, האָט סאָלאָן אומברחמנותדיק ווייטער גע־רעדט. „אָבער נישט נאָר די שלעכטע, די שאָדן־ברענגער, ווייל דאָס וואָלט זיי־ער לייכט און אָנגענעם געווען. אויך די גוטע מוז מען פאַרטיליקן אויב עס פאָ־דערט דאָס ווילזיין פון פאָלק. דעריבער איז נישטאָ קיין שום אַנדערער ערדישער איבער דיר, וועלכער זאָל קענען ווי דו דאָס דורכפירן: אָט דאָס איז די פאַר־שוויגענע פאַרענטפערונג פון דיין מאַכט. אָט דער פאָבל־דיכטער האָלט מיך מסתמא פאַר האַרצלאָז. מאַכט נישט אויס. דו קענסט מיך אין דיינע געדיכטן שילדערן אַלס אַ רויב־חיה, עזאָפּ! דו קענסט זיין פאָלקסטימלעך. איך אָבער זאָג אייך, אַז עס איז נישט פאַראַן קיין גרעסערע טאַט אין אונדזער צייט, ווי די

1) די געטין פון אונטערערדישער וועלט, די טאָכטער פון דער געטין דעמעטער.
2) דער געהיימער קולט אין עלעוזיס אין אטיקא, פאַר דער געטין דעמעטער.

פאַרניכטונג פון אָט דעם זון־ליכטיקן יינגל, וועלכן איך האָב גלייך פונעם ערשטן מאָמענט אָן איינגעשלאָסן אין מיין האַרצן. איך וועל וויינען נאָך אים, ווען ער וועט שטאַרבן; אָבער איך וואָלט געמוזט ערגער וויינען, ווען ער זאָל בלייבן לעבן. אויב מיר וועלן אים דערמאָרדן וועלן מיר זיך האָבן פאַרדינסטפול געמאַכט סיי פאַר העלאַס, סיי פאַר דער וועלט, און מיר טראָגן דעם לוין אין אונדזער באַוווסטזיין. עס וועט זיין אַ שטומע גרויסע טאַט, איינע פון די הויכע טאַטן, וואָס ווערן פאַרלוירן פאַר דער פאַרשטענדעניש פון דעם געוויינלעכן מענטשן, וועגן וועלכע קיין געשיכטע־שרייבער מעלדעט נישט און קיין האָמער באַזינגט נישט".

„לאָז!" האָט געזאָגט דער קעניג אַ דערשיטערטער. „ס'איז נאָך נישט באַשלאָסן".

„אַלע הימלישע געטער אַ דאַנק!" האָט אַרויסגעשאָסן עזאָפּ. „און איך וועל אויך ברענגען אַ ספּעציעלן קרבן דעם מוזאַגעט 1) דער פאַר וואָס ער האָט מיך נישט געמאַכט פאַר אַ פּאָליטיקער... הער מיך אויס, מיין גוטער סאָלאָן! ווען אַלץ זאָל שוין טאַקע אַזוי זיין ווי דו זאָגסט — פון וואַנעט זשע ווייסטו, אַז מאָרגן וועט אַן אַנדערער נישט דערפינדן דאָס וואָס עוקאָסמאָס האָט דערפונדן? עס איז אַ צופאַל, וואָס ער איז פּונקט געקומען אַהער, וואָס ער האָט זיך פאַרליבט אין אָמפאַלען, און וואָס מיר זענען פון דעם אַלעמען געוווּיר געוואָרן. דעם אַנדערן דערפינדער וועלן מיר נישט קענען און ער וועט אויך אָפּשאַפן דעם הונגער. אויף וואָס איך וואָלט זיך אַגב נישט שטאַרק באַקלאָגט. ווייל איך, סאָלאָן, ווייס מיט וואָס עס שמעקט הונגער. איך בין אפשר דערפאַר אַ פאָלקסטימלעכער פּאָעט".

סאָלאָן האָט געענטפערט: „איך רעספּעקטיר דיינע אַרגומענטן, עזאָפּ. עס איז מעגלעך, אַז עוקאָסמאָס זאָל באַקומען אַ נאָכפאָלגער. די פראַגע איז נאָר: ווען? עס קענען דערווייל אַדורך יאָר־טויזנטער. און זיי וועלן פאַרן מענטשלעכן מין נישט פאַרלוירן גיין, ווי דו זאָגסט עס אין דיין דיכטערישער גוטמוטיקייט. נאָר זיי וועלן זיין געוווּנענע. וואָס פאַר אַ הויכע ציוויליזאַציע האָט היינט דאָס לאַנד פון די גריכן, אין פאַרגלייך מיט די אַלטע צייטן. און מיר האָבן עס צו פאַרדאַנקען דעם הונגער, וואָס האָט אונדז אויסגעלערנט אַרבעטן. די אַרבעט ווערט אין איר פיינסטער בליִונג פאַראיידלט ביז קונסט, פּונקט ווי דאָס נאָכטראַכטן וועגן אייגענעם געניוס קען זיך דערהויבן צו הויכער פילאָזאָפיע. ווער ווייסט וועלכע אַטלאַנטיס עס וואַרט נאָך איבער אומבאַקאַנטע ימים אויף אירע אַנטדעקערס. איך קען מיר פאָרשטעלן, אַז די מענטשן אין די שפּעטערע צייטן, וועלן פאָרן אויף שנעלערע וועגעלעך, ווי מיר, פון קאָרינט קיין אַטען. איך קען

---

3) די געטין פון אגריקולטור.

מיר אַפילו פאַרשטעלן בעסערע שיפן, ווי אונדזערע היינטיקע גרעסטע שיפן. פּאַראַליזירט מיר נישט מיין דערפינדונגס־גייסט. אפשר וועלן נאָך אַמאָל קומען אויסגעלייטערטע טעג פאַר דער מענטשהייט, אין וועלכע זי וועט קיין הונגער נישט דאַרפן. צו אַזאַ ווייטקייט, פאַרשטייט זיך, דערגרייכט נישט מיין בליק... קראַיזאָס, טויט מיר דעם דאַזיקן עוקאָסמאָס!... דו קווענקלסט זיך נאָך! גוט, איך וועל דיר מאַכן אַ פאַרשלאַג. עס איז פאַראַן אַ מאַן, וועלכער איז דער גרעס־טער חכם צווישן אַלע גריכן. זאָל ער זיין פוסק אַחרון אין אונדזער שטרייט״.

„טאַלעס פון מילעטאָן?״ האָט עזאָפּ געזאָגט.

„טאַלעס!״ האָט סאָלאָן באַשטעטיקט. באַקען אים מיט דעם גאַנצן עניין. אונדזער פריינט עזאָפּ וועט דאָס אויפשרייבן מיט זיין שיינער קלאָרקייט. דער־צייל אים גאָרנישט וועגן מיר. זאָל ער פריי אַרויסזאָגן זיין אורטייל. וואָס ער וועט זאָגן וועל איך אויך אָנערקענען אַלס ריכטיק״.

„גוט;״ האָט אַ זאָג געטון קראַיזאָס, וועלכער איז צופרידן געווען, וואָס ער האָט זיך אַרויסגעדרייט פון דאַרפן אַליין אָננעמען אַ באַשלוס. „זאָל טאַלעס אונדז אָנווייזן, וועלכע פליכט מען דאַרף דערפילן אין אַזאַ אויסערגעוויינלעכן פאַל״.

דעם אַנדערן פרימאָרגן איז שוין אַ קעניגלעכע דעלעגאַציע אָפּגעשיקט גע־וואָרן קיין מילעטאָס. באַלד איז אָנגעקומען דער ענטפער פון דעם חכם און ער איז געווען אַזאַ: „קעניג, דו מוזט מיר דערלויבן אַ צייט צום באַטראַכטן זיך. אין אַזאַ שווערער געוויסן־פראַגע קען איך דיר נישט אַזוי גיך אַרויסזאָגן מיין לעצטן וואָרט״.

עס זענען געגאַנגען חדשים נאָך חדשים. אָבער פון טאַלעסן איז קיין שום ידיעה נישט אָנגעקומען. קראַיזאָס האָט געשיקט אַן אַנדערן שליח קיין מילעט. דער שליח האָט זיך אומגעקערט מיט אַ ווונדערבאַרער מעלדונג. טאַלעס איז אַוועקגעפאָרן און מען ווייסט נישט וווהין. אַן אַנטמוטיקטער האָט קראַיזאָס גע־שאָקלט מיטן קאָפּ. אָבער סאָלאָן האָט געזאָגט:

„לאָז אָפּ!״ טאַלעס ווייסט שטענדיק, וואָס ער טוט. דו וועסט הערן זיין אורטייל. און ער וועט זיין אַזוי געשמאַק אַזוי ווי אַ צייטיקע פרוכט״.

אין סאַרדעס אָבער זענען זיך די זאַכן געגאַנגען זייער וועג. עוקאָסמאָס איז געוואָרן אַ ליבער חבר פון קעניג און פון זיינע פריינט. זיי האָבן זיך אַלע מאָל אויף דאָס ניי געפרייט מיט דער צאַרטקייט פון זיין גייסט, מיט זיין געוואַגטקייט און מיט זיין מענלעכער לוסטיקייט. און ווער עס האָט אים אַמשטאַרקסטן ליב געהאַט, דאָס איז געווען סאָלאָן. אָפט מאָל האָט ער געזאָגט צו דעם יינגל: „איך וואָלט וועלן מיין זון זאָל זיין אַזוי ווי דו, ווען איך וועל זיך אומקערן אַהיים פון מיין גלות און וועל אים ווידער זען!״

---

1) דער גאָט פון קונסט, דער אָנפירער פון די מוזן.

דעמאָלט פלעגט קראַיזאָס פאַרטרוילעך אַוועקנעמען זיין גאַסט אין אַ זייט און אים פרעגן: „נו, דו האָסט נאָך אַלץ די זעלבע מיינונג?"

„יאָ, נאָך אַלץ!" איז געווען סאָלאָנס עקשנותדיקער ענטפער.

עוקאָסמאָס האָט שוין אויך געמעגט אומגעשטערטערהייט זיך דערנענטערן צו דער שיינער אַמפאַלע. ער האָט איר דערקלערט, אַז ער האָט זי ליב, און עס איז געווען פרילינג.

עס איז געווען פרילינג, ווען אַמפאַלע האָט אים געענטפערט: „עוקאָסמאָס, אויך איך האָב דיך ליב און איך וויל ווערן דיין ווייב, ווען דיין פּראָבע־צייט וועט אַריבער".

ווייל זי האָט נאָר געוווסט וועגן אַן אומבאַשטימטער פּראָבע־צייט, וואָס דער פאָטער האָט אַרויפגעלייגט אויף דעם בחור, וועלכער האָט זיך באמת זי צו באַקומען.

עס איז געווען אַן אויסערגעוויינלעכער פרילינג אין לידיע. אַ פרילינג, וואָס האָט די מענטשן אי פריילעך אי שווער געמאַכט. אַן אומדערקלערבאַרער רייכטום האָט זיך צעגאָסן איבערן לאַנד. עס זענען נישט געווען מער קיין הונגעריקע און קיין בעטלערס. דאָס איז שוין געווען זייט עס האָט זיך אָנגעהויבן די אומזיסטיקע פאַרטיילונג פון מעל מיט עטלעכע חדשים צוריק. אין נאָמען פון קעניג איז די פאַרטיילונג פאָרגעקומען אין סאַרדעס און אין אַלע איבעריקע שטעט און געמיינדעס פון לאַנד. אין אָנהייב האָבן די מתנה אָנגענומען נאָר די אָרעמסטע. נאָר אַזוי ווי די אָנהויפּונג פון מעל איז געווען אומאויסשעפּלעך, אַזוי ווי דער חסד פון גוטן הערשער אין לאַנד, און אַזוי ווי יעדער האָט זיך געקענט נעמען מעל, וויפל ער האָט נאָר געדאַרפט פאַר זיין הויז, זענען פאַמעלעך אויך צוגעקומען די אַנדערע. עס איז געווען אַ לעבן ווי ביי אַן עפּנטלעכן ברונעם. יעדער איז זיך אַוועקגעגאַנגען מיט פולע עמערס. מאַנכע האָבן זיך געפּרוווט צו דערקלערן דאָס וווּנדערלעכע געשעעניש, און מיט זייער שאַרפזיניקייט האָבן זיי אויסגעפונען, אַז קראַיזאָסן איז געלונגען דורך אַ גוטער אויסערן־פּאָליטיק, צו פאַרזאָרגן דאָס לאַנד מיט אַזעלכע מאַסן פון ברויט. דער גרעסטער טייל ווידער האָט עס אָנגענומען אָן קאָפּ־ברעכעניש און האָט זיך געפרייט מיט דער מתנה פון גאָט ביז די וואָכעדיקייט פון דעם וווּנדער האָט זיי אומפילבאַר געמאַכט אויף דעם.

אַלנפאַלס זענען אויך געווען מענטשן, וועמען דער גאַנצער ענין איז נישט געווען אָנגענעם: די פּויערים, די גוט־באַזיצער און די סוחרים. דאָס קאָרן איז אַנטווערטעט געוואָרן, און מיט פאַרדרוס האָבן זיי אַפילו די אָנגעהויבענע אַרבעט געלאָזט שטיין נישט פאַרענדיקט. די פּרוכטבאַרע פעלדער אין לידיע זענען פאַרווילדעוועט געוואָרן. קיינעם האָט נישט אינטערעסירט זיי אָפּצוהיטן אָדער צו פאַרהיטן זיי זאָלן נישט געשעדיקט ווערן. די פייגל און די אינזעקטן האָבן

געמעגט פֿאַרוויסטן די פּאַרזייטע פֿעלדער, ווען מען איז דאָס אָנגעגאַנגען? יעדער איז געווען פֿאַרהיט פֿון נויט כל זמן דעם קעניגס מעל־קאַמער איז נישט ליידיק געוואָרן, און זי איז קיינמאָל נישט ליידיק געוואָרן. וואָס מער מען האָט געדאַרפֿט אַלץ גרעסער איז געווען די אָנהויפֿונג. און אַזוי האָבן זיך די פּויערים, נישט אָן קיין צייז־קריצעריי, אונטערגעגעבן דעם שווערן גורל פֿון איבערפֿלוס.

די דאָזיקע לידיער, וועלכע האָבן נישט געלעבט פֿון קיין אַגריקולטור, נאָר פֿון אַנדערע באַשעפֿטיקונגען, האָט אָט דער דאָזיקער צושטאַנד מאָדנע נערוועז געמאַכט, אַזוי ווי אַ הייסער ווינט. אַלע אַקטיוויטעטן זענען אָפּגעשוואַכט געוואָרן. די מענער זענען געוואָרן פֿויל און אומרויִק. זיי האָבן געהאַט ווייניקער זאָרגן, ווי געווײנלעך, און מחמת דעם, האָבן זיי זיך אַריינגעלאָזט אין פֿאַרשיידענע פּוילענצערישן געפֿערלעכן צייט־פֿאַרטרייב. זיי זענען געוואָרן קריגעריש און נאָכגעלאָזן, ווייל זייער כוח וואָס איז נישט אָפּגענוצט געוואָרן דורך אַרבעט האָט זיך דאָך געמוזט אין עפּעס אויסלאָדן. זיי האָבן זיך אויך אַריינגעוואָרפֿן אין פּאָליטיק, אויף אַ גראָבן אופֿן פֿון ווידערשפּעניקייט. זיי האָבן אָנגעהויבן צו מורמלען קעגן קראָיזאָסן און עס האָט זיך געשאַפֿן אַן אמתדיקע מרידה־פּאַרטיי, וועמענס רעדלפֿירער עס האָבן געהערט צו די קרייזן פֿון די קליינע גוט־באַזיצערס.

„אָט דאָס זענען דיינע דיאַקריער, קראָיזאָס״, האָט געזאָגט סאָלאָן, ווען מען האָט געמעלדעט אין הויף וועגן די געשעענישן. „איך קען זיי נאָך פֿון פּענטעליקאָן. די מענטשן זענען די זעלבע דאָרט אַזוי ווי דאָ״.

אָבער דעם קעניגס אַ שטרענגער אַרמיי־פֿירער האָט געזאָגט: „וואָס אונדזערע לידיער דאַרפֿן איז אַ קליינע מלחמה. זיי מוזן זיגן אָדער כאַפּן קלעפּ, כדי זיך צו באַרויִקן. אַזוי וואָלטן מיר למשל געקענט אָנהייבן מיט כורש, דעם מלך פֿון פּערסיע״.

פֿאַרשטייט זיך, אַז אויפֿן הויף פֿון סאַרדעס איז אויך געווען אַ קריגס־פּאַרטיי, און דאָס איז געווען איר אויסדרוק. קראָיזאָס האָט אָבער אָפּגעוואָרפֿן דעם געדאַנק.

דערווייל איז עמעצער געקומען פֿון מילעטאָס און האָט דערציילט, אַז ער האָט געזען טאַלעסן.

„וואָס?״ האָט געזאָגט קראָיזאָס; ער איז אַהיים געפֿאָרן און שיקט מיר נישט קיין שום ידיעה? קאָנסטו דאָס דערקלערן, סאָלאָן? מיר וואַרטן אויף זיין באַשלוס און ער שווייגט!״

„דו דאַרפֿסט נאָך זיין אורטייל, מלך פֿון לידיע?״ האָט סאָלאָן געענטפֿערט, בעת ער האָט מיט אַן אויסגעשטרעקטער האַנט אָנגעוויזן אויף דער שטאָט.

„יאָ!‟ האָט שנעל אַ זאָג געטון קראַיזאָס, „ערשט איצט אוודאי! ווייל מיין נשמה איז אומרויק. איך האָב שוין פריער געוואוסט צו וועמען איך זאָל מיך ווענדן. צו דיר עזאָפּ! איך ווייס גאָרנישט מער. עס איז דיין שולד, סאָלאָן!‟

„שיק אַ שליח קיין מילעטאָס‟, האָט סאָלאָן געזאָגט רויק. „דער גרעסטער חכם ביי די העלענער וועט דיך באַפרייען פון דיינע ספיקות. מיר וועלן דערוויייל צוגרייטן אַ בעכער שמעקנדיקן ווייַן מיט אַ שנעל ווירקנדיקן סם.

„מען דאַרף אָבער אויך צוגרייטן דעם קוויטן־עפּל 1), וועלכן חתן־כלה עסן צוזאַמען‟, האָט עזאָפּ געמאָנט.

„אַזוי זאָל עס זיין‟, האָט קראַיזאָס געזאָגט; „ביידע זאַכן זאָלן זיין גרייט: דער קוויטן־עפּל און דער בעכער מיט סם. און מיר וועלן הערן וואָס טאַלעס וועט אונדז זאָגן‟.

עס איז ווידער אַוועקגעלאָפן אַ שליח קיין מילעטאָס. ווען ער איז צוריק־געקומען האָט ער זיך קוים מיט מי געקענט דורכשטופּן די גאַסן פון סאַרדעס, ווייל זיי זענען געווען פול מיט מורדים. קראַיזאָסעס סאָלדאַטן האָבן געקעמפט קעגן דעם אויפגעבראַכטן המון. עס האָט זיך געהערט דאָס קלאַפּעריי פון די וואָפן ביז צו דעם קעניגס צימערן, ווו עס זענען געזעסן קראַיזאָס מיט זיינע פריינט סאָלאָן און עזאָפּ און די יונגע חתן־כלה. פאַר קראַיזאָסן איז געשטאַנען אַ גאָלדענער בעכער און עס איז געלעגן אַ שיינער קוויטן־עפּל.

„אַמפּאַלעו!‟ האָט עוקאַסמאָס געפליסטערט, „האָב קיין מורא נישט. איך וועל דיך מיט מיין לעבן פאַרטיידיקן, ווען אָט דער פעבל זאָל זיך דערנענטערן אַהער‟.

„איך האָב קיין מורא נישט עוקאַסמאָס, ווען איך האָב דיך. זיי מעגן אונדז אַפילו פאַריאָגן. איך וועל דיר נאָכגיין קיין באַליסאָס און וואוהין דו ווילסט נאָר אַליין. איך וויל זיין דיין ווייב. דיינע, דיינע, דיינע! אין אָרעמקייט אָדער אין ווילשטאַנד — נאָר דיינע! איך האָב דיך ליב‟.

קראַיזאָס האָט איבערגעלייענט טאַלעסעס ענטפער. ער האָט אַ טיפן זיפץ געטון און האָט אים איבערגעגעבן די פריינט. עזאָפּ האָט ציטערנדיק און מור־מלענדיק געלייענט: „קעניג! איך בין אַוועקגעפאָרן, ווייל איך האָב געוואָלט זיין געהאָרכזאַם צו דיר. און ווייל איך האָב די חכמה וועלכע דו האָסט פון מיר פאַר־לאַנגט נישט געפונען אין זיך. עס איז פאַראַן נאָר איין מענטש צווישן די גריכן, וועלכער האָט גוט און טיף באַנומען דעם ענין שטאַט, אויף צו קענען לייזן אַזעל־כע פּראָבלעמען. איך בין געפאָרן קיין אַטען און האָב געזוכט דעם מאַן. ער

---

1) אַ פרוכט, וועלכע מען האָט לויט דער גריכישער מיטאָלאָגיע, מקריב געווען פאַר דער ווענוס, די געטין פון ליבע. די פרוכט איז אויך געווען אַ מתנה פון ליבע.

האָט פאַרלאָזט זיין פאָטער־שטאָט. איך בין אים נאָכגעגאַנגען אויף זיינע שפּורן און בין געקומען אין לאַנד פון די מצריים. איז ער שוין געהאַט אַוועקגעפאָרן. אין ציפּערן ערשט בין איך געוואויר געוואָרן, ווו ער איז. ער איז ביי דיר. דער־פאַר האָב איך געשוויגן. צו וואָס זאָל איך דיר ברענגען זיין חכמה אין עמערס, אַז דו קענסט זי אַליין שעפּן פון דעם ברונעם... טו אַזוי, קעניג, ווי סאָלאָן ראָט דיר!״

ציטערנדיק האָט קראָיזאָס אויסגעשטרעקט די האַנט צום גאָלדענעם בע־כער, ציטערנדיק האָט ער אים איבערגעגעבן סאָלאָנען און האָט זיך מיט דער האַנט פאַרדעקט די מיט טרערן פאַרגאָסענע אויגן.

סאָלאָן איז צוגעגאַנגען צו די פאַרליבטע: „אַמפּאַלע איך מוז רעדן מיט דיין חתן וועגן אַן ערנסטן ענין. דיין פאָטער פאַרלאַנגט, אַז מיר מענער זאָלן בלייבן אַליין. דו מעגסט אים געבן דעם כלה־קוש... און איצט גיי!״

גליקלעך איז זי געוועזן די כלה אויף עוקאָסמאָסעס ברוסט. זי האָט געפילט, אַז קיין גרעסערער מאָמענט איז אין לעבן נישטאָ. און מיט אַ לעצטן שמייכל אין אירע צערטלעכע אויגן איז זי פון אים אָפּגעטראָטן און איז געהאָרכזאַם אַרויס־געגאַנגען, ווייל די מענער האָבן געוואָלט זיין אַליין ביי די ערנסטע ענינים.

„נו, עוקאָסמאָס, האָט סאָלאָן געזאָגט, דו ביזט נאָך אַלץ מיט דער מיינונג, אַז די מענטשן וועלן זיך לאָזן באַגליקן? דו הערסט די רעוואָלוציע דאָרט אונטן. דאָס האָט אַרויסגערופן דיין געטלעכע מתנה. דו ווילסט זיי נאָך אַלץ שאַפן דאָס ברויט אָן זאָרגן און אָן אַרבעט? ווילסטו נישט בעסער דיין סוד באַהאַלטן פאַר זיך? פאַרניכט אים, פאַרגעס אים, אַמפּאַלע איז דיינע, ווייל דו ביזט זי ווערט. קראָיזאָס וועט זי דיר געבן אַפילו ווען דו זאָלסט דיין וווּנדערמיטל נישט אויס־געבן. פאָלג מיך, לאָז די מענטשן שוויצן אויפן פעלד ווי פריִער און זיך צע־ברעכן די ביינער אַרבעטנדיק. דאָס איז גוט פאַר זיי. זיי דערגרייכן עפּעס״.

עוקאָסמאָס האָט זיך אויפגעשטעלט: „איך קען נאָר גלויבן, אַז דו שטעלסט מיך אויף אַ פּרווו, סאָלאָן! דו ווילסט זען צי בין איך נישט אַזוי נידעריק, אַז איך זאָל נישט האַלטן מיין וואָרט. אַמפּאַלע איז מיין כלה און מאָרגן וועל איך אויסגעבן מיין סוד. דאָס מיטל איז נישט מיינס, עס געהערט צו אַלע מענטשן, פאַר וועמען איך האָב עס אַזוי געטריי געהיט. דאָס וואָס די דאָ אונטן בושעווען, ענדערט נישט זייער רעכט מיט גאָרנישט. און אויך בושעוון זיי נאָר דערפאַר, ווייל זיי ווייסן נישט. איך וועל זיי עפענען די אויגן״.

דאָ האָט סאָלאָן געזאָגט מיט אַ צאַרטער שטים: „דו ביזט גערעכט, עס איז געווען אַ פּראָבע. עוקאָסמאָס, איך האָב דיך ליב, אַזוי ווי דו ביזט. איך האָב קיינמאָל קיין מענטשן נישט אַזוי ליב געהאַט ווי דיך. אַ דו טייערער טרוימער, דו באַגליקער פון פאָלק! דו ביזט אויך ווערט צו האָבן דיין אייגענעם חלום, דעם

חלום וועגן אָמפּאַלע. איך שטעל מיר פֿאָר, אַז דיין נשמה איז איצט אינגאַנצן דורכגענומען מיט איר, מיט דער ליבער. דו ביזט קיינמאָל נישט געווען גליקלעכער, עוקאָסמאָס, און ווען דיין לעבן זאָל דערגרייכן צו דער טיפסטער עלטער אַפילו, וועסטו קיינמאָל נישט זיין גליקלעכער!...״

„זע, קראָיזאָס, מיר האָבן אַמאָל גערעדט וועגן אמתן גליק. אָט דאָ איז עס פֿאַר דיינע אויגן: עוקאָסמאָס! ער האָט ליב די מענטשן און אָמפּאַלען. אַלע די, וועלכע קענען אים, האָבן אים ליב... עוקאָסמאָס! טרינק אויס דעם בעכער, וועלכן קראָיזאָס דערלאַנגט דיר דורך מיר. טרינק אים אויס אויפן גליק פון דער מענטשהייט און טראַכט וועגן דיין געליבטער!״

און עוקאָסמאָס האָט געטרונקען.

דער אויפשטאַנד אין אַמאַלפי

מיר זענען געווען פּונקט נאָכן עסן. און מיר זענען געווען אין אַ גוטער שטימונג, בעת וועלכער מען קען געוויינטלעך אויסהערן פאַרשיידענע געשיכטעס. דער אימפּרעסאַריאָ שפּאַנגלבערג, וועלכער איז געווען אונדזער שכן ביים טיש, האָט עס געהאַלטן פאַר אַ ריכטיקן מאָמענט אונדז ווידעראַמאָל צו דערציילן אַ קאַפּיטל פון זיין לעבנס־געשיכטע. דער שטול אינעם גאַסט־הויז, אויף וועלכן שפּאַנגלבערג זיצט אַזוי גערן רייטנדיק, ווערט ביי אים אַ היפּאָגריף (אַ מוזן־פערד) און ווען עס גיט אים אַ רייס אַרויס אין דעם פאַרביקן לאַנד פון דערציילן, מאַכן מיר ווי מיר וואָלטן זיך דערשראָקן, אָבער מיר הערן דאָך אויס די ווערטער פון דעם ליבנסווירדיקן ליגנער. אין זיין ברייטן דערציילערישן זשעסט, וועלכן ער האָט פאָרויסגעשיקט, האָבן מיר שוין באַלד דערקענט וואָס דאָ דאַרף נאָכקומען. ער האָט זיך אין אַ געוויסער מאָס פאָרגעשטעלט ווי אַ פּעכטער:

„אָ, מיינע הערן, די טעכניק פון מאַכן שאַלן די שופרות אַליין איז נאָך נישט גענוג אויף צו זיין אַן אימפּרעסאַריאָ. זי איז בלויז גענוג געווען אויף צו מאַכן באַרימט דעם ביבלישן קריג־פירער פון יריחו, דעם פאָרגייער פון יענער מוזיק, וואָס פאַרניכטעט דעם צוהערער אירן. דער אימפּרעסאַריאָ פון אַ גרעסערן פאַרנעם מוז נאָך שפּילן אויף אַנדערע אינסטרומענטן אויך. כדי צו באַוועגן די מאַסן מוז מען זיי כאָטש אַ ביסל פאַרשטיין. דער חילוק צווישן דער מאַסע און דעם יחיד איז נישט נאָר די צאָל, ווי איר ווייסט; די מאַסע קען מען נישט באַאורטיילן לויט דעם יחיד. הונדערט שלעפּעריקע טפּשים פאַראייניקטערהייט זענען גאָרנישט צום באַרעכענען, און געפערלעכער ווי אַ מאַן פון גייסט! הונדערט גייסטרייכע מענטשן צוזאַמענ־גענומען זענען אַמאָל איין טפּש. די מאַסע איז כּידוע גרויסמוטיק און שלעכט, אינטעליגענט און נאַריש, געוואגט און פּחדניש — אַלץ אין דעם זעלביקן מאָמענט — זי מיידט אויס אַ מילך־וואָגן און גייט אויף באַיאָנעטן, זי לאַכט פון אַ וויץ און פאַרשטייט נישט קיין שפּאַס, זי נעמט זיך דורך מיט אַ סענטימענטאַל־אויפגעבלאָזענער פראַזע און גיט אַן אויסדרוק פון גרעסטער פרייד ביי גרויזאַמקייטן. די ניואַנסן זענען אומאויסשעפּלעך. דערפאַר קען אַ דעמאַגאָג פּונקט אַזוי ווייניק פאָרויסזען, ווי דער אימפּרעסאַריאָ ווי אַזוי דער דערפאָלג וועט זיך מאַכן. דער אימפּרעסאַריאָ האָט אַ שטאַרקע קירבות מיטן דעמאַגאָג. דאָס איז נישט קיין

פוסטע פראַזע, מיינע הערן! איך בין פעסט איבערצייגט, אַז גאַמבעטא האָט אויך געקענט זיין אַ מענעדזשער פון אַ טענאָר. און ווען באַרנום 1) זאָל זיך נישט געווען אַ וואָרף טון אויף די עלעפאַנטן, נאָר אויף דער העכערער פּאָליטיק, וואָלט ער אפשר געווען געוואָרן אַ פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן.

אָט איך אַליין... נו, איך וויל וועגן זיך אַליין נישט ריידן. דאָס הייסט — סיידן איך זאָל עס אינטערעסירן? אָט קומט מיר אויפן געדאַנק אַן איבערלעבונג, וואָס איז כמעט אַ ראָמאַן, וועלכער האָט זיך געקענט ענדיקן זייער שלעכט... איר ווילט עס הערן?

אויב איך האָב שוין עמעצן פון די אָנוועזנדיקע אַמאָל די געשיכטע דער־ציילט, בעט איך אים, ער זאָל דערווייל כאַפּן אַ שלאָף, אָבער ער זאָל נישט שנאָרכן, ווייל דאָס וועט מיר שטערן.

הם, אין וועלכן יאָר איז דאָס אייגנטלעך געווען?... איין מאָמענט! איז דאָס געווען אויף מיין ערשטער אָדער אויף מיין צווייטער איטאַליענישער רייזע?... אָבער נישט אין דעם גייט עס. אין אמאלפי... אַ יאָ, איצט דערמאָן איך מיך. אויף מיין צווייטער רייזע איז דאָס געווען. איך האָב מיטגענומען מיט זיך אַ קלאַוויר־שפּי־לער ביז קיין נעאַפּאָל. דאָרט איז ער מיר עוקר געווען. אַן אַלטע גרעפין, אָבער מיט זייער וואַרעמע געפילן האָט זיך פאַרליבט אין זיין רייץ און האָט מיר אים אַוועקגענומען. איך בין נישט געווען פאַרצווייפלט צוליב דעם, ווייל איך האָב מיט דעם געשמאַקלאָזן קערל געמאַכט מיזעראַבלע געשעפטן. אַלנפאַלס האָט ער מיך געבראַכט אין אַ פאַרלעגנהייט. איך האָב שוין געהאַט פאַרויס פאַרקויפט אַ גרעסערע צאָל פּלעצער צום נעקסטן קאָנצערט און איך האָב געדאַרפט צוריק־געבן דאָס געלט. איך וואָלט עס אוודאי געדן געווען געטון — ווען איך זאָל נאָר געווען האָבן דאָס געלט. אָבער מיר האָבן געלעבט פון דעם וואָס מיר האָבן שפּעט־טער פאַרדינט. איך האָב נאָך אַפילו געהאַט אַ פּאָר נאַפּאָלעאָנס, אָבער דאָס האָט נישט געקלעקט. וואָס טוט מען? האָב איך געטון אַזוי: איך האָב אַנאָנסירט, אַז אונדזער נעקסטער קאָנצערט — פון וועלכן איך האָב געוווסט, אַז ער וועט מער קיינמאָל נישט פאַרקומען — וועט זיין אין צען טעג אַרום, ווייל מיין ווירטואָז האָט זיך אויסגעלינקט דעם קליינעם פינגער פון דער לינקער האַנט. אין משך פון אַכט טעג האָב איך מיר געקענט צוזאַמענשלעפּן פון דער גאַנצער וועלט די נויטיקע פאָנדן אויף נאָכצוקומען מיינע פאַרפליכטונגען. ווייל דעם פּובליקום בין איך קיינמאָל גאָרנישט שולדיק געבליבן. אַזוי ווי איך האָב אָבער געוווסט, אַז די צייט וואָס איך מוז וואַרטן וועל איך מיך נישט גוט פילן אין נעאַפּאָל, האָב איך מיר אויסגעזוכט אַ שטילערן פּלאַץ אין דער אומגעגנט, ווו איך האָב געקענט ביליק לעבן און ווו קיינער האָט מיך נישט געקענט געפינען.

1) באַוווסטער צירק־באַזיצער.

אַזוי אַרום האָב איך מיך אַנטשלאָסן צו פאָרן קיין אַמאַלפי. אַהין פאָרן העכסטנס פרעמדע אָבער קיינמאָל נישט קיין נאַפּאָליטאַנער... מיינע הערן עס פאָרט זיך זייער שיין ווען מען האָט געלט אין קעשענע, אָדער — ווי מען זאָגט עס געווינלעך — ווען דער געלט־בייטל איז געשוואָלן. דער זוניקער שיין פון דעם גאָלד גלאַנצט לויטערער ווי די בערג. אָבער שענער, אַ סך שענער איז צו מאַכן נסיעות אָן געלט. נישט טאַקע אינגאַנצן אָן געלט, אָבער מיט אַזוי ווייניק, אַז מען זאָל זיך אַ גאַנצע ריי פון שיינע זאַכן נישט קענען קויפן. ווי באַגערנס־ווערט קומט איינעם דעמאָלט פאַר די גאַנצע וועלט; די פּראָבלעם פון גליק האָט פאַר יעדן מענטשן אַן אַנדערע לייזונג. מיין לייזונג איז: נישט האָבן גענוג געלט. איך בין אָפט אַזוי גליקלעך געווען.

אַזוי בין איך אין אַ שיינעם פרימאָרגן אַריינגעשפּרונגען אין דעם טאַנצנדיקן שיפל אויפן ברעג פון סאַנטאַ לוטשיאַ און האָב זיך געלאָזט צופירן צום גרויסן דאַמף־שיף אויף וועלכן איך האָב זיך איבערגעזעצט. מיר זענען געפאָרן. איך אָנהייב האָב איך נאָך מיט אַ געוויסער מעלאַנכאָליע צוריקגעקוקט צו דעם פּלאַץ אַוווּ איך האָב איבערגעלאָזט נישט נאָר עטלעכע אומגליקלעכע קאָנצערט־בילעטן באַזיצער, נאָר איך האָב אויך איבערגעלאָזט די מאַדאַמידזשעלאַ טערעסינאַ פון דעם באַלעט אין טעאַטער סאַן קאַרלאָ, ביי וועמען איך בין אויך געווען אַ ליבע־בעל־חוב. אין די לעצטע וואָכן האָט זי זיך שטאַרק געזאָרגט פאַר מיין ערדישן גליק. זי איז אַ ליבע באַשעפעניש. זי פלעגט שטענדיק שווערן, אַז זי וואָלט עס נישט איבערגעלעבט ווען איך זאָל אַוועקגיין פון איר. זי האָט מיר אויסגעמאָלן די אופנים פון טויט, וואָס זי וואָלט אויסגעקליבן — יעדן טאָג אַן אַנדערע — מיט די בונטעסטע פאַרבן. אין אַזעלכע זאַכן גלייב איך שטענדיק. און אויפן שיף האָב איך וועגן דעם נאָכגעטראַכט, צי וועט די הייסגעליבטע כאָטש זיין צען מינוט אָדער אַ האַלבע שעה נישט צום טרייסטן. אַזוי ווי אָבער די געדאַנקען זענען מיר צו שוואַרץ געווען, האָב איך מיך פאַרטיפט אין דעם דערקוויקנדיקן אָנבליק פון אַ בלאָנדן האָר־שלייף, וועלכער האָט זיך צום גליק געפונען אויפן דעק. עס איז געווען ריין גאָלד געשפּונען. זיין באַזיצערין איז געווען אַ יונגע ענגלענדערין, וועלכע איז געזעסן און האָט נישט אַרויסגענומען קיין אויג פון איר רייזע־בוך. ווען אָט אַזעלכע ענגלענדערינס אַנטשליסן זיך אַמאָל שיין צו זיין זענען זיי דאָס אויסערגעווינלעך. די, וועגן וועלכער איך רייד האָט אַפילו געהאַט קליינע פיס אויך. אָט אַזוי קליין — איך טרייב נישט איבער. און דערביי מיט אַ הויכן בויגן, אָט אַזוי פונקט לויט דער אַלטער שיינהייטס־רעגל, אַז אַ קליין פייגעלע קען האָבן פּלאַץ אונטער דעם בויגן. איך רוף דערפאַר אָן אַזעלכע פיס: צווויטשערנדיקע פיס. איך וואָלט זיי גערן געוואָלט אונטערשפּרייטן מיין סאַמעט־מאַנטל, ווען איך זאָל אים נאָך האָבן און ווען איך זאָל לעבן אין דער צייט פון ריטערלעכקייט... און דאָס פּנים אירס האָט געהאַט אַריסטאָקראַטישע פיינקייט, און דער האַלדז, די

אַקסל־רונדונג, די ווייכע ליניע פון איר יונגן קערפּער... גענוג, איך האָב זי באַלד פאַרגעטערט. ווייל דאָס זענען נאָך געווען מיינע גוטע צייטן, בעת וועלכע נישט נאָר איך בין געליבט געווען, נאָר איך האָב אַליין אויך נאָך פון צייט צו צייט געליבט. איבעריקנס וועט אייך דאָס נישט אינטערעסירן.

אַלנפאַלס האָב איך שוין דעמאָלט געהאַט דערפאַרונג. איך האָב פאַרשטאַנען ווי מען דערליידיקט אַזן ענין. איך בין, פאַרשטייט זיך, באַלד געווען אַנטשלאָסן, זי נישט מער אַראָפּצולאָזן פון אויג, מיטצופאָרן מיט איר ביז אין עק וועלט, אָדער ביז סוף פון מיינע מזומנים, דאָס וואָס איז מעגלעכער געווען. נישט אויפפאַלנדיק האָב איך מיר אָנגעקוקט איר געזעלשאַפט. עס איז געווען אַ פאָטער, אַ מוטער און עפּעס אַ פאַרדעכטיקער קערל מיט רויטע וואָנצעס וועמען איך האָב פאַרדעכטיקט אַלס צוקונפטיקער חתן. מיט בולטע שטריכן פון געבוירענער גראָבקייט, וועלכע ער האָט זיך באַמיט פאַר מיסטער, מיסטרעס און מיס קאָווערלעי צו באַהאַלטן, נישט איבערכאַפּנדיק די מאָס פון נאַציאָנאַלע געוווינהייטן פאַרשטייט זיך. דער הער מיט די וואָנצעס איז געווען דער קאַפּיטאַן האַטאָן־גרין (די נעמען בין איך ערשט שפּעטער געוווירגעוואָרן). עס האָט זיך באַלד אַרויסגעוויזן, אַז די ענגלענדער האָבן דעם זעלביקן ציל וואָס איך. מיר האָבן זיך אָבער קעגנזייטיק איגנאָרירט אויפן קונסטפולסטן אופן. אין סאַרענט זענען אַרויפגעקומען אויף אונדזער אַמאַלפיטאַנישער שיף דריי וואַנדערנדיקע זינגער. איך האָב געגעבן אַ ווונק צו זייער אָנפירער. די דריי מוזיקאַנטן האָבן זינגענדיק און טאַנצנדיק דורכגעפירט עטלעכע גראָטעסקע סערענאַדן מיט פייקל־קלאַפּעריי, גיטאַרע־געקלימפעריי און פידל־סקריפּעריי. די מיס האָט געדאַנקט מיט אַ פאַרבייפליִענדיקן הערלעכן בליק, וועלכן איך האָב געהאַלטן פאַר ריכטיק נישט צו באַמערקן. נאָך דעם צווייטן אָדער דריטן לידל האָב איך געהאַט אַ באמת מלכותדיקן איינפאַל. איך האָב יעדן פון די מוזיקאַנטן אַ וואָרף געטון אַ לואיז ד׳אָר, און מיט אַ כוונה אַזוי אומגעשיקט, אַז די גאָלד־מטבעות האָבן זיך אַוועקגעקייקלט אין דער ריכטונג פון די קאָווערלעיס. דאָס האָט געהאַט אַ באַצויבערנדיקע ווירקונג. די דריי מוזיקאַנטן האָבן געלאָזט ליגן זייערע אינסטרומענטן און האָבן זיך גענומען נאָכיאָגן דער קיילעכדיקער מטבע, זי זאָל נישט אַריינפאַלן אין ים. איינער איז אַרונטערגעקראָכן אונטער דער באַנק. אַלע דריי זענען מענטשלעך אָרדינער געלעגן אויף די בייכער, ביז זיי האָבן די מטבע געכאַפּט. ביים קלונג פון דעם גאָלד האָט מיסטער קאָווערלעי אינסטינקטיוו אַ קוק געטון אויף מיר, אין זיין בליק איז געלעגן פאַרדאַמונג און באַוווּנדערונג. די מרס. קאָווערלעי האָט מיך באַטראַכט מיט אַ פאַרחלומטן פרווּנדיקן בליק פון אַ מוטער, וועלכע איז גרייט צו ווערן אַ שוויגער. מס. קאָווערלעי, האָט זיך נאָך אַמבעסטן באַנומען; זי האָט געשמייכלט איבער די גאָלד־יעגער, אָבער אין דעם שמייכל איז אויך געלעגן אָנערקענונג פאַר מיין פרייגעביקייט. דער מאַן מיט די רויטע וואָנצעס איז געוואָרן גרין און געל פאַר עגמת־

נפש. אָבער אַלע זענען געלעגן אויף די בייכער. איר מעגט אייך אַמאָל פאַרגינען אַזאַ מין שפּאַס, מיינע הערן. דאָס בילד וואָס עס שטעלן פאר אייך פאַר די צו־שויער און ווערט דריי מאָל 20 פראַנק... די מינען־זינגער פון פּיעדיגראַטאַ האָבן מיך באַלד אָנגערופן „עקסצעלענצאַ" און האָבן אין דעם פאַלגנדיקן ליד אַריינגעלייגט זייער גאַנצע נשמה. איינער פון די דאָזיקע געזאַנגען האָט גאָר ספּעציעל געפונען לייטזעליקייט ביי דער שיינער מיס. זי האָט אויסגעדריקט איר אָנערקענונג אויף ענג־ליש פאַר אירע מענטשן. צוליב דעם האָב איך באַפוילן די מוזיקאַנטן, דאָס שטיק איבערצוחזרן. זי האָט מיר געדאַנקט מיט אַ לייכטן שאָקל מיטן קאָפּ און איז אויך דערביי אַ ביסל רויט געוואָרן. דאָס מאָל האָב איך מיך פאַרנויגט, פאַר־שטייט זיך אויף גאָר אַ צוריקגעהאַלטענעם אופן. אָבער דאָס אייז האָט זיך שוין געהאַט איינגעבראָכן...

האָב איך מיך אפשר צו פיל אויפגעהאַלטן ביי אַט דער פּראָצעדור? ווען מען האָט שוין אַזוי פיל גרויע האָר, אַזוי ווי איך, אַז מען קען זיי שוין מער נישט איבערציילן, ווייזט זיך איינער אויס, אַז דער אָנהייב איז דאָס בעסטע פון דעם בעסטן. דאָס וואָס עס קומט נאָך שפּעטער איז דאָך כמעט שטענדיק געפערלעך באַנאַל. איך וועל אייך אָבער פאַרריכטן דעם שאָדן מיט דעם וואָס איך וועל שילדערן דעם ווייטערן פאַרלויף פון באַקענען זיך.

מיר האָבן אַלע געוווינט אין דעם אויבערשטן קאַפּוטשינער האָטעל, וועלכן מען רופט אָן אויף אַנגלאָ־איטאַליעניש „אפער־קאַפּוטשיני". דאָס וואָרט דערמאָנט אַזוי אָנגענעם אָן די יחידי סגולה, אָן דערהויבענע פרייזן און נאָך אַזעלכע זאַכן. פון די שמאָלע פענצטער אינעם אַלטן הויז האָט מען דעם ריכטיקן גענוס פון אַ ווייטן אויסקוק אויף דעם פאַרשימלטן פאַרגרינטן פעלדז־ברעג און אויף דעם גרינעם ים... איך האָב זיך די גאַנצע צייט געהאַלטן אין דער געזעלשאַפט פון די קאָוועראַלעיס, פאַרשטייט זיך, אַז איך האָב אויך געמוזט דערביי אַריינעמען דעם קאַפּיטאַן האַטאַן־גרין. זיין אָנוועזנהייט האָט מיר פאַרשאַפט פאַרגעניגן מיט דעם וואָס ער האָט געהאַט אַ גרויסן פאַרדראָס צוליב מיין אָנוועזנהייט. איך בענק שטענדיק נאָך ריוואַלן — ווייל איך האָב זייער ליב, אַז מען האַלט מיך פאַר בעסער. אין אַלץ האָב איך גילאָזט פּילן מיין סופּעריאָריטעט. ווען ער האָט געקרעכצט אַ ליד, האָב איך געזונגען אַ ליד. איך האָב בעסער געטאַנצט פון אים, איך בין שנעלער געלאָפן, איך האָב געשיקטער געדערט, איך האָב גע־וואַגטער געריטן, איך האָב מיטן רעוואָלווער געטראָפן מער פייגל אין זייער פליען; איך בין געווען רויק, ווען ער איז געווען אויפגערעגט, באַרעדעווודיק, ווען ער האָט געשוויגן... מיר זענען אַזוי שטענדיק געווען צוזאַמען; בעת אַ שלעכטן וועטער אין סאַלאָן, בעת אַ גוטן וועטער אין דרויסן. אַמאַלפי! דאָס איז די אומ־פאַרגעסלעכע לאַנדשאַפט פאַר מיר. מיר פלעגן מאַכן וווּנדערלעכע אויספלוגן: רייטנדיק אויף אייזלען אַרויף קיין ראַוועלאָ, שפּאַציר־גענג קיין מאַיאָרי, קיין מי־

נאַרי, און מיר פלעגן רודערן אין די פאַרנאַכטן, נאָך זון־אונטערגאַנג אויף שיפ־לעך און מיס מאַבעל קאָווערלעי האָט געשטראַלט אויף מיר מיט אירע צערטלעכע אויגן, און האָט מיר געגעבן די דירעקטע אָנערקענונג, אַז זי האָט זיך נאָך קיינמאָל אַזוי גוט נישט אונטערהאַלטן.

ווייל ווי איך האָב שוין דעם כבוד געהאַט אייך מודיע צו זיין איז דאָס געווען די פּראַכטפולסטע צייט פאַר מיר. איך בין נאָך דעמאָלט געווען זייער אמוזאַנט. ביי מיר האָבן זיך די לצנות, די שטיפעריי און די שפּאַסן גאַרנישט אויסגעשעפּט. ווי פלעגט זיך דאָס די מיס מאַבעל פאַרשטעקן דאָס לאַכנדיקע מויל מיט אַ טאַשנ־טיכל, ווען איך פלעג יעדן טאָג נאָכן עסן, צו דער מינוט, וואָס איך האָב אָנגעזאָגט, אַריינברענגען דעם האָטעל־שכן מיסטער טימבערלעק, כדי ער זאָל דער־ציילן די זעלבע געשיכטע, וועלכע איך האָב אים קיינמאָל נישט געלאָזט ענדיקן. ווען דער דיקער בכבודיקער מאַן פלעגט נאָר צוקומען צו דער שטעל — „דער צוג איז געשטאַנען. פלוצלינג האָבן זיך באַוויזן זעקס פאַרמאַסקירטע אינדיאַ־נער...״ ביי דער שטעל פלעג איך אימפּראָוויזירן עפּעס אַ קליינעם אַקצידענט, וועלכער האָט אים געצווונגען איבערצורייסן דאָס דערציילן. מען האָט זיך אין אפּער־קאַפּוטשיני־האָטעל קיינמאָל נישט דערוווּסט וואָס די זעקס פאַרמאַסקירטע אינדיאַנער האָבן געטון; אָבער מיסטער טימבערלעק האָט יעדן טאָג געמוזט דער־ציילן פונעם אָנהייב; „ווייל מיר האָבן אים שוין נאַטירלעך נישט געדענקט...״ איך וויל אייך נישט דערציילן אַלע נאַרישקייטן. אַזעלכעס האָט אַ טעם נאָר אין דעם מאָמענט, ווען דער שפּאַס פאַלט איין און ווערט דורכגעפירט. האַטאַן־גרין האָט זיך פון צייט צו צייט אויך געפּרוווט מיר דעם שפּאַס צו פאַרדאַרבן, ער פלעגט מיך שטענדיק אַריינצינען אין אַ געוועט. אָבער מען האָט געלאַכט, און די געוועט האָט ער פאַרלוירן.

אַזוי האָב איך, כדי צו אונטערהאַלטן די מיס קאָווערלעי, זיך איינמאָל אונ־טערגענומען אין דער גוטער שטאָט אַמאַלפי צו אינסצענירן אַן אויפשטאַנד, און דאָס מיט אַן הוצאה פון צען פראַנק בלויז. אַן אמתדיקן אויפשטאַנד אַן בלוט־פאַרגיסונג, אָבער מיט דעם אַריינמישן זיך פון דער פּאָליציי, מיט אויפגערעגטע בירגער, מיט קוויטשענדיקע ווייבער, שרייענדיקע גאַסן־יונגען און אַ באַרוהיקנדיקן סינדאַקאָ. דער קאַפּיטאַן האָט זיך געוואָלט וועטן אויף צען פלעשער שאַמפּאַניער. געמאַכט! דער הער האַטאַן־גרין האָט נאָר פאַרלאַנגט, גענוגנדיקע גאַראַנטיעס, אַז איך וועל נישט אַריינלייגן קיין איין סענטים מער אויף אויפצורודערן די באַפעל־קערונג. „איך גלויב, אַז מיין וואָרט איז גענוג?״ האָב איך געזאָגט. — „אין יעדן אנדערן פאַל, יאָ״, האָט ער דערקלערט: „אָבער ביי אַ געוועט קאָן נאָר זיין די רייד פון אַן אָביעקטיווער גאַראַנטיע״. — איך האָב אים נישט געלאָזט זיך אַרויס־דרייען: „פון מיר אויס, קאַפּיטאַן! וואָס פאַר אַ גאַראַנטיע פאַרלאַנגט איר?״

„אַז איר זאָלט דאָס גאַנצע געלט, וואָס איר האָט מיט זיך — ביז אויף די צען פראַנק — דעפּאָנירן ביים האָטעליער, ביים מיסטער קאָוורלעי, אָדער ביי מיר, איידער איר גייט אַרויס״.

דאָס איז געווען פאַר מיר אַ זייער אומאַנגענעמער מאָמענט. מיין גאַנץ פאַר־מעגן איז באַשטאַנען פון פיר נאַפּאָלעאָנס און פופצן לירעס אין זילבער. איך בין געווען אין אַ גרויסער פאַרלעגנהייט. אַנשטאָט דעם קאַפּיטאַן צו לאַכן אין פּנים אַריין און אים צו זאָגן, אַז איך וויל זיך בכלל מיט אים נישט ווענטן — בין איך איינגעגאַנגען אויף זיין באַדינגונג. איך האָב אים געהאַלטן פאַר אַ דזשענטלמען. איך האָב פאַרשלאָסן מיין טייסטער אין וועלכן עס איז מער גאַרנישט געווען חוץ מאַנונגס־בריוו, און מיין געלט־טעשל אין שאַפע. און האָב איבערגעגעבן דעם שליסל דעם קאַפּיטאַן האַטאַן־גרין, וועלכער האָט געוואַרט אין דרויסן. ער האָט מיך דערנאָך זייער פריינטלעך געבעטן, איך זאָל פאַרשליסן דאָס צימער און איך זאָל אָפּגעבן דעם שליסל אַ דריטער פּערזאָן, וועלכע איך וועל אַליין אויסוויילן. אָט די נישט פיינע באַמערקונג האָט מיך אייגנטלעך געוווען געדאַרפט אויפרייצן... איך האָב אָוועקגעגעבן דעם שליסל דעם מיסטער טימבערלעק. איך האָב מיר אויס־געביטן צען פראַנק אויף קופּערנע מטבעות, וועלכע האָבן מיר זייער שווער גע־וויגן, און איך בין אָוועקגעגאַנגען.

„מיס מאָבעל״, האָב איך געזאָגט, „אין צוויי שעה אַרום וועט זיין אַן אויפ־שטאַנד אין אַמאַלפי! איר וועט אַלץ קענען זען פון באַלקאָן פונעם האָטעל ביי דער מאַרינע״.

זי האָט געלאַכט און האָט מיך געבעטן, איך זאָל נישט זיין צופיל געוואַגט. אַז מען דאַרף די ווייבער נאָר אַ ביסל פאַרווילן, געווינט מען זיי באַלד. ווען איך האָב געהאַלטן אין אַראָפּגיין די פעלדזן־טרעפּ פונעם האָטעל איז מיר נאָכגע־פלויגן אַ פּייער־רויטע רויז. איך האָב זי צוגעדריקט צו מיינע ליפּן, פּונקט ווי איך זאָל אַרויסגיין אין אַ שלאַכט.

מיינע הערן, איך וועט אפשר אויסקומען, אַז דאָס איז געווען אַ ביליקער, חוצפּהדיקער שפּאַס, וואָס איך האָב מיך דערלויבט מיט דעם אָרעמען פאָלק אין אַמאַלפי. אָבער איר וועט באַלד הערן, וואָס פאַר אַ שטראָף איך האָב דערפאַר באַקומען. נאָר איך בין דעמאָלט געווען מיט צוואַנציק יאָר נאַרישער ווי היינט. איך האָב מיך איינגעשטעלט אַרויסצוגיין פון דעם געשעפט מיט ריווח פון עטלעכע מעסער־שטעך. אַלנפאַלס אָבער דאַרף איך זיך וויניקער שעמען מיט מיין שפּיצל, וואָס איך האָב אָפּגעטון, ווי דער רויטער קאַפּיטאַן האַטאַן־גרין וואָלט זיך גע־דאַרפט שעמען מיט זיינעם...

איך האָב מיר קודם כל פאַרגענומען צו וואַרפן מטבעות צווישן די מענטשן, אָט דאָס האָט זיי געדאַרפט צעהיצן. איר ווייסט דען וואָס פאַר אַ יונגען דאָס זע־נען? זיי זענען אָרעם, אָרעם ווי בעטלערס, נאַריש און גיריק. אַזוי איינגעוויקלט

אין שמאָטעס בראָטן זיי זיך דאָס גאַנצע לעבן אויף דער זון. אַלס קינדער יאָגן זיי זיך אַרום פריילעך און באָרוועס איבערן הייסן זאַמד אויפן ברעג פון ים. אַלס מענער וואַלגערן זיי זיך אַרום שלעפעריק אין שאָטן. אַלס זקנים זיצן זיי ווידער אויף דער זון, אויף די טרעפּ פון דער קאַטעדראַל און קושן די הענט פון די דיקע גלחים, וועלכע גייען דאָרט פאַרביי. זיי וואָלטן אפשר געאַרבעט? אָבער דער מענטשלעכער כוח איז ביליקער, ווי דער כוח פון אַ לאַסט-חיה. פּאָר צוויי סאָלדי טוען זיי אַלץ, וואָס מען וויל אַפילו עפּעס אַ רעכטע זאַך אויך. דער לאַצאַראָני1) אין נעאַפּאָל איז אַ פאַרנעמער פליסיקער הער אין פאַרגלייך מיט די פּוילענצער פון אַמאַלפי. צוליב יעדער קליינער געשעעניש לויפן זיך צוזאַמען הונדערטער. ווען די שוימענדיקע כוואַליעס האָבן אַמאָל אין אַ טאָג צעבראָכן אַ שיפל, וואָס איז געווען שלעכט צוגעבונדן ביים ברעג, האָט זיך אַ האַלבע שטאָט פאַרזאַמלט אַרום דעם יאָמערנדיקן פּאַדראָנע, און ווען מען האָט דאָס שיפל צורעכט געמאַכט, האָט זיך אַרום דעם איינציקן אַרבעטנדיקן סטאָליער ווידער פאַרזאַמלט אַ גאַנצע מאַסע מענטשן... אָט אַזוי איז שוין באַשאַפן דאָס פעלקעלע, מיט וועלכן איך האָב געמאַכט עקספּערימענטן. אָנגעהויבן האָב איך מיט דעם, וואָס איך האָב קודם כל פאַרזאַמלט אַרום זיך די גאַסן-יונגען. איך האָב געקויפט פּאָר צוואָנציק סענטעסימי געטריקנטע דיניע-קערלעך, פון וועלכע איך האָב אַ פולע פויסט אַ שיט געטון צווישן די יינגלעך. אין איין מאָמענט האָט זיך שוין געוואַלגערט אַ פּאָר-פלאָנטערטע קנויל פון קעמפנדיקע אויף דער ערד. דערנאָך בין איך מיר אַדורכגעגאַנגען אַלע טרעפּ-געסלעך, דורכן מאַרק, פאַרביי דער מאַרינאַ און ווידער אויף צוריק. די יינגלעך האָבן זיך געפרייט. ווען די דיניע-קערלעך האָבן זיך געענדיקט האָב איך שוין געהאַט אַרום זיך אַ ריזנגרויסע עסקאָרטע. איך האָב אָנגעהויבן זינגען איינעם פון זייערע באַליבטע גאַסן-שלאַגערס און האָב דערביי דיריגירט מיט מיין שטעקן. די ווילדע יוגנט פאַרשיכורט פון גליק האָט מיטגעשריגן. מיין פּראָצעסיע איז געוואַקסן. די מענטשן זענען אַרויס פון די הייזער כדי אויך צו געניסן פון דעם ספּעקטאַקל. איך בין געגאַנגען פאַרויס, נאָך מיר די יינגלעך און לסוף די דערוואַקסענע, אויף צו זען וואָס דער משוגענער „אינגלעזע״ וועט נאָך אויפטון. דערנאָך האָב איך זיך אַוועקגעשטעלט אויף די טרעפּ ביי דער קאַטעדראַל און איך האָב זיי אָנגעהויבן צוצוואַרפן קופּערנע מטבעות. פּאָר מיר האָב איך געהאַט דעם מאַרק-פּלאַץ, אויף וועלכן די מאַסע איז געוואַקסן. איצט האָבן זיך שוין נישט געריסן די קליינע, וועלכע זענען צו שוואַך געווען, נאָר די גרויסע. די קינדער זענען אַרויף צו מיר אויף די טרעפּ, האָבן אַרומגעגרילצט אַרום מיר, צו מיר אויסגעשטרעקט דעם שמוציקן וואַקלענדיקן ווייז-פינגער: „דאַ מי און סאָלדאָ!... מואיא די פאַמע!״ גאַנץ קליינע, וועלכע האָבן מיט אַ שקאַצישער

1) בראָדיאַגעס, וואָס לעבן אויף טאָג-אַרבעט אין נעאַפּאָל און אויפן אינדזל סיציליע.

ליבנסווירדיקער מינע געטשעבעטשעט: „סיניא,׳ ,סיניא״, און סאָלדאָ!״ און גרע־סערע, וועלכע האָבן זיך שוין אויסגעקענט מיט די מעסערס, האָבן געשריגן מיט אַ גראָבער דראָונג אין דער שטים: „און סאָלדאָ!״ פון צייט צו צייט האָב איך מיך שוין פון זיי געמוזט אָפּווערן מיט מיין שטעקן.

שווייגנדיק און מיט מער כעס זענען געשטאַנען די גרויסע אונטער מיר אויפן מאַרק־פּלאַץ, וועלכער איז שוין כמעט צו ענג געווען. אין אָנהייב איז דאָס געווען נישט מער ווי אַ שפּאַס. ווען די סאָו־מטבע איז געפלויגן האָבן זיי זי לאַכנדיק געכאַפּט. ווען זיי האָבן זי אינעם פליען נישט געכאַפּט, האָבן זיך די נאָענט־שטייענדיקע אַ וואָרף געטון אויף דער ערד איינער אויפן אַנדערן, אַזוי אַז די גרופּע האָט, מיט מיינע אויגן געזען, זיך אויסגענומען ווי אַ פּאָליפּ מיט גיריק צאַפּלענדיקע אָרעמס. די ווידער, וועלכע זענען נישט געשטאַנען גענוג נאָענט, אַזוי אויף צו קענען זיך באַטייליקן אין דער קאָנקורענץ, האָבן געקוקט מיט גרינגשעצונג און קנאה — ווען איך האָב אָבער דעם סאָלדאָ אַ וואָרף געטון אין אַ ווייטער־גרייכנדיקן בויגן ביז צו זיי, האָבן זיי געטון פּונקט דאָס זעלביקע ווי די אַנדערע. אויף מיין שליידערנדיקער האַנט האָבן געהאַנגען אַזוי פיל און אַזוי פיל זויגנדיקע אויגן. זיי האָבן באַגלייט די קופּערנע מטבע אין איר פלי דורך דער לופט. דאָס אַלץ צוליב אַ סאָלדאָ.

אָבער גיט נאָר אַ כפּל דעם דאָזיקן סאָלדאָ, מיינע הערן, וועט איר אויסגע־פינען, אַז נישט נאָר אויפן מאַרק־פּלאַץ אין אַמאַלפי זענען אַלעמענס אויגן צו אים געווענדט... אין אָנהייב, זאָג איך, איז עס געווען אַ שפּאַס. באַלד אָבער האָבן זיך די מיטקעמפער פאַרמערט. די פישער, וועלכע האָבן נישט געאַרבעט זענען געקומען צולויפן, פון דער מאַרינאַ. די אייזל־טרייבער האָבן אָנגעבונדן די בהמה כדי צו האָבן פרייע הענט. די וואַנדערנדיקע פאַרקויפערס האָבן די סחורה, אויף אַ זיכערן פּלאַץ באַהאַלטן, כדי צו קענען זיך מיטבאַטייליקן. געשעפטס־לייט זענען געוואָרן בעטלערס. בקיצור, דער גאַנצער האַנדל און וואַנדל איז געבליבן שטיין. און די גאַסן־פּאָליציי? עס איז אַפילו געווען אַ פּאָליציאַנט, וועלכער האָט פּרובירט פאַנאַנדערצוטרייבן די מענטשן, אָבער ער האָט זיך דערנאָך פון דעם האָפענונגס־לאָז אָפּגעזאָגט. ער איז געשטאַנען מיט אויפגעצויגענע ברעמען, מיט געקרייצטע אָרעמס, מיט דער גאַנצער ווירדע און אומצופרידן. איך האָב מיר גענומען אים אַלס ציל. ער איז געשטאַנען אומבאַוועגלעך אינעם סאָלדאָ־רעגן. אָבער ווען אַ מטבע איז אַראָפּגעפלויגן גאַנץ נאָענט לעבן אים, האָט ער אַ צי געטון מיטן מויל, ווי אַ הונט וואָס כאַפּט פליגן, און זי איז פאַרשוווּנדן געוואָרן. איך האָב מיך געהאַלטן ביי די זייטן פאַר לאַכן... מיין געלט־זאַפּאַס איז קלענער געוואָרן. אָבער די אויפרעגונג צווישן דער מאַסע איז געוואַקסן. די וועלכע האָבן שוין עפּעס געהאַט האָבן געוואָלט נאָך מער; די אַנדערע די אומגעשיקטע, אָדער די שוואַכערע זענען געווען אין כעס. זיי האָבן שטאַרקער געקעמפט פאַר יעדן שטיקל

קופּער, וואָס איז צווישן זיי אַראָפּגעפּאַלן. די ווייבער האָבן געקוויטשעט, די מענער האָבן געשאָלטן. פּאַסנווייז האָבן זיי געריסן די קליידער איינער דעם אַנדערן פון דעם לייב, מחמת זינלאָזע גיריקייט האָבן זיי מער איינגעשטעלט ווי זיי האָבן געקענט געווינען. עס איז געווען אַ ברויזנדיקער ליאַרעם, און ליידנשאַפטלעכער איז געוואָרן דער טומל. די מענטשן זענען געווען בייז איינער אויפן אַנדערן און האָבן זיך קעגנזייטיק אָנגעשטעקט מיט כעס. און מיך אַליין האָט געפּאַקט אַ געוואַלטיקע אויפרעגונג, קוקנדיק אויף דעם גרויסאַרטיקן בילד. אַ שטאָף פאַר מאַלער, וועלכע פאַרשטייען אין וואָס פאַר אַ צייט זיי לעבן! דאָס הייסט: וועגן אָט די אַלע זאַכן האָב איך מיר ערשט שפּעטער אָפּגעגעבן חשבון, אַ סך שפּעטער. דעמאָלט האָב איך זיי נישט אַזוי גוט פאַרשטאַנען.

ווייל איך האָב שוין קיין סך סאָלדאָס נישט פאַרמאָגט האָב איך שוין געמוזט אַלע מאָל מער קאַרגן מיטן אַרויסוואַרפן דאָס געלט. דאָס האָט זיי אויפגעבראַכט קעגן מיר. עס האָבן אויסגעבראָכן גרעלע פייפעריַיען, צאָרנדיקע אויסגעשרייען. עס איז שוין געווען צו שפּעט זיך צוריקצוציִען. די צעפּלאַקערטע רציחה איז צום באַוווסטזיין וועגן דער דערנידעריקונג, וואָס איך האָב אים צוגעטיילט. מיינע הערן, איך בין זיך מודה, אַז עס האָט זיך מיר אָפּגעגלוסט דאָס לאַכן. איך האָב נישט אָפּגעשאַצט די ווילדקייט פון דער חיה, מיט וועלכער איך האָב זיך געשפּילט. עס איז שוין געווען צו שפּעט זיך צוריקצוציִען. די צעפּלאַקערטע רציחה איז מיר אויסגעוואָקסן ביז איבערן קאָפּ. די אויפגערייצטע האָבן זיך געדרענגט צו מיר אַלץ נענטער און נענטער. עס איז געווען נאָר איין באַרויִקונגס־מיטל: וויַיטער וואַרפן געלט צווישן זיי. אָבער ווי לאַנג האָט דאָס געקענט קלעקן? עס האָט אָנגעהויבן נאַכט ווערן. איך האָב אויף אַ מאָמענט פאַרלוירן מיין רויִקייט און האָב אַ שליידער געטון מער מטבעות מיטאַמאָל. מיט אַ געבריל האָבן זיי זיך אַ וואָרף געטון אויף דעם. די צעיושעטקייט, וואָס איך האָב איצט געהאַט פאַר זיך איז געווען פּשוט אַ גאַסן־מלחמה. עס האָבן זיך באַוויזן עטלעכע פּאָליציאַנטן, כדי צו באַרויִקן דעם עולם, אָבער מען האָט זיי באַלד פאַרטריבן. ביז זיי האָבן געקענט באַקומען פאַרשטאַרקונג האָט מען מיך דערוויַיל געקענט צעטרעטן. אינסטינקטיוו האָב איך זיך אַרומגעקוקט נאָך עפּעס אַ רעטונגס־פּלאַץ. די קאַטעדראַל! אָבער איך האָב געדאַרפט אַרויפגיין אפשר פופציק טרעפּ. איך האָב געפּרוווט. איך האָב געוואָלט אַרויף לויפנדיק. דאָס איז געווען אַ נאַרישקייט. אַזוי ווי איך האָב מיך נאָר אויסגעדרייט צו זיי מיטן רוקן, האָבן מיך שוין אַ דרייסיק־פערציק יונגען איבערגעיאָגט. איך בין געבליבן שטיין און האָב מיך אָנגעשפּאַרט מיטן רוקן אָן דעם פאָרענטש פון די טרעפּ. איך בין ווידער צו זיך געקומען. פון דריי זייטן האָבן זיי זיך געשפּאַרט צו מיר מיט אַ הייזעריק־צאָרנדיקן געשריי: „און סאָלדאָ! און סאָלדאָ!...“ איך האָב מער גאָרנישט געהאַט. איך האָב עס געשריגן צו די, וועלכע זענען געווען אַמנאָענטסטן צו מיר. זיי האָבן עס מיר נישט גע־

גלויבט. מען האָט זיך פון הינטן אַלץ געשטופּט. עטלעכע דרייסטערע האָבן מיך געגומען שלעפּן ביים ראָק. איך האָב זיי צוריק געשטויסן. פעסטנדיק מיט מיין שטעקן האָב איך מיר דורכגעקעמפט אַ דורכגאַנג ביז איך בין אַראָפּגעגאַנגען די טרעפּ. דאָ האָט מיר איינער אָנגעכאַפּט דעם פאָכענדיקן שטעקן און האָט אים ביי מיר אַרויסגעריסן... און קיין ווייטערע איינצלהייטן ווייס איך נישט מער. איך ווייס נאָר אַז מען האָט מיך אַרומגעשטויסן און געשלאָגן ביז זיי האָבן מיך צופעליק אַריינגעוואָרפן אין אַ טויער פון אַ הויז. איך בין צוגעפאַלן צו אים האָט ער זיך אויפגעמאַכט. איך בין פשוט אַריינגעפאַלן אין הויז אַריין. איך האָב אין מאָמענט צוגעמאַכט די טיר הינטער מיר און האָב פאַרריגלט מיטן ריגל. אין דרויסן האָבן די יונגען געוואַלדעוועט און האָבן מיך געוואָלט אַרויסשלעפּן. דאָס מאָל וואָלטן זיי מיך געוועזן צעריסן. עס האָט געהאָגלט מיט שטיינער אויפן הויז. דער באַלעבאָס איז געווען אַ גוטער מענטש, ער האָט מיך אַרויסגעפירט דורך דער הינטערטיר, וועלכע איז אַרויסגעגאַנגען צום באַרג צו. פון דאָרטן האָב איך זיך אַריבערגעכאַפּט צום אַפּער־קאַפּוטשיני־האָטעל, אָפּגעריסן, אָפּגעשליסן, מיט ביילן אויפן קאָפּ מיט אַ צעפּאַסעוועט פנים. איך האָב זיך איבערגעטון.

מיס מאַבעל און די אַנדערע, וועלכע זענען געווען צעשראָקן האָבן זיך שוין פון לאַנג געהאַט צוריקגעקערט פון דער מאַרינאַ, ווו זיי האָבן אַ טייל פון דעם אַלעמען געהאַט געזען. מען האָט פון מיר אַ תל געמאַכט, אַ חורבן, אָבער דעם געוועט האָב איך געוואונען. אין אַמאַלפי האָט געבושעוועט דער אויפשטאַנד. פון דער אונטערשטער שטאָט זענען אָנגעקומען בולעטינס: דער סינדאַקאָ האָט געהאַלטן אַ רעדע, די צאָל־וואַך איז געקומען צו הילף דער פּאָליציי, און אויב מיין געוויסן איז היינט נישט באַלאַסטעט מיט קיין בלוט־פאַרגיסונג האָב איך עס צו פאַרדאַנקען אַ שטאַרקן שלאַגס־רעגן, וועלכער האָט לסוף אָפּגערייניקט די גאַסן. דערווייל האָבן מיר געטרונקען האַטאָן־גרינס שאַמפּאַניער... דער רויטער קאַפּיטאַן איז געווען אין אַן אויסערגעוויינלעך גוטער שטימונג. ער האָט פאַרלוירן, אָבער בכבודיק. נאָר די פאַמיליע קאָווערלעי, פון וועמען עס האָט ביז איצט געשטראָמט מיט ליבנסווירדיקייט, זענען איצט צו מיר אינגאַנצן קאַלט געוואָרן. אויך די מיס מאַבעל! און כדי איר צו געפעלן האָב איך זיך דאָך אונטערגענומען אַדורכצופירן אַזאַ ווילדן שפּיל.

אָט דאָס איז די געשיכטע פון מיין אויפשטאַנד אין אַמאַלפי, דורך וועלכן איך האָב באַוויזן, אַז אַ ריכטיקער עמפּרעסאַריאָ קען אויך אָראַנזשירן גאַסן־סצענעס... אָבער איר ווילט הערן דעם גראָטעסקן סוף פון דער ליבעס־אַוואַנטורע?

דעם נעקסטן פרימאָרגן האָט מיר מיסטער קאָווערלעי אַזוי גאַנץ פשוט געזאָגט, אַז ער מיט זיינע מענטשן פאַרלאָזן אַמאַלפי. זיי ווילן פאָרן קיין קאַפּרי. מיך האָבן זיי נישט אויפגעפאָדערט, אַז איך זאָל מיטפאָרן, כאָטש פריִער האָט מען יאָ וועגן דעם גערעדט. נאָר דער קאַפּיטאַן האַטאָן־גרין האָט מיך יאָ גע־

פרעגט — און מיר איז עס אויסגעקומען כּמעט ווי אַ חוזק — צי וויל איך נישט מיטפאָרן. אַזוי ווי ער זאָל עס וויסן, אַז איך קען נישט אַרויס פון האָטעל, ווייל איך קען די רעכענונג נישט באַצאָלן. איך האָב געזאָגט, און דאָס איז געווען נאַריש, אַז מיר איז עס זייער אָנגענעם אין אַמאַלפי, און איך וועל אין עטלעכע טעג אַרום נאָכקומען. מיס מאַבעל האָט דערביי באַקומען אַ לייכטן אָנפאַל פון הוסטן... אונטן ביי דער מאַרינאַ האָב איך איר נאָך דערלאַנגט אין דער האַנט אַריין אַ שיינעם בוקעט בלומען, איידער זי איז אַראָפּגעגאַנגען אין שיפל. זי האָט אייז־קאַלט געדאַנקט. אויסגעברענט איז געווען דער שטראַל פון ליבע אין אָט די בלויע אויגן, פאַרוואָס, מיס מאַבעל?... איך בין דערנאָך געשטאַנען און האָב נאָכגעקוקט דער שיף, ווי זי איז אַרויסגעשוווּמען פון דער בוכטע פון אַמאַל־פי, און איז פאַרשוווּנדן געוואָרן אונטערן פעלדז. איך בין געשטאַנען אַזוי אומ־באַוועגלעך, ביז עס האָבן זיך באַוויזן אַרום מיר אַ גאַנצע האָרדע קינדער מיט דעם באַקאַנטן אויסרוף „סיניאָ׳, סיניאָ׳, און סאָלדאָ״. איך בין באַלד אַנטלאָפן.

איך בין נאָך געבליבן דריי טעג אין „אַפּער־קאַפּוטשיני״, איך האָב אַרומ־געשיקט טעלעגראַמעס איבער דער גאַנצער באַווינטער וועלט וועגן געלט. אָבער מער ווי אַלץ האָט מיך געמאַטערט די פראַגע: פאַרוואָס, מיס מאַבעל?... איך האָב סוף כל סוף מיין רעכענונג באַצאָלט. און איצט הייסט עס פאָרן קיין קאַפּרי. ניין, אין לעצטן מאָמענט איז אַריינגעקומען צו מיר דאָס דינסטמיידל מיט אַ געוויין, צי האָט מען נישט עפּעס אַרויסגעגנבעט ביי מיר. דער רויטער קאַפּיטאַן האָט איר געגעבן אַ גוטן טרינק־געלט און האָט זי אָנגערעדט זי זאָל אים אויפמאַכן מיין צימער, בעת איך האָב געהאַלטן אין מאַכן דעם אויפשטאַנד אונטן אין שטאָט.

קודם כל איז אַריינגעגאַנגען אין צימער האַטאַן אַליין, דערנאָך איז ער געקומען מיט מיסטער קאָוועדלעי, און זיי האָבן אויפגעמאַכט מיין שאַפע...

מיינע הערן, ווען איך האָב דאָס דערהערט האָב איך זיך צעלאַכט אויף אַ קול. אַזוי הויך, אַזוי לוסטיק, אַז דאָס אָנשטענדיקע דינסטמיידל האָט זיך אַזש באַרויקט. עס איז מער דאָך טאַקע קיין שום זאַך נישט פאַרלוירן געגאַנגען א חוץ אַן אילוזיע. און דאָס האָב איך איר געזאָגט. האָט זי ווידער גענומען וויינען און פרעגן, צי דאָס קאָסט זייער טייער, און צי מוז זי עס מיר אָפּקויפן? „נאָ, נאָ״, האָב איך איר געזאָגט טרייסטנדיק זי, „פאַר דעם איז קיין ערזאַץ נישטאָ, און דאָך איז דעם אַ סך בעסער, וועלכער פאַרמאָגט פון דעם וואָס ווייניקער...״ איך האָב נישט דעם גאַנצן מוט צו באַהויפּטן, אַז זי האָט מיך גאַנץ פאַרשטאַנען... און איך בין קיין קאַפּרי נישט געפאָרן, נאָר פירנדיק מיט זיך אַליין זייער מונטערע גע־שפּרעכן, בין איך געפאָרן קיין נעאַפּאָל. אָ, מיס מאַבעל! איך בין נישט בייז אויף אייך. איך פאַרלאַנג נישט פון די שיינע פרויען אַז זיי זאָלן זיין אומפּראַקטיש. איך פאַרשטיי גאַנץ גוט, אַז איר האָט זיך פון מיר צוריקגעצויגן, נאָך דעם ווי איר האָט גענומען גאַנץ גוטע אויסקונפטן וועגן מיינע פאַרהעלטענישן. אָבער אויף

וויפל זענט איר און אייערע מענטשן בעסער, פון דעם פון סאָלדאָ באַגייסטערטן פעבל אין אַמאַלפי, פון וועלכן איר האָט אַזאַ עקל? אויף וויפל, מיס מאַבעל?...

מיין ערשטער גאַנג אין נעאַפּאָל איז געווען צו מאַדאַמידזשעלא טערעסינא. מען האָט מיך נישט אַריינגעלאָזט. איר דינסט־מיידל האָט זיך פאַרטרוילעך צו־געלייגט דעם וויַזפינגער צו די ליפּן: „אַ רייכער רוס...“

און איך האָב ווידער זייער האַרציק געלאַכט און בין אַוועקגעגאַנגען. צום וווּנדערלעכן ברעג־ים. עס איז געווען אַ פרילינגס־אָוונט. בלוי־רויטע ליכט האָט זיך געוויגט אינעם גאָלף. דאָרט דער ראָזעווע־גרויער וואָלקן קאַפּרי. נאָך אַמאָל האָבן אין מיין געדאַנק אַדורכגעשוועבט די בילדער פון די אויסגעפּולטע טעג. איך האָב געהאַט דאָס געפיל, אַז איך האָב אַדורכגעלעבט עפּעס אַזוינס, וואָס מען קען קיינמאָל נישט פאַרגעסן. קיין באַנאַלער ליבעס־חלום האָט דאָס נישט געקענט זיין. וואָס דען? עפּעס גרעסערס! אהא, עס איז מיר פלוצלונג געקומען צום באַ־וווסטזיין... יאָ, דער מאַרק־פּלאַץ פון אַמאַלפי איז די וועלט. און דער מיאוסער אויפשטאַנד איז דאָס לעבן...“.

(1888)

קילבבערג און זיין געשוועסטערקינד

קילכבערג און זיין געשוועסטערקינד מאַרטין זענען געבוירן געוואָרן אין דער זעלבער שטאָט און זענען דאָרט צוזאַמען אויסגעוואַקסן. פּריצייטיק איז געשלאָסן געוואָרן אַ פריינטשאַפט־בונד צווישן אָט די ביידע וועלכע האָבן דאָס גאַנצע לעבן געדאַרפט האָבן חברלעכע באַציִונגען צווישן זיך. דאָס איז געווען מער אַ קירבות פון אויסוואַל ווי אַ בלוט־קרובהשאַפט, כאָטש קילכבערג און זיין געשוועסטערקינד זענען געווען אַזעלכע שטאַרקע קרובים, ווי מען טרעפט דאָס זעלטן. זיי זענען געווען די זין פון צווילינגס־שוועסטער, וועלכע האָבן אין דעם זעלבן טאָג חתונה געהאַט מיט די עלטערע צווילינגס־ברידער קילכבערג.

ביי די צוויי יִינגלעך, קילכבערג און זיין געשוועסטערקינד מאַרטין איז אַלץ געווען געמיינזאַם, זייער בלוט, און זייער נאָמען, זייער יוגנט און דערציִונג. זיי זענען צוזאַמען געגאַנגען אין שולע און צוזאַמען געלייקנט, ווען זיי זענען נישט געווען אין שולע; איינער איז נישט אַריבערגעקראָכן דעם שכנס פלויט אָן דעם אַנדערן, ווען די עפּל האָבן געלאַכט צווישן די בלעטער און האָבן געוואַרט מען זאָל זיי גנבענען, און מיט אַלעמען האָבן זיי זיך געטיילט ברידערלעך. מען האָט זיי שוין פּריצייטיק אָנגעהויבן רופן די צווילינגס־געשוועסטערקינדער. ווען קילכבערג האָט ביים גרויסן שטיין־הויפן פאַר דער שטאָט גערויכערט דעם ערשטן פּאַפּיראָס האָט אים מאַרטין געהאַלטן דעם קאָפּ. ווען מאַרטין האָט געהאַט זיין ערשטע ליבע האָט אים קילכבערג אַרויסגעוויזן אַן ענלעכן דינסט, ווייל ער האָט זיך געלאָזט פאַרלייענען מאַרטינס געדיכטן. די סימפּאַטיע פון די יִינגלשע יאָרן האָט דערגרייכט איר העכסטן פּונקט, ווען קילכבערג איז צוזאַמען מיט זיין געשוועסטערקינד דורכגעפאַלן ביי דעם מאַטורע־עקזאַמען. לויט די לעגענדע דערציילט, האָט זיך צוליב פריינטשאַפט איינער פאַרן אַנדערן ביי דער דאָזיקער געלעגנהייט מקריב געווען. קילכבערגס פאָטער איז ביי אָט דער שרעקלעכער ידיעה אַ צעוויטיקטער אַוועקגעלאָפן צו מאַרטינס פאָטער און האָט מיט אַ געיאָמער געזאָגט: „שטעל דיר נאָר פאָר, מיין זון איז דורכגעפאַלן ביים עקזאַמען!“ „טרייסט זיך, מיינער אויך!“

וועלכער פון די ביידע איז צוליב גרויסמוטיקייט דורכגעפאַלן ביי דעם עקזאַמען, האָט מען מיט אַ פולער היסטאָרישער פאַרלעסלעכקייט נישט געקענט

פעסטשטעלן. אין די בייזוויליקע ווינקעלעך פון דער משפּחה — ווי געוויינלעך איז אין יעדער פאַמיליע פאַראַן אַזאַ בייזוויליק ווינקעלע, און אייניקע באַשטייען אינגאַנצן פון לויטער אַזעלכע ווינקעלעך — האָט מען דעם גאַנצן ענין מיט דעם מקריב זיין זיך געהאלטן פאַר אַ צוגעטראַכטער מעשה; פאַר די טאַטעס אָבער, איז דאָס געווען אַ טרייסט, אַז דעם ברודערס זון איז אויך נישט בעסער.ביידע האָבן אָפּט שמועסנדיק געגעבן אָנצוהערענישן, אַז זיין זון האָט צוליב יוגנטלעכן צאַרט־געפיל נישט געוואָלט פאַרשעמען זיין געשוועסטערקינד. קילכבערג און זיין געשוועסטערקינד זענען באַפרייט געוואָרן פון די קאָפּברעכענישן מיטן לערנען און זיי האָבן זיך גענומען צו מסחר. זייער פריינטשאַפטס־בונד האָט אונטער דעם, פאַרשטייט זיך גאָרנישט געליטן. אָנשטאָט טוקעדידעסן שלעכט צו פאַרשטיין, האָבן זיי זיך בעסער פאַרטיפט אין די סודות פון דער דאָפּלטער בוך־פירונג און זיי האָבן זיך אויסגעלערנט דעם סטיל פון שרייבן געשעפטסבריוו, וועלכע הייבן זיך אָן מיט דעם באַקאַנטן „באַציִענדיק זיך צו אייער חשובן שרייבן פון דעם און דעם״ און ענדיקן זיך „נישט האָבנדיק מער קיין וויכטיקס שליס איך מיט דרך־ארץ״. זיי זענען געוואָרן צוויי טיכטיקע סוחרים, זיי האָבן זיך גאָר גיך אַריינגעלעבט אין דער רוטין און זענען לאַנגזאַם געוואָרן רעספּעקטאַבל.

גאַנץ גלייך זענען זיי שוין אָבער נישט געווען. קילכבערג איז געווען דער וויכטיקערער פון ביידע. ער האָט געהאַט געוואַגטערע אידייען, און ער האָט אויך דער ערשטער דערפון געחלומט, צו ווערן זעלבסטשטענדיק און צו מאַכן אַזעלכע אונטערנעמונגען, אַז די גאַנצע שטאָט זאָל שטוינען. מאַרטין איז אָבער געווען דער סאָלידערער אויסרעכענער. ער האָט קיין פוס נישט געשטעלט ביז ער האָט פריִער נישט באַרעכנט וואָס פאַר אַ קאָנסעקווענצן דער שריט קאָן האָבן. אָבער פונדעסטוועגן האָבן זיי נאָך פולשטענדיק האַרמאָנירט צווישן זיך. זיי האָבן איצט פּונקט ווי פריִער וועגן אַלץ געהאַט אַ געדאַנקען־אויסטויש, וועלכער האָט זיך איצט שטענדיק מער אויסגעדריקט אין ציפערן. זיי האָבן צווישן זיך אָפּגעמאַכט, אַז זיי וועלן זיך אין דער פּאַסיקער צייט צוזאַמען עטאַבלירן אַ געשעפט. וועגן דער צוקונפטיקער פירמע האָט מען זיך אַ ביסל געקריגט. מאַרטין האָט ווי געוויינלעך, לויט זיין כאַראַקטער, געוואָלט אַז עס זאָל זיין עפּעס איינפאַכס נישט אויפפאַלנדיקס. ווי למשל, „קילכבערג עט קאָמפּ.״ דער אַנדערער אָבער האָט געוואָלט אַן אָריגינעלן שילד, ווי „קילכבערג און קילכבערג״, אָדער אפשר „קילכבערג און געשוועסטערקינד״. קעגן אָט דעם געדאַנק האָט מאַרטין זיך אַרויסגעזאָגט מיט פאַרדראָס, ווייל ער האָט הינטער דעם אַרויסגעפילט קילכבערגס פּרעטענזיע; ער, מאַרטין הייסט עס, האָט דאָ געדאַרפט זיין אַ צוטשעפּעניש, אַלס אַ שטילער שותּף האָט ער זיך געזאָלט נאָכשלעפּן. ביי „קילכבערג און קילכבערג״ איז צומינדעסטן געבליבן די פראַגע ווער עס איז דער ערשטער. ביי „קילכבערג און געשוועסטערקינ״ד זענען שוין מעגלעך געווען ספקות. בכלל האָט שוין קילכבערג דורך זיין זיכערן

אויפטרעטן אין דער געזעלשאפט דערצו איינגעווינט די מענטשן, אַז מען זאָל אים מאַרטינען קענען אַלס הער מאַרטין, אָדער דער געשוועסטערקינד מאַרטין, אָדער גאָר „דער געשוועסטערקינד“. אַזוי ווי ער זאָל נישט האָבן זיי אייגענעם ווערט. פון דער גאַנצער געזעלשאַפט און פון די ווייבער האָט זיך מאַרטין קיין סך נישט געמאַכט, כאָטש ער האָט פונקט ווי קילכבערג אויך געהאַט די אָפּזיכט חתונה צו האָבן. עס האָט אים נישט שטאַרק פאַרדראָסן, ווען ער איז אויף די הויז־בעלער אָדער ביי די פיקניקס געווען דער געשוועסטערקינד מאַרטין, עס איז אים אַפילו אויסגעקומען געמיטלעכער. אָבער אין געשעפטס־לעבן, דאָס ניין! דאָ איז ער אַליין געווען דער הער קילכבערג, צומינדעסטן אויף אַזוי פיל ווי דער אַנדערער, און ווייל ער איז געווען סאָלידער ווי דער אַנדערער, איז עס נישט אויסגעשלאָסן געווען, אַז מיט דער צייט וועט אין דער פירמע „קילכבערג און קאָמפּ.“, מאַרטין גילטן אַלס דער אייגנטלעכער קילכבערג.

ווען קילכבערג האָט זיך בעת אַ באַל באַקענט מיט דער טאָכטער פון אַ רייכן אייזן־פאַבריקאַנט און זיך אין איר פאָטערס געשעפטן פאַרליבט זענען די ענינים געווען אַזוי. קילכבערג האָט עס פאַרשטאַנען אַזוי איינצואָרדענען, אַז מען זאָל אים איינלאַדן ער זאָל קומען אין הויז אַריין. קילכבערג איז נישט געווען קיין שיינער מאַן, אָבער ער האָט געטראָגן וווּנדערשיינע קראַוואַטן ,אַזוי אַז די צאַרטע בתולה האָט זיך ביי זיך אין דער שטיל אויסגערעכנט, אַז ער וועט אויך נישט קאַרגן אויף אירע טואַלעטן. דערנאָך האָט זי זיך פאָרגעשטעלט, ווי דאָס וואָלט אויסגעזען ווען מען זאָל זי רופן פרוי קילכבערג. און אָט אויף אַזאַ מין אופן האָט זי זיך פאַרליבט אין אים. אָבער איר פאָטער האָט פריִער געוואָלט דעם יונגן־מאַן „אויספרוּוון“ ווי ער האָט עס געזאָגט. קילכבערג מוז זיך אַרויסווייזן אַלס זעלבסט־שטענדיק, און מחמת דעם האָט ער אים אָנפאַרטרויט איינעם פון זיינע דורכגעפאַלענע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען; ער האָט אים פריִער אָנפאַרטרויט דאָס אייזן פון זיין אייזן, איידער עס איז די רייד געווען אים אָנצופאַרטרויען דאָס פלייש פון זיין פלייש.

קילכבערג איז געווען אַזוי גרויסמוטיק, און געוואָלט אַריינציִען זיין געשוועסטערקינד אין דער קאָמבינאַציע פון דעם אייזערנעם טייל. עס האָט אָבער אַלנפאַלס דאָ אויך מיטגעשפּילט די אויסרעכענונג, אַז דער געשוועסטערקינד, וועט מיט זיין פעִיקייט דאָס געשעפט אינעווייניק גוט אָרגאַניזירן, און ער, דער גרעסערער קילכבערג, זייענדיק פריי פון דעם, וועט קענען דערליידיקן דעם רעפּרעזענטאַטיוון טייל פון דרויסן, און ברענגען דעם אויפשווונג פון די אונטערנעמונגען. אָבער ־ער נאַרישער געשוועסטערקינד האָט דאָ געמאַכט שוועריקייטן. מאַרטין האָט זיך בכלל געהאַלטן פאַר דערנידעריקט פון גורל, מחמת דעם וואָס קיין שום רייכע מיידל האָט נאָך נישט קיין שמייכל געטון צו אים. זאָל ער איצט אַריינגיין אין דער פירמע מיטן נאָמען „קילכבערג און געשוועסטערקינד“ אויפן גאַנצן לעבן

אַלס צווייטער שותף, אַלס געשוועסטערקינד. דאָס האָט אים שוין זיין שטאָלץ נישט דערלאָזט. קילכבערג, פאַרשטייט זיך, האָט זיך אין דעם נישט געוואָלט מודה זיין. וועמען האָט געהערט דאָס אייזערנע מיידל, אויף וועמען עס האָט זיך באַזירט דער דורכפאַל, אַזוי צו זאָגן? אים! נו, אַזוי איז עס. פון אַ פולשטענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג האָט דאָך אונטער די אומשטענדן קיין רייד נישט געקענט זיין. עס איז אַזוי אין לעבן. איינער איז מער, האָט ער מער ווי דער אַנדערער. מיט דעם מוז מען זיך איינפאַרשטיין, און אָננעמען אַזאַ קרובישן, אָדער אַפילו ברידערלעכן אָנבאָט.

„איך וויל אָבער גאָרנישט וויסן פון דיין גרויסמוטיקייט״, האָט געשריגן מאַרטין, אין וועמען עס האָט דערוואַכט דאָס פאָרגעפיל פון קלאַסן־אונטערשייד. „גלייך און גלייך אָדער גאָרנישט!״

„מיין ליבער מאַרטין״, האָט קילכבערג דערויף געענטפערט, מיט איבערלעגנהייט. „גלייך און גלייך איז אויף דער וועלט נישטאָ. ווייל אפילו נישט מיר. די וואָס שטאַמען פון גלייכע עלטערן, און די וואָס האָבן די זעלבע זכרונות, די זעלבע אַנשויאונגען, די זעלבע ווונטשן, זענען נישט און קענען קיינמאָל נישט זיין גלייך. פון דעם אונטערשייד פון אונדזערע איינגעבוירענע אייגנשאַפטן וואַקסט אַרויס די פאַרשיידנקייט פון אונדזערע פאַרהעלטענישן. דאָס וועסטו דאָס מסתמא נישט לייקענען, ווייל דאָס דריקט זיך אויס אין דעם, פאַר וועלכן דו האָסט אַזוי פיל רעספּעקט ווי איך: אין ציפערן״.

מאַרטין האָט געענטפערט מיט פאַרביטערונג: „דו רעדסט דאָך שוין מעשה באַרימער, כאָטש עס איז נאָך צו פרי. איבעריקנס זע איך שוין פון דעם אַלעמען אַרויס וואָס פאַר אַ ראָל דו ווילסט מיר צוטיילן. איך וועל בעסער דינען ביי פרעמדע מענטשן, איידער זיין אַ נאָכשלעפּער ביי דיר, דו, וועלכער וועסט זיין נישט מער ווי דער מאַן פון דיין פרוי״.

„די ווערטער וועסטו צוריקציִען״, האָט קילכבערג געפאָדערט.

„די ווערטער וועל איך נישט צוריקציִען״, האָט מאַרטין געזאָגט, און איז צופרידן געווען, וואָס ער האָט געפונען אַ וואָרט אַזאַ, וואָס האָט געקענט מאַכן אַ ווונד, ווייל פון זייט דער געשיכטע מיט דער אייזערנער דאַמע איז ער אינגאַנצן צעפרעסן געוואָרן פון קנאה.

„ווייל איך דיך מער נישט קענען״, האָט קילכבערג געזאָגט.

און מאַרטין האָט געענטפערט: „אָט אַזוי, דו באַהאַנדלסט מיך שוין ווי אַן אָרעמען קרוב״.

זיי זענען זיך צעגאַנגען. די קריגעריי איז אַפילו נישט אַזוי גרדיס געווען. אַלס קינדער האָבן זיי זיך אַ סך מאָל געשלאָגן, אַלס יינגלעך זיך אָפט מאָל ברידערלעך געזידלט אַלס מענער נישט איינמאָל זיך געשפּאַרט. און זיי האָבן זיך שטענדיק לייכט און באַלד איבערגעבעטן. דאָס מאָל איז אָבער אַזוי נישט געווען.

יעדער איינער פון זיי האָט געוואָרט, אַז דער אַנדערער זאָל ווייכער ווערן. קיינער האָט נישט געוואָלט מאַכן דעם ערשטן שריט. קילכבערג האָט נישט געוואָלט, ווייל עס איז אים בעסער געגאַנגען; זיין געשוועסטערקינד האָט נישט געוואָלט, ווייל עס איז אים ערגער געגאַנגען. קילכבערג האָט זיך איינגעאָרדנט און גאַנץ פשוט אָוועקגעשטעלט די פירמע „קילכבערג“, דאָס וואָס מאַרטין האָט געהאַלטן פאַר אַ פּראָוואָקאַציע און פאַר אַן אויסערגעוויינלעכער רשעות. אָט אַזוי גאַנץ איינפאַך קילכבערג, אַזוי ווי עס וואָלט שוין קיין אַנדערער נישט געווען מיט דעם זעלבן נאָמען. און אַזוי איז אויך געווען אין שטאָט. מען האָט געקענט נאָר איין קילכבערג. עס האָט זיך פונקט געמאַכט דאָס, וואָס מאַרטין האָט געוואָלט פאַרמיידן. ווער עס איז בכלל אויף אים אויפמערקזאַם געוואָרן, האָט וועגן אים נאָר גערעדט אַלס געשוועסטערקינד פון דעם איינציקן, ריכטיקן קילכבערג. און בעת דער איז גע־גאַנגען מיט גיכע שריט אַרויף, האָט געלעבט גרויס און האָט חתונה געהאַט מיט זיין אייזערנער כלה, איז מאַרטין קוים אויסגעקומען. אַזוי האָט עס וויניקסטנס אויסגעזען, ווייל ער האָט נישט מיטגעמאַכט קיין שום אונטערהאַלטן, ער האָט זיך פון אַלץ צוריקגעצויגן און אַרומגעגאַנגען אָרעם אָנגעטון.

דערווייל איז אויך דער געשוועסטערקינד שטילערהייט געוואָקסן. פון יאָר צו יאָר האָט ער זיך אויך פון זיין וואַקסנדיקן געהאַלט געמאַכט גרעסערע אָפּשפּאָ־רונגען. ער האָט געהאַט זיין פעסטן געדאַנק, וועלכן ער האָט פאַר יעדן פּרייז גע־וואָלט אַדורכפירן. נקמה נעמען. אין וועמען, פאַרוואָס? אין קילכבערגן, פאַר זיין אומפאַרדינטן גליק, וואָס האָט אים דערנידעריקט, פאַר אַלע צרות און שפיכת דמים, וועלכע זענען אַזוי צו ביסלעך אַרויסגעוואָקסן פון דעם אונטערשייד אין די פאַרהעלטענישן. ווייל קיין שום שנאה איז נישט אַזוי ברענענדיק, ווי די שנאה פון אָרעמערע קרובים, אפילו ווען מען האָט זיי נישט אויפגערייצט דורך טון זיי טובות.

עס זענען אַזוי אַדורך אַ פינף יאָר, זייט די צווילינג־געשוועסטערקינדער האָבן זיך צעקריגט. מאַרטין איז ענדלעך פאַרטיק געוואָרן מיט זיין שפּאָרן און מיט די מלחמה־צוגרייטונגען. ער האָט זיך אַוועקגעשטעלט אַלס קאָנקורענט פון זיין גע־שוועסטערקינד און האָט אויף זיין שילד אָוועקגעשטעלט אַלס געשעפטס־נאָמען מאַר־טין קילכבערג. מאַרטין אונטערגעשטראָכן, מאַרטין האָט ער אומעטום אַרויסגע־הויבן, ווי ער וואָלט וועלן שטילערהייט וואָרענען, מען זאָל אים נישט פאַרבייטן מיט דעם אַנדערן קילכבערגן, וועלכן עס האָט אין דער צייט אגב אָנגעהויבן שלעכט צו גיין. ער האָט זיין הויז צו גרויס געפירט, דערביי האָט ער אונטערנענומען זייער גע־וואַגטע געשעפטן, ביז עס האָט זיך ביי אים געמאַכט אַ שטאָקונג, און ווען נישט זיין ווייבס פאַטער, וואָלט ער געווען אינגאַנצן צוזאַמענגעבראָכן. אָבער דער פּרעס־טיזש פון דעם הויז קילכבערג האָט זיך געענדיקט, בעת מאַרטינס שטערן האָט אָנגעהויבן צו לייכטן. קילכבערג איז געווען גענייגט צו גלייבן, אַז מאַרטין איז

שולדיק אין זיין מפלה, און אויב ער האָט זיין באַגרענעצטן געשוועסטערקינד ביז איצט באַהאַנדלט און געקוקט אויף אים פון אויבן אַראָפּ, האָט ער אים איצט פון דער טיפקייט ווי ער איז אַראָפּגעזונקען אָנגעהויבן האַסן. ווען זיי פלעגן פאַרביי גיין איינער לעבן אַנדערן פלעגן זיי זיך צוואָרפן בליקן ווי פאַרסמטע שפּיזן. דער אונטערשייד פון זייערע פאַרהעלטענישן האָט זיי איצט נאָך ערגער געקאָנט אויפ־רייצן, ווייל עס האָט איצט געטראָפן דעם אַנדערן. קילכבערג איז אַלעמאָל אָרע־מער געוואָרן, בעת זיין געשוועסטערקינד איז פון טאָג צו טאָג רייכער געוואָרן. אין שטאָט אָבער איז עס געוואָרן אַ שפּריכוואָרט, אַז מען האָט געוואָלט באַצייכענען שנאה אויף טויט צווישן צוויי מענטשן האָט מען געזאָגט: זיי האַסן זיך ווי קילכבערג מיט זיין געשוועסטערקינד.

אין עטלעכע יאָר אַרום איז ווידער איינגעטרעטן אַן ענדערונג. עס איז גע־שטאָרבן קילכבערגס שווער און האָט איבערגעלאָזט אַן אומדערוואַרט גרויס פאַר־מעגן, וועלכעס ער האָט געהאַט פאַרשוויגן צוליב דעם געוואַגטן אונטערנעמונגס־גייסט פון זיין איידעם.

איצט איז קילכבערג ווידער אויפגעריכט געוואָרן און ער האָט געוואָלט אין זיין געשוועסטערקינד די לאַנג־געוואָרעמטע נקמה נעמען. איצט זאָל די שטאָט זען ווער עס איז דער אייגנטלעכער קילכבערג. אָבער ער איז איצט צוגעגאַנגען צו דעם ענין נישט אַזוי אומפּאָרזיכטיק ווי אין זיינע יונגע יאָרן, קילכבערג האָט פון זיין עליה און פון זיין ירידה עפּעס געלערנט. ער איז געבליבן דער נישט איבערגעשראָקענער, אָבער שוין פאָרזיכטיקער. און עס האָט זיך צעפלאַקערט אַ מעכטיקער געוועט־קאַמף צווישן די צוויי צאָרנדיקע געשוועסטערקינדער. איז קילכבערג ביי זיין גאַנצער מוטיקייט באַזאָכטער געוואָרן, האָט זיך אין זיין גע־שוועסטערקינד דערוועקט אַן אויסערגעוויינלעכע געוואַגטקייט. דאָס איז געווען אַ קאַמף, ווי מען האָט אים נאָך קיינמאָל אין שטאָט נישט געזען און אויך נישט אין לאַנד. די פאַרפיינדטע געשוועסטערקינדער האָבן זיך באַקעמפט אויף אַ פאַנ־טאַסטישן אופן. די גאַנצע לעבנס־ענערגיע זייערע האָבן זיי אַריינגעלייגט אין דעם קאַמף, צו באַזיגן דעם קאָנקורענט. זיי האָבן דערצו אָנגעווענדט ביטערקייט און ריקזיכטסלאָזיקייט אָן אַ סוף. קיינער פון זיי האָט נישט געוווסט פון קיין אָפּרו און פון קיין שום פרייד. דער גאַנצער כוח זייערער איז געווען איינגעשפּאַנט אין אָט דעם געיעג. אין זייערע קרייזן איז דערפון אַרויסגעקומען אַ ניי שפּריכוואָרט. ווען מען האָט געוואָלט שילדערן צוויי צעווילדעוועטע וועט־קעמפער האָט מען אויף זיי געזאָגט: זיי מאַכן איינער דעם אַנדערן קאָנקורענץ ווי קילכבערג און זיין געשוועסטערקינד.

אָבער קיינער פון זיי איז נישט אַרויס מיט קיין נצחון, אָדער בעסער געזאָגט ביידע, ווייל ביידע זענען שטאַרקער געוואָרן אין דעם דאָזיקן קאַמף, וועלכער האָט זיי געצוווּנגען אָנצווענדן די העכסטע שאַרפזיניקייט, און די לעצטע ווילנס־

קראַפט. זיי זענען ביידע זייער רייך געוואָרן, און עס איז שוין אַפילו נישט געווען קיין גרויסער אונטערשייד אין זייערע פאַרמעגנס. און זיי האָבן דאָס געוווסט, ווייל זיי האָבן איינער ביים אַנדערן אַלץ אויסגעשפּיאָנירט, אַזוי ווי איפּערזיכטיקע רעגירונגען. עס איז געווען אַ צייט, ווען זיי זענען ביידע געשטאַנען אויף דער זעלבער מדרגה, סיי אין אָנזען, סיי אין רייכקייט. און אַזוי ווי עס איז געווען אין אָנהייב פון זייער לעבן, אַזוי איז עס ווידער געוואָרן. די צווילינג־געשוועסטערקינדער זענען געווען אין אַ צווילינג־סיטואַציע, איינעמס פאַרהעלטענישן זענען געווען אַזוי גליקלעך ווי דעם צווייטנס. די סיבות פון שנאה זענען פון לאַנג שוין פאַרשוווּנדן געוואָרן, קיין איינער פון זיי איז נישט געווען העכער פון דעם אַנדערן און איינער דעם אַנדערן האָט נישט געדאַרפט מקנא זיין. עס איז סוף כל סוף געקומען דער מאָמענט פון איבערבעטן זיך. עס האָבן זיך באַמיט אַ סך פריינט, וועלכע פעלן געוויינטלעך נישט אויס ביי רייכע מענטשן, די געלט־מאַגנאַטן איבערצובעטן. אָבער אויף אַזעלכע באַמיִונגען פלעגט קילכבערג שטענדיק ענטפערן: „נאָר דעמאָלט ווען ער וועט קומען בעטלען צו מיר!" און דער געשוועסטערקינד זיינער פלעגט ענטפערן: „נאָר דעמאָלט ווען ער וועט האָבן אַ מפּלה!"

זיי האָבן זיך שוין געהאַט איינגעוווינט צו האַסן איינער דעם אַנדערן נישט געמענדיק אין באַטראַכט אַוועלכן עס איז בייט פון זייער גורל. עס וואָלט זיך בכלל קיינמאָל נישט געווען געענדערט, ווען נישט קילכבערגס גרויסער אויפטו.

קילכבערג, וועלכער איז שטענדיק געווען גענייגט צו גיגאַנטישקייט, איז ווען ער איז שוין געווען אויף דער עלטער, און האָט זיך געפונען אויף דער העכסטער הויך פון זיינע דערפאָלגן, געקומען אויף אַ נייעם געדאַנק, צו שאַפן אַ קרייז פון פּראָדוצענטן, לויט דעם אַמעריקאַנישן אופן. אַזוי ווי זיין געשוועסטערקינד איז פון דעם געוווּיר געוואָרן האָט ער אָנגעהויבן צו אַרבעטן קעגן אים. דער געפעכט איז ווידער געווען אין פולן גאַנג. דאָס וואָס זיי האָבן ביז איצט געטון אין זייער קאַמף איז געווען אַ קינדערשפּיל לגבי דעם וואָס זיי האָבן איצט אָנגעווענדט אין זייער קריג. עס איז געווען אַזאַ מלחמה, וועלכע עס וועט נאָר קענען שילדערן אַ באַרופענע פעדער פון דער אייזן־בראַנזשע. בקיצור, דער גאַנצער אייזן־מאַרק האָט אויפגעציטערט אונטער די קלעפּ, וואָס קילכבערג און זיין געשוועסטערקינד האָבן זיך דערלאַנגט. מאַרטין האָט אויפן פּינקטלעכן אופן באַרעכנט דעם קעגנערס כוחות, איידער ער האָט דעם קאַמף אָנגעהויבן, און ער איז זיכער געווען, אַז ער וועט דעם קרייז פון פּראָדוצענטן שפּאַלטן. אך וואָס פאַר אַ טריומף! אָבער ניין, צום ערשטן מאָל האָט זיך דער געשוועסטערקינד פאַררעכנט. קילכבערג האָט דורך פאַרשיידענע קאָמבינאַציעס אַרויסבאַקומען אַ סך מיטלען, ווי מען האָט זיך דאָס געקענט פאָרשטעלן, און דער געשוועסטערקינד איז דאָס מאָל דורכגעפאַלן. ער האָט געקעמפט מיט אַלע כוחות און אַלע מיטלען; עס האָט אים גאָרנישט געהאָלפן, ער איז פאַרניכטעט געוואָרן. אָבער באַלד נאָך אים האָט אַ גרעסערער כוח פון

אים זיך פּאַרמאָסטן קעגן קילכבערגס קרייז און דאָ איז אויך ער מיט שאַנד און שפּאָט געפאַלן. קילכבערג און זיין געשוועסטערקינד זענען ביידע געוואָרן בעט־לערס.

און דאָ איז פּאָרגעקומען דאָס וווּנדערבאַרע. קיינער האָט זיך גאָרנישט באַמיט וועגן דעם, די אַלטע, דעקלאַסירטע אָרעמע שונאים איבערצובעטן. נו, טאַקע ווען איז דאָס אָנגעגאַנגען צי קילכבערג מיט זיין געשוועסטערקינד האָבן זיך איצט געגעבן די ליידיקע הענט, און פונדעסטוועגן זענען זיי זיך ווידער צוזאַמענ־געקומען. דאָס איז געשען נאָך דעם ווי זיי האָבן שוין עטלעכע יאָר געלעבט אין אָרעמקייט. זיי האָבן פריִער זייערע פּנימער אויף דער ליכטיקער שיין נישט באַוויזן, אָט אַזוי ווי אַלע מענטשן, וואָס ווערן יורדים. דערנאָך האָבן זיי באַמערקט, אַז קיינער אינטערעסירט זיך נישט מיט זיי. האָבן זיי זיך לאַנגזאַם אַרויסגעשליכט, און פלעגן פאַרברענגען זייערע אַרבעטסלאָזע טעג אַריינקוקנדיק אין די שויפּענצטער אָדער מיט אַנדערע פאַרווײַלונגען, וואָס קאָסטן קיין געלט נישט. אַזוי זענען זיי אויך צופעליק געקומען צו אַ פאַלקספאַרזאַמלונג, אויף וועלכער מען האָט זייער אַ סך גערעדט וועגן ברידערלעכקייט. די דאָזיקע ווערטער זענען זיי שטאַרק געפעלן געוואָרן, און אַזוי ווי אויף אַ צייכן האָט איינער אויף דעם אַנדערן אַ קוק געטון פון דער ווייטן, אָבער נישט מיט שנאה, נאָר מער מיט אַ פאָרוווּרף און פאַרשעמט. ביים אַרויסגאַנג האָבן זיי זיך ביידע צוזאַמענגעטראָפן, און אַזוי ווי זיי זאָלן זיך האָבן אָפּגערעדט, זענען זיי געגאַנגען זייט ביי זייט. זיי זענען געגאַנגען, נישט רײדנדיק קיין וואָרט, ווייל זיי האָבן שוין אַזוי לאַנג נישט גערעדט צווישן זיך, אַז זיי האָבן זיך נישט געוווּסט וואָס צו זאָגן. זיי האָבן נאָר געפילט, אַז זיי זענען ווידער גוט איינער מיטן אַנדערן, אַז זיי זענען פריינט, מער ווי פריינט, די צווילינג־געשוועסטערקינדער פון אַמאָל.

קילכבערג, וועלכער איז ווי שטענדיק געווען דער שטאַרקערער, האָט אָנגע־הויבן, דעם געשפּרעך, וועגן דעם וואָס ער האָט נאָר וואָס געהערט אויף דער פאַרזאַמלונג:

„דער רעדנער האָט אַרויסגעזאָגט אַ סך אמתן״.

„יאָ״, האָט געזאָגט מאַרטין, אַזוי נאָכגיביק ווי אַמאָל אין די אַלטע צייטן, „יאָ אַ סך אמתן״.

„מיר זענען ברידער און מיר האָבן שטענדיק געדאַרפט בלייבן ברידער״, האָט קילכבערג ווייטער געזאָגט. „האָסטו נישט אויך די זעלבע מיינונג?״

„יאָ, איך האָב אויך אינגאַנצן די זעלבע מיינונג״, האָט דער געשוועסטערקינד געענטפערט. „אָבער — נעם עס מיר נישט פאַריבל — איך גלויב, אַז אמתע ברידערלעכקייט האָבן מיר נאָר דעמאָלט, ווען מיר האָבן נישט עפּעס אַנדערש״.

(1899)

די היילונג פון מרה־שחורה

אין פּאָדערצימער פון דעם באַרימטן דאָקטאָר זענען געשטאַנען צוויי נעגער, אומבאַוועגלעך, ווי פון האָלץ אויסגעשניצט און אָנגעטון אין בונטפּאַרבענע ליווי־רעס. אַן אויסערגעוויינלעך קאָרעקטער קאַמערדינער, וועלכער האָט אויסגעזען ווי אַ מאַרקיז, האָט געהאָלפן אויסטון דעם מאַנטל אַ יונגנמאַן, וואָס איז נאָר וואָס אַריינגעקומען. דער דאָזיקער קאַמערדינער איז טאַקע געווען אַן אמתדיקער מאַרקיז, אַן אַמאָליקער פּאַריזער סאַלאָן לייב, וועלכער האָט זיך נישט דערשלאָגן נאָך דעם ווי ער איז דורך אַ גורל־וואַרפן אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דעם קעניג־לעכן קרייז, נאָר ער האָט אויסגעוואַנדערט, און איז לויט דעם געזונטן אינסטינקט פון אַ לעבעדיקן הונט געוואָרן אַ קאַמער־דינער. דער מאַרקיז האָט דעם יונגנ־מאַנס מאַנטל איבערגעגעבן איינעם פון די נעגער, און באַלד דערויף האָט דער אַנדערער אויפגעהויבן דעם אָרעם, ווי אַ גוט אָנגעשמירטער אויטאָמאַט און האָט אים דערלאַנגט אַ נומער.

דער באַזוכער האָט מיט גרינגשעצונג געמאַכט אַ צוריקוויזערישע באַוועגונג און האָט קורץ אַ זאָג געטון:

„איך וויל נישט וואַרטן".

דער מאַרקיז האָט מיט באַדויערן אַ הויב געטון מיט די אַקסל:

„סער, אַפילו דעם פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן קען איך נישט אַנדערש געבן, ווי נאָר דעם נומער 48".

דער גאַסט האָט שווייגנדיק אַריינגעשטעקט די האַנט אין קעשענע און האָט אַרויסגענומען אַ פולע האַנט מיט דאָלאַרן.

„אַך, אַזוי". — האָט אַ שעפּטשע געטון דער מאַרקיז און האָט אונטערטעניק אַ צי געטון מיטן מויל, ווי ער פלעג עס אַמאָל זען ביי זיין אייגענעם קאַמערדינער. (אָט דאָס זענען אַגב די מעלות פון אַ גוטער אָפּשטאַמונג, וועלכע פאַרלירן זיך נישט).

אין אַ מינוט אַרום איז שוין דער אומגעדולדיקער גאַסט געשטאַנען אין ביבליאָטעק־צימער פון דעם באַרימטן דאָקטאָר באָאַסטער. אָ, אָבער נאָך נישט אין דעם קדשי קדשים פון דעם אָרדינער־צימער. אַזוי גיך גייט דאָס נישט. אַ פּאַציענט, וואָס מוז נישט וואַרטן קען נישט האָבן קיין צוטרוי צו זיין דאָקטאָר.

באַאָסטער, וועלכער האָט אַזוי אַלצדינג געוווסט האָט דאָס נישט געזאָלט וויסן? פאַרשטייט זיך, אַז דער שטרענגער קליענט, וועלכן דער קאַמערדינער האָט באַלד אַלס אַזעלכן דערקענט איז אין דעם גרויסן אויפנעם־סאַלאָן נישט אַריינגעפירט געוואָרן. דאָס טיף ערנסטע ביבליאָטעק־צימער אָן אַ שום בילד אין וועלכן מען האָט געפילט דעם ריח פון דורכגעוואַכטע נעכטע ביים שטודירן, איז געווען דערצו באַשטימט אַנצוואַרפן אַ פּחד אויף די וואַרטנדיקע, וועלכע האָבן געצאָלט אַ גרויסן האָנאָראַר. גרויסע לאַטיינישע, קיינמאָל נישט געלייענטע ביכער אומעטום. ביכער, ביכער אין טונקעלע איינבינדן ווו נישט ווו איבערגעריסן דורך דעם פריינטלעכן גלאַנץ פון אַ מענטשן־סקעלעט, אָדער אַ סקעלעט פון אַ חיה. דאָ און דאָרט האָבן אויך געגלאַנצט שאַרף געשליפענע שטאָלענע אינסטרומענטן. ווייל קיין שום ראַפינירטקייט פון שאַרלאַטאַנסטווע איז באַאָסטערן נישט פרעמד געווען. און דאָך איז ער געווען אַ גרויסער דאָקטאָר. ער האָט געקענט דעם מענטשן.

דער איצטיקער באַזוכער האָט זיך וויניק וואָס אינטערעסירט מיט די אויסגעקליגלטע צוגרייטונגען, ער האָט גלייכגילטיק אַרומגעשפּאַנט איבערן צימער אַהין און צוריק. עס האָט זיך באַלד געעפנט די טאַפּעצירטע טיר פון דעם אָרדינירן־צימער.

„זייט אַזוי גוט, מיין הערר!״ האָט אַ זאָג געטון דער דאָקטאָר באַאָסטער.

און זיי זענען איצט געזעסן איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. באַאָסטער מיטן רוקן צום פענצטער, בעת דאָס פולע ליכט איז געפאַלן אויף דעם מיט אַ געדיכטער באָרד אַרומגעבערעמטן פּנים מיט רויטע באַקן פון דעם פּאַציענט. און דער דאָזיקער האָט אָנגעהויבן ריידן:

„דאָקטאָר, ווען איר זאָלט מיר העלפן, וואָלט איך אייך באַצאָלט אַ האָנאָראַר פון צען טויזנט דאָלער״.

באַאָסטער האָט אויפגעהויבן די האַנט, אַזוי ווי ער זאָל דאָס וועלן צוריקווייזן. די אויסערגעוויינלעכע נאָבעלע באַוועגונג האָט געקענט באַדייטן: „איך העלף יעדן ליידנדיקן, צי ער איז רייך צי וויניקער רייך״; אָדער, האָט זי געקענט מיינען: „איך האָב שוין באַקומען גרעסערע האָנאָראַרן״. ער האָט זיך דערנאָך אָנגעלענט אין זיין שטול, האָט פאַרמאַכט די אויגן און האָט געפרעגט:

„וואָס פעלט אייך?״

„גאָרנישט!״

„אהא!״ באַאָסטער האָט דעם פרעמדן שאַרף אָנגעקוקט. אַ נאַר אָדער אַ לץ. נייַן. יענער האָט דעם בליק רויק אויסגעהאַלטן. און דער באַרימטער היילקינסטלער האָט גוטמוטיק אַ זאָג געטון:

„דערקלערט מיר אַלץ דייטלעכער. אָבער קורץ!״

„גאַנץ קורץ דאָקטאָר! איך וועל אייך דערציילן מיין לעבנס־געשיכטע״.

„איר זענט חסר דעה?... אין סאַלאָן וואַרטן זיבן און פערציק מענטשן״.

„דערלויבט מיר פינף מינוט — עס וועט איך אויסקומען צוויי טויזנט דאָלער אַ מינוט. איך גלויב אַז צייט איז נאָך קיינמאָל אַזוי פיל געלט נישט געווען".

דער דאָקטאָר האָט אַרויסגענומען זיין זייגער:

„רעדט!"

„ווען איך בין געבוירן געוואָרן האָט מיין פאָטער שוין געהאַט זיין ערשטן מיליאָן גאַנץ. ער האָט עס פאַרדינט אין הויזן־טרעגער.

„אין הויזן־טר...?"

„יאָ, אַ דערפינדונג. איר קענט אפשר די ווינדאַל ברעסעס?"

„איך אַליין טראָג זיי".

„איך בין דזשאַן הבקוק ווינדאַל — דעם דערפינדערס זון".

דער דאָקטאָר האָט באַהאַלטן דעם זייגער.

„מיט אָט דעם מיליאָן איז מיין פאָטער אַוועק קיין טשיקאַגאָ און האָט דאָרט אָנגעהויבן צו האַנדלען חזירים ביז משוגעת. מיין פאָטער איז דערביי רייך געוואָרן אויף דרייסיק מיליאָנען. און ווען ער האָט שוין געהאַט דערגרייכט אָט דאָס גרויסע געלט געוויכט, איז ער געשטאָרבן. איך בין געווען זיין איינציקער יורש".

„פיין!... אָבער אויב איך מאַכט דאָס נישט אויס, וועלן מיר איצט ריידן וועגן אייער קרענק, מיסטער ווינדאַל."

„מיר האַלטן פונקט דערביי. איך בין אַלט דרייסיק יאָר, איך בין אַ בחור, רייך, פולשטענדיק געזונט — קערפּערלעך צומינדעסט. פונדעסטוועגן איז פאַר מיר דאָס לעבן געוואָרן אַ שרעקלעכע לאַסט. מיט מי שלעפּ איך מיך אַריבער פון איין טאָג צום צווייטן. אַלץ איז מיר עקלדיק פאַרהאַסט. איך לאַנגווייליק זיך, ווי צוויי הונדערט בריטישע לאָרדן צוזאַמען גענומען... אַ קיצור: מרה שחורה. ספּלין!..."

„אויב איר האָט אַ מיטל קעגן דעם זאָגט עס מיר. אויב איר האָט עס נישט, טאָ גיט מיר דעם שמערצלאָזנדיקסטן אופן פון שטאַרבן."

„יאָ, מיין ליבער ווינדאַל, איך מוז קודם הערן וואָס איר האָט שוין געפּרוווט טון דערצו. איך שטעל מיר פאָר אַז איר האָט שוין געפּרוווט טון פאַרשיידענע זאַכן, איידער איר זענט געקומען צו מיר".

„יאָ, איר שטעלט זיך פאָר זייער ריכטיק. איך האָב שוין אַלץ געפּרוווט. נסיעות, סכנות, יאַגד, שפּיל, ווייַן, ווייבער".

„וואָס פאַר אַ ווייבער?"

„אַלע מינים, אַלע פאַרבן, אַלע מאָסן, אַלע נאַציאָנאַליטעטן".

„איר האָט געזאָגט, אַז איר זינט נישט קיין פאַרהייראַטער. זענט איר דאָס שטענדיק געווען?"

„עס איז געווען אַ צייט, ווען איך בין געווען פאַרלאָבט. מיט אַ הערלעכער באַשעפעניש: מיט ליליאַן סליד, אַ טאָכטער פון דעם פערד־דעקן־באַראָן סליד.

זי האָט ליב געהאַט טאַקע מיך אַליין, ווייל זי איז שווערער מיט אַ זעקס אָדער אַכט מילידנען פון מיר. זי האָט אָפּגעזאָגט איינעם פון די יונגע וואַנדערבילד, וועלכער האָט זיך באַמיט וועגן איר. מיך אָבער האָט זי פאַרגעטערט. איך האָב זי איבערגעלאָזט.

„פאַרוואָס?״

„אַמאָל אין אַ זומער־אָוונט — מיר זענען געזעסן ביי איר אין פּאַרק, וועל־כער איז ווערט דריי מיליאָנען... מיר זענען געזעסן אויף דער שטיינערנער טע־ראַסע פאַרן שלאָס... איך האָב שוין געזאָגט, אַז עס איז געווען אין אַ זומער־אָוונט? דער נאַכטיגאַל האָט געזונגען צווישן די קוסטעס, די לופט האָט געשמעקט — די לבנה האָט געשיינט — און איך האָב פלוצלונג באַמערקט, אַז די מיס ליליאַן סמיט, מיט איר ליבע און מיט איר רייכטום אינאיינעם לאַנגווייליקט מיך שרעקלעך. איך האָב מיך אויפגעהויבן און האָב איר געזאָגט, אַז איך גיי אויף מאָרגן, צוליב אַ געוועט, אָפּפאָרן קיין אירקוטסק, אין סיביר. זי האָט דאָס זייער גוט פאַרשטאַנען. מיט אַ ליבלעכער טרויעריקייט האָט זי מיר דערלאַנגט איר ווייסע האַנט, וועלכע איך האָב צום אָפּשיד אַ קוש געטון. און איך בין אַוועק קיין אירקוטסק. ווען איך בין צוריק געקומען האָט זי נאָך נישט געהאַט חתונה געהאַט. זי האָט נאָך ביז היינט טאַקע נישט חתונה געהאַט, כאָטש זי ווייסט, אַז זי דאַרף נישט האָפן אויף מיר. זי איז מיר צו שיין, צו גוט, צו רייך — מיט איין וואָרט: צו פולקאָמען. פולקאָמענקייט איז אומדערטרעגלעך״.

„דאָס איז אַ זייער ריכטיקע מיינונג, מיסטער ווינדאַל... אָבער עס זענען אויך פאַראַנען פרויען, וועלכע האָבן פעלערן״.

„דאָס ווייס איך. און אַזעלכע וויל איך ערשט רעכט נישט״.

„ס׳איז אַ זייער ערנסטער פאַל, מיסטער ווינדאַל!... איך שטעל מיר פאָר, אַז איר האָט אויך שוין פּרובירט אַנצוווענדן פאַרשיידענע אופנים פאַר קערפּערלע־כער מידקייט״.

„יאָ, דאָס האָב איך געטון״.

„דאָס קען איך מיר פאָרשטעלן. דאָס איז די אַלטע שולע פון היילן ספּלין״.

„פאַר מיין פאַל איז דאָס אַלץ גאָרנישט, דאָקטאָר! איך האָב חדשים־לאַנג געהיט מיינע אייגענע חזרים. איך האָב אַ לענגערע צייט געאַרבעט אין אַן ענג־לישער מינע. איך האָב דערביי אַנגעהויבן צו הוסטן, אָבער איך האָב מיך דאָך געלאַנגווײַלט. דאָס וואָס אַלע מענער פאַרשאַפט פרייד, מאַכט אויף מיר נישט קיין שום ווירקונג. אָט האָב איך צום ביישפּיל געשפּילט ביי אַ קריקעט־מאַטש צווישן אַמעריקע און אויסטראַליע, איך האָב געדאַרפט קעמפן פאַרן כבוד פון מיין פאָן. האָב איך דערביי געהאַט דאָס אומגליק צו שעדיקן מיין פאָטערלאַנד אויף פיר פונקטן. און דאָס איז פאָרגעקומען אָט אַזוי: איך האָב געהאַלטן אינמיטן געניצן פון טיפסטן האַרצן, ווען מען האָט פלוצלונג אַ שליידער געטון דעם באַלעם.

און ער איז מיר פונקט אַריינגעפלויגן אין אָפּענעם מויל אַריין. ביז איך האָב אַרויסגעשלעפּט פון באַלעם וועלכער איז געווען איינגעקלעמט צווישן מיינע קינ־באַקן, האָט מען פאַרלוירן פיר פונקטן... איך זאָג אייך, דאָקטאָר, אַז איך האָב די שוואַרצסטע פּאַרעם פון מרה־שחורה, פון ספּלין, וועלכע עס האָט ווען עס איז געהאַט אַן ענגליש ריידנדיקער מענטש..."

„מסכים, ווינדאַל, מסכים".

„צוליב פולשטענדיקייט וויל איך נאָך דערמאָנען, אַז איך האָב אויך מיט־געמאַכט דאָס פאַראַרעמט ווערן".

„אהא?... דאָס איז די גאָר עלטסטע שולע! אָן שום דערפאָלג, פאַרשטייט זיך?"

„נאַטירלעך! ווען איך בין געווען אין אירקוטסק, האָב איך פלוצלונג באַקו־מען אַ ידיעה, אַז מען האָט מיך באַשווינדלט, און איך האָב דורך פאַרשיידענע שווינדלערייען, פאַרדרייעכצער און באַנקראָטן אָנגעווירן מיין גאַנץ פאַרמעגן. איך האָב זיך אָבער אַלץ ווייטער געלאַנגווייליקט, און ווען איך בין שפּעטער, נאָך עט־לעכע חדשים אַהיים געקומען, האָב איך זיך דערוווסט, אַז דאָס גאַנצע איז געווען אַ ליגן. עס איז געווען גאָר פאַרקערט, עס האָט זיך געמאַכט אַ ריזן־קאָניוקטור פון חזרים. איך בין נאָך אַ סך רייכער געוואָרן. איך האָב אַ צי געטון מיט די אַקסלען".

„ווער־זשע האָט אויסגעטראַכט אָט דעם נאַיוון פּלאַן?"

„מיס ליליאַן סליד. זי האָט געגלויבט, אַז אויף דעם אופן וועט זי מיך קענען אויסהיילן פון מיין מרה־שחורה. זי האָט מיר געוואָלט שטאַרק וויי טון".

„דאָס איז ריכטיק ווייבלעך".

„און איצט, דאָקטאָר, ווענדע איך זיך צו אייך! אויב איר האָט אויך נישט קיין מיטל פאַר מיר, וועלן מיר מוזן זוכן אַ קאָמפאָרטאַבלען אָפּגאַנג פאַר אַ דזשענטלמען".

„זייט נאָר רויק, מיסטער ווינדאַל! איך ווייס עפּעס".

„איר קענט מיר העלפן?"

„איך קען".

„אויב דאָס זאָל זיין אמת, וועט איר נאָך אויסער דעם האָנאָראַר באַקומען אַ וווּנדערלעכע מתנה".

באַאַסטער האָט ווידער אַ מאַך געטון יענע אויסערגעוויינלעכע נאָבעלע באַ־וועגונג פון צוריקווייזן. און ער האָט דערנאָך געזאָגט:

„קומט מאָרגן צו מיר אין סאַנאַטאָריע, טהירד עוועניו 1. און ברענגט מיר מיט אַ דאָקומענט אונטערגעשריבן פון צוויי עדות, אין וועלכן איר דערקלערט פייערלעך, אַז אַלץ וואָס איך וועל מיט אייך מאָרגן טון, געשעט לויט אייער איי־גענעם ווונטש און לויט אייער פעסטן ווילן".

ווינדאַל האָט פריינטלעך געשמייכלט:

„איך זע, אַז איר האַלט אויך מיין פאַל פאַר האָפענונגסלאָז און איר ווילט מיך אַנגענעם טויטן״.

„איך וויל אייך אויסהיילן״, האָט באַאַסטער געזאָגט רויק. „עס וואָלט אָבער נישט געשאַדט, אַז איר זאָלט, אַלנפאַלס, אָנשרייבן אייער טעסטאַמענט. איך גלויב, אַז איר שרעקט אייך נישט״.

„איר גלויבט זייער ריכטיק״.

„צום ווידערזען מאָרגן!״

„צום ווידערזען מאָרגן!״

באַאַסטער איז אויפגעשטאַנען: הם, יאָ — און נאָך איינס ווינדאַל. איר קענט אייך מיטברענגען אַן אויסגעשטעלטן טשעק אויף די צען טויזנט״.

„גאַנץ גוט!...״ ביי דער טאַפּעצירטער טיר איז דזשאַן ה. ווינדאַל געבליבן שטיין אומאַנטשלאָסן:

„הם, יאָ — און ווען אייער קורירן זאָל נישט געלינגען, ווערן אין דעם פאַל אויך די צען טויזנט פאַרפאַלן?״

„אויך אין דעם פאַל, מיין הער!״

„און ווער גאַראַנטירט מיר דערפאַר, אַז דאָס וועט נישט זיין קיין ווערט־לאָזער עקספּערימענט?״

באַאַסטער האָט זיך אויסגעצויגן אין זיין גאַנצער לענג און האָט קאַלט און מיט ווירדע אַ זאָג געטאָן!

„מיין נאָמען!״ נאָך דעם האָט ער זיך מיט גרינגשעצונג אָפּגעקערט, האָט אויפגעמאַכט די טיר פון דעם וואַרט־סאַלאָן, און האָט גערופן:

„נומער צוויי!״

ווינדאַל, אינגאַנצן אַ דערשלאָגענער, האָט שטיל אַ זאָג געטון:

„איך וועל קומען מאָרגן״. און ער איז נעלם געוואָרן...

אויפן צווייטן טאָג פונקט אין מיטיק־צייט איז זשאַן האַבאַקוק ווינדאַל אָנ־געקומען אין דער סאַנאַטאָריע, טירד עווועניו. מען האָט אים באַלד אַריינגעפירט אין אָפּעראַציע־זאַל. באַאַסטער מיט צוויי אַסיסטענטן און צוויי קראַנקן־שוועסטער האָבן שוין געוואַרט אויף אים.

„אַלץ איז אין אָרדענונג, ווינדאַל?״

„אַלץ איז אין אָרדענונג, דאָקטאָר. אָט איז דער דאָקומענט אונטערגעשריבן פון צוויי עדות, און אָט איז דער טשעק״.

„גוט, מיסטער זשאַן ה. ווינדאַל... מיסטער העם און מיסטער עג, מיינע אַסיסטענטן. דערקלערט עס פאַר אָט די דזשענטלמענער, אַז איר וואַרפט אייך

אונטער מיין באַהאַנדלונג לויט אייער פרייעם ווונטש און אייער אייגענעם ווילן. דערקלערט, אַז איר אַלס פּוליאַריקער אַמעריקאַנער און ביים געזונטן פאַרשטאַנד, זענט איינשטימיק מיט אַלץ, וואָס איך וועל מיט אייך טון".

„איך דערקלער עס". האָט ווינדאַל פּעסט אַ זאָג געטון.

„גוט. טוט אייך אויס".

אין דעם זעלבן מאָמענט האָט שוין זשאָן האבאקוק אַנטבלויזט זיין קערפּער, פון וועלכן עס האָט אַרויסגעפּראַלט יונגער כוח און געזונטקייט.

„לייגט אייך אַוועק אויף אָט דעם טיש". האָט קאָמאַנדירט באַאַסטער.

דאָס איז געשען אָן קיין שום וואַקלעניש.

„דעם שוואַם". האָט באַפעלעריש אַ זאָג געטון דער דאָקטאָר, און אים צוגעדריקט צו דעם פּאַציענטס מויל און נאָז. באַלד נאָך דעם איז זשאָן ה. ווינ־דאַל איינגעשלאָפן מיט דעם שטאַרקן עטער־שלאָף.

און איצט האָט דער גרויסער דאָקטאָר צוגערופן זיין געהילף:

„נעמט אים אַראָפּ דעם רעכטן פוס!"

העם האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ.

עג האָט גאַנץ איינפאַך אַ פרעג געטון:

„ווו, מייסטער?"

„ביים קני. מיין קינד!... איך מוז אַוועקגיין, מאַכן באַזוכן צו קראַנקע. איך פאַרלאָז מיך אויף אייך. גוט אַרבעטן, חברה! דעם אָפּגעשניטענעם פוס דאַרף מען אַריינלייגן אין שפּירט. אַ גוטן טאָג!"

„אַ גוטן טאָג!"

דאָס ערשטע וואָס זשאָן האָט ווידער דערפילט איז געווען אַ שטאַרקער ווייטיק אין דער רעכטער קני. נאָך מיט פאַרמאַכטע אויגן האָט ער געקרעכצט. אין אָנהייב האָט ער געמיינט, אַז עס חלומט זיך אים. אָבער דער שטאַרקער ווייטיק האָט נישט נאָכגעלאָזט. ער האָט אַ קוק געטון אויף זיינע פיס. האַ! ער האָט געזען נאָר איינעם. בליצשנעל איז אים אַלץ קלאָר געוואָרן. באַאַסטער האָט ביי אים אַוועקגערויבט אַ פוס!

דער גורל פון דעם מיסטער העם, וועלכער האָט געלעבט אין שלעכטע פינאַנציעלע פאַרהעלטענישן, האָט געוואָלט, אַז ער זאָל זיך פונקט אין דעם מאָ־מענט אַריבערבויגן איבער דעם פּאַציענט און זען צי איז ער שוין אויפגעוואַכט. ווינדאַל האָט אים דערלאַנגט אַ מוראדיקן פּאַטש.

מיסטער עג האָט אויף דעם חבריש און פילאָזאָפיש אַ זאָג געטון:

„קיין אַנטקרעפטיקונג איז ביי דעם פּאַציענט נישט איינגעטרעטן".

„מיסטער העם האָט זיך שוויגנדיק צוריקגעצויגן. ער האָט באַלד באַנומען די גאַנצע געזעצלעכע געלט־וויכטיקייט פון דעם דאָזיקן פּאַטש. אין דער ווירק־לעכקייט האָט מען אים שפּעטער פאַר זיין ווייטיק און פאַר זיין געשעדיקטן כבוד

באַצאָלט 2.000 דאָלער. ווינדאַל האָט נישט געוואָלט, אַז די גאַנצע געשיכטע זאָל קומען צום געריכט. אַ סך ביליקער איז אים אויסגעקומען דער בריק מיטן פּוס, וואָס ער האָט דערלאַנגט אַ קראַנקן־וועכטער. דעם דאָזיקן וועכטער האָט ער אַ שעה נאָך דעם צווישנפאַל מיט דעם מיסטער העם, צאַרט אַ פרעג געטון:

„איר נידערטרעכטיקע אויסוורפן, ווו האָט איר אַהינגעטון מיין פוס?״

דער קראַנקן־וועכטער האָט אים העפלעך געענטפערט:

„איר קענט זיין גאַנץ רויק, מיין הער. ביי אונדז גייט קיין שום זאַך נישט פאַרלוירן. אָט איז אייער פוס״. און ער האָט אים געוויזן די ריזנגרויסן שפּירטוס־סלאָי. דער מאַן האָט זיך געהאַלטן גאַנץ ווייט פון ווינדאַלס הענט, ער האָט אָבער פאַרגעסן, אַז ער האָט נאָך דעם לינקן פוס. פון אָט דעם איצט פאַראייניזאַמטן גליד האָט ער באַקומען אַ גאַנץ באַדייטנדיקן בריק. און מחמת ער האָט נישט באַרירט קיין איידעלערן טייל פון קערפּער, איז עס שפּעטער ווינדאַלן געלונגען זיך מיט אים איבערצובעטן פאַר דריי הונדערט דאָלער.

און ווו איז געוועזן באַאַסטער?

אין די ערשטע טעג, כל זמן זשאַן האבאקוק האָט געבושעוועט און געפייערט, אַזוי אַז מען האָט אים געמוזט בינדן, האָט זיך דער גרויסער דאָקטאָר בכלל נישט באַוויזן. ווען מען האָט אים מודיע געווען, אַז דער פּאַציענט איז שוין רויקער געוואָרן, האָט ער אים באַזוכט.

זשאַן האבאקוק האָט געשריגן צו אים מיט ווערטער, וואָס זענען כאַראַקטע־ריסטיש פאַר דער פאַנטאַזיע פון אַ יעגער:

„דו שאַקאַל, דו פאַרשיווע נבלה־פּרעסערישער יאַסטרוב. איך וועל דיר אָפּ־שניידן ביידע אויערן און וועל מיר לאָזן אָפּבראָטן דיין נאָז״. ער איז אָבער צו־פעליק געווען אָנגעטון אין צוואַנגסהאַמד, אַזוי אַז דער דאָקטאָר האָט זיך געמוזט באַגניגענען נאָר מיט זיינע סימפּאַטישע כוונות.

„ווען איר וועט צוריק באַקומען דעם טאָן פון דער בעסערער געזעלשאַפט, מיין יונגער פריינט, וועט איר מיר צו וויסן טון. דעמאָלט וועלן מיר ווייטער ריידן״. און דער וויסנשאַפטס־מאַן האָט זיך מיט פירשטלעכער ווירדע צוריקגע־צויגן, בעת זיין קרבן האָט אים נאָך נאָכגעשריגן אומצייליקע נעמען פון די ני־דעריקסטע געביטן פון דער זאָאָלאָגיע.

עס האָט געדויערט גאַנצע דריי וואָכן, ביז י. ה. ווינדאַל האָט צוריק באַקומען דעם טאָן פון דער גוטער געזעלשאַפט. ער האָט געהאַט אַ שטאַרקע נאַטור, און ער האָט אַ לאַנגע צייט געקענט אויסהאַלטן אַ ווידערשטאַנד צו יעדער זאַך. אָבער די לאַנגווייליקייט האָט אים ווייכער געמאַכט. אַ, אָבער נישט יענע אַלטע לאַנג־ווייליקייט, וואָס האָט אים פריער געפּלאָגט.

נאָר בענקשאַפט נאָך געגנוס, חשק צום לעבן איז עס געווען — עס איז געווען עפּעס אַזוינס, ווי די בענקשאַפט פון אַרעסטאַנטן נאָך פרייע הימלען, נאָך ווייטע

שפּאַציר־גענג. ער האָט זיך געהייסן ברענגען די ציימונגען און האָט מיט אַ וואַקסנ־דיקער ליידנשאַפט געלייענט די ספּאָרט־באַריכטן פון דעם מענלעכן פוטבאָל, ביז צו דעם פּשוטן טעניס. די ידיעות פון דעם סקעטינג רינג און מודעות וועגן טאַנץ־אונטערהאַלטונגען האָבן אים אַריינגעבראַכט אין אַ היציקער אויפרעגונג. ער וואָלט גערן געוואָלט זיין אומעטום, ווו מען דאַרף האָבן צוויי פיס. אָט די דאָזיקע שטימונג האָט ער אין אַן עלעגישן, אָבער זייער העפלעכן אופן געשיל־דערט דעם ד״ר באָאַסטער, ביי וועמען ער האָט געבעטן אַ באַזוך.

דער באַרימטער דאָקטאָר איז געקומען.

און זשאָן האַבאַקוק האָט געזאָגט מיט ביטערקייט, אָבער אין דער זעלבער צייט אויך מיט צאַרטקייט:

„אָט אַזוי האָט איר מיר געוואָלט מאַכן אָנגענעם מיין לעבן, מיט דעם וואָס איר האָט מיך געמאַכט פּאַר אַ קריפּל?״

„מיין יונגער פריינט״, האָט געענטפערט דער דאָקטאָר, „דאָס לעבן איז שיין — אָבער עס מוז איינעם דערצו עפּעס אויספעלן. אָט אַזוי איז דער אויסגאַנג פון מיין חכמה״.

„און איר האָט מיר אויף אייביק צעשטערט דאָס, וואָס איך האָב אַממערסטן ליב: „טאַנצן, רייטן, לויפן!״

„מיסטער זשאָן, מען האָט ליב נאָר דאָס, וואָס מען קען נישט דערגרייכן!... איבעריקנס האָב איך זיך געשטעלט אין פאַרבינדונג מיט אַן אויסגעצייכנטן מע־כאַניקער. ער האָלט שוין אין מאַכן אַ קינסטלעכן פוס פאַר אייך, מיט וועלכן איר וועט קענען גיין אָן קוליעס. דאָס וועט זיין אַ מייסטער־ווערק. קיין שום מענטש אין דער וועלט וועט נישט וויסן, אַז אייער רעכטער פוס איז אויך נישט פון פלייש און ביין. ער קאָסט 8.700 דאָלער״.

„נישט ביליק!״ האָט געזאָגט ווינדאַל. און שפּעטער נאָך אַ פּויזע: „ווייסט עס מיס סליד, אַז איך בין מיט אַ פוס אָרעמער געוואָרן?״

„קיין שום מענטש אין ניו יאָרק ווייסט עס נישט. מיטן אויסנאַם פון מיינע פאַרשוויגענע אָנגעשטעלטע. מען מיינט אַז איר זענט ביי אייערע חזרים, אין טשיקאַגאָ... מיין מעכאַניקער האָפט, אַז נאָך אַ פּאָר חדשים פון איינאיבן זיך וועט איר מיט אייער נייעם פוס קענען טאַנצן, רייטן און גליטשן זיך אויפן אייז״.

זשאָן האַבאַקוק איז געוועזן גערירט און האָט געשמייכלט:

„איך גלויב דאָקטאָר, אַז עס זענען דאָך פאַראַנען נאָך ערגערע מענטשן, פון אייך״.

אינעווייניק, ביי זיך האָט ער דערגענצט אָט דעם זאַג: „מען מוז זיי שטאַרק זוכן, פאַרשטייט זיך״...

אין אַ האַלב יאָר אַרום האָט ער חתונה געהאַט מיט דער מיס ליליאַן סליד. אַזוי ווי די צוציִונגס־קראַפט פון אַ תהום האָט אים געלאָקט דער געדאַנק, אַז זי וועט אין

דער חופּה־נאַכט אַנטדעקן זיין פאַרקריפּלונג. און ווען ער איז שוין פאַרכאַפּט געוואָרן פון אָט דער קאָפּשווינדלענדיקער הויך איז ער טאַקע ריכטיק אַראָפּגע־פאַלן — ער האָט חתונה געהאַט.

„ליליאַן!״ האָט ער איר אַ זאָג געטון, ווען זיי זענען שוין „ענלעד״ געבליבן אַליין — „ליליאַן, צו מיין חרפּה מוז איך פאַר דיר אין עפּעס מודה זיין — איך זאָג צו מיין חרפּה, ווייל דו ביזט אַזוי פולקאָמען!... איך האָב נאָר איין פוס״. און ער האָט איר אָפּגעשנאַלט.

די יונגע מיסטרעס ליליאַן ווינדאַל האָט אַ גלאַנץ געטון אויף זשאַנען מיט אירע שיינע אויגן. אין אַ צאַרטער באַוועגונג האָט איר שיינער ביוסט זיך געהויבן און איז געפאַלן. דערנאָך האָט זי געשעפּטשעט:

„אַך, זשאַן, ווי גליקלעך איך בין מיט אָט דעם מודה זיין זיך, מיט דיינעם! איך האָב פאַר דיר אויך עפּעס אַ קלייניקייט באַהאַלטן״.

און זי האָט גיך אַראָפּגענומען דעם שיינעם ביוסט אירן פון די אַקסלען און האָט אים אַוועקגעלייגט אויפן נאַכט־קעסטל. ער איז געווען געמאַכט ביי דעם זעלבן מעכאַניקער, וועלכער אַרבעט פאַר די בעסטע פאַמיליעס פון ניו־יאָרק...

אין עטלעכע חדשים אַרום. אויף אַ באַל פון דער גוטער — הם, לאָמיר זאָגן: רייכער געזעלשאַפט. מיסטרעס ווינדאַל פלירטעוועט שוין אונטער די פאַל־מען אין יענער פינצטערניש מיט עפּעס אַ שטאַרק בלאָנדן יונגנמאַן אין אַ רויטן פראַק. מיסטער האבאקוק יאָגט אַדורך אינעם וואַלצער־טאַקט דעם סאלאָן. דריי פון זיינע טענצערינס, געזונטע קרעפּטיקע מיידלעך האָבן זיך שוין טויט־מידע און פאַרסאָפּעטע געמוזט צוריקציִען אין בופעט. דער באַקאַנטער אירלענדישער וויצלער דער פולקאָוניק מאַק ראָו, וועלכן מען האָט שוין נישט איינמאָל גע־פאַטשט פאַר זיינע בייסיקע וויצן, האָט אַ זאָג געטון:

דער דאָזיקער ווינדאַל טאַנצט אַזוי ליידנשאַפּטלעך, ווי ווען ער וואָלט געווען אַ זקן!״

לסוף איז אויך דער אומדערמידלעכער זשאַן מיד געוואָרן. ער ווישט זיך מיטן טאַשן־טיכל דעם הייסן שטערן און ציט זיך צוריק. דאָ האָט ער דערהערט ווי עמעצער הינטער אים שעפּטשעט: „גיט אַכטונג איר זאָלט אייער פוס נישט פאַרלירן! די יונגע דאַמען וואָלטן זיך איבערגעשראָקן״.

בלייך פון כעס און פון בושה האָט ער זיך אויסגעדרייט צו דעם וואָס האָט גערעדט:

„אַך, איר מיין ליבער דאָקטאָר!״

באַאָסטער איז לייכטזיניק און גיט אים די האַנט. ווען ער האָט זי אין פיר סעקונדן אַרום צוריקגעצויגן, זענען די פינגער זיינע געווען בלוי און רויט גע־שוואָלן. זשאַן ווינדאַל וויל מיט אָט דער שלעכטער באַהאַנדלונג באַווייזן אויף וויפל ער פרייט זיך מיט אָט דעם זעען זיך ווידער מיטן דאָקטאָר.

דער דאָקטאָר שמייכלט:

„נו, און איר האָט, ווי איך הער חתונה געהאַט? מיט אייער שיינער מיס ליליאַן!"

זשאַן האבאקוק האָט זיך צוגעבויגן צו זיין אויער און האָט אַ זיפץ געטון:

„לײדער!"

„וואָס?"

„יאָ, לײדער זאָג איך, דאָקטאָר! לײדער... איך קען איך אַלץ דערציילן. זי איז די נידערטרעכטיקסטע שלאַנג אין די פאַראייניקטע שטאַטן".

„דאַנקט גאָט, ווינדאַל! ערשט איצט זענט איר פולשטענדיק אויסגעהיילט!"

„איר מאַכט נאָך חוזק דערצו?"

„יונגערמאַן — אונדז מענטשן מוז עפּעס דריקן. האָט איר אַ פרוי. וועט זי שוין זאָרגן דערפאַר, אַז דאָס לעבן זאָל אייך נישט זיין אַזוי לייכט. מאָדנע, ווי עס געפעלט אייך היינט דאָס טאַנצן און יונגע מיידלעך, האַ? מיין מיינונג איז, אַז עס איז פאַראַן נאָר איין ראַדיקאַל־קוראַציע קעגן ספּלין: חתונה האָבן. פאַרשטייט זיך, אַז דאָס מיטל האָב איך בשעתו נישט געוואַגט אייך פאָרצושלאָגן".

„איר האָט נאָך עפּעס נישט געוואַגט? איר! און פאַרוואָס נישט?"

„ווייל דאָס מיטל איז מיר אויסגעקומען צו גרויזאַם".

דער שענק „צום אַנילין"

אַמאָל איז געווען אַ מאַן, האָט ער געהאַט אַ פרוי, וואָס האָט ליב געהאַט זיך צו קריגן. מיט אירע אָפטע קאַפריזן פלעגט זי אים פאַרביטערן דאָס לעבן. און פאַר אים איז דאָס ערגער געווען ווי פאַר אַנדערע מענער, ווייל ער איז געווען נישט נאָר אַ פראָפעסאָר פון פילאָזאָפיע, נאָר אויך אַ דענקענדיקער מענטש. מער ווי אַלץ אין דער וועלט פלעגט ער ליב האָבן דאָס שטילע חלומען אין זיין אַרבעטס־צימער. ווען ער פלעגט זיצן און שרייבן אָדער לייענען ביים גערוך, וואָס האָט זיך געטראָגן פון די ביכער, אָדער ווען ער פלעגט זיצן און דענקען אין די רויִקע בין־השמשותן, פלעגט זי אים אָפט איבערפאַלן מיט אַ נאַרישער קריגעריי. און ווען זיין שטימונג פלעגט זיך אים אַזוי אַרום איבעררייסן, פלעגט ער דערפילן אַ גרויס רחמנות אויף זיך אַליין און ער פלעגט אַנטלויפן פון שטוב. אין אָט אַזאַ מין מאָמענט פלעגט ער זיך בעת זיין טרויעריקער שטימונג פאַרגלייכן צו אַן אָרעמען הונט, וואָס לויפט אַרום און קאָן זיך גאָרנישט העלפן. ווייל ער האָט נישט ליב געהאַט קיין געזעלשאַפט און האָט נישט פאַרטראָגן דעם ריח און די שמועסן אין שענק ביים ביר־טיש. ווען ער פלעגט צוריק אַהיים קומען פלעגט זיך אָדער דער טאַנץ אויף דאָס ניי אָנהייבן, אָדער ער פלעגט אָנטרעפן אַ שווערע רויִקייט, פאַר וועלכער ער האָט זיך נאָך מער געשראָקן. און אַזוי ווי עס מאַכט זיך אָפטמאָל, האָט ער געלערנט פילאָזאָפיע און האָט אַליין קיין פילאָזאָפיע נישט געהאַט.

איינמאָל אין אַן אָוונט האָט זיך די פרוי פראָפעסאָר גאָר שטאַרק צעוואָיעוועט.
און אָנשטאָט זי איינצונעמען מיט האַרבע אָדער מיט ווייכע רייד, אַזוי ווי יעדער קלוגער מאַן וואָלט דאָס געטוּ, איז דער פילאָזאָף אַנטלאָפן, גאַנץ אַנטשלאָסן אַ סוף צו מאַכן. ער האָט געוואָלט שפרינגען אין וואַסער אַריין, ווייל ער האָט קיין אַנדערן אויסוועג נישט געפונען. און ווען ער איז אַזוי טרויעריק געלאָפן האָט ער זיך דאָך נישט געקאָנט אָפּהאַלטן פון אַ צופרידענעם שמייכל, פאָרשטעלנדיק זיך איר אויסערגעוויינלעכע שרעק. דאָס איז געווען פונקט אַזאַ שווערע, ווי אַ גערעכטע שטראָף, צו וועלכער ער האָט זי דורך זיין טויט פאַרמשפט. מען ווערט זי אין די גימנאַזיעס נאָך מער פיינט האָבן ווי דאָס ווייב פון סאָקראַטעסן. ער האָט זיך פאָרגעשטעלט די נאָענטסטע פאָלגן פון אָט דער געשעעניש, וועלכער ער איז איצט אַזוי קאַלטבלוטיק אַנטקעגן געגאַנגען. די דריי מאָנאַטלעכע־שריפט פאַר

פילאָזאָפּישע שטודיען וועט זיכער ברענגען אַן אויספּירלעכן נעקראָלאָג. אַ ביסל וויטיק האָט ער נאָר געפילט ביי דעם געדאַנק, אַז מען קאָן די פריי־געוואָרענע קאַטעדרע באַזעצן מיט דעם הער שרייער פון יענאַ; ווייל גראָד הער שרייער אַלס זיין נאָכפאָלגער וואָלט אים נישט אָנגענעם געווען. אָבער דאָס געפיל פון אייפער־זיכטיקייט האָט ער באַלד דערקענט אַלס דאָס וואָס עס איז אין דער ווירקלעכקייט געווען אַלס אַ פאַרמאַסקירטן ווילן צום לעבן, און ער האָט דאָס מוטיק פון זיך אָפּגעטרייסלט. ווען פילאָזאָפן גייען שטאַרבן קוקן זיי גרויס און געפאַסט אויף אַלץ, אָפילו אויף דער מעגלעכקייט, אַז אַזאַ מענטש ווי שרייער זאָל זיין זייער נאָכ־פאָלגער.

דער פּראָפעסאָר איז געגאַנגען מיט שנעלע און זיכערע שריט אין דער נאַכט, אַזוי ווי איינער, וואָס קען געגוי זיין וועג. אין דרויסן, אויסער דער שטאָט, איז געווען אַזאַ געגנט ביים טייך, וועלכע איז שטענדיק געווען באַליבט ביי זעלבסטמערדער און דאָס פאָלק האָט די געגנט אָנגערופן „דער לעצטער ברעג״. צוליב דעם שטאַרקן אויסדריי האָט דער טייך דאָרט געשטראָמט מיט אַן אויסער־געוויינלעכער קראַפט. ווער עס איז דאָרט אַריינגעגאַנגען אין וואַסער, דער איז שוין פון דאָרט נישט אַרויסגעקומען. פריילעכע שפּאַציר־גייער פלעגן אויסמיידן דעם ברעג, און דער פּראָפעסאָר האָט זיך אויך איצט אָפּגעגעבן חשבון, אַז ער איז שוין זייט אַ סך יאָרן דאָ נישט געווען. ער האָט דאָס באַמערקט אָן אַ גרויסער פאַבריק, וועלכע האָט זיך דאָ איצט געפונען. ער האָט נישט געדענקט ער זאָל דאָ אַמאָל אין די פריִערדיקע צייטן, האָבן געזען די געביידע מיט דעם הויכן קוימען. ווייטער אונטן, גאַנץ נאָענט נעבן לעצטן ברעג, איז געווען נאָך אַ הויז, וואָס איז דאָ פריִער נישט געווען, און פאַר דעם טויער פון אָט־דעם הויז האָט געפלאַמט אַ טריבע ליכט פון אַ לאַמטערן, אין וועמענס שיין ער האָט איבערגע־לייענט די אויפשריפט פון אַ שילד: „שענק צום אַנילין״. יענע גרויסע געביידע איז אַלזאָ געווען אַ פאַבריק פון פאַרבן. בעת דער פּראָפעסאָר האָט דאָס דאָזיקע פעסטגעשטעלט, האָט ער זיך גלייכצייטיק אַליין געוווּנדערט, ווי אַזוי ער האָט אין אַזאַ מאָמענט געקאָנט שענקען אויפמערקזאַמקייט אַזעלכע פּשוטע זאַכן. ער האָט זיך דאָס אָבער באַלד דערקלערט: די וויכטיקייט פונעם מאָמענט מאַכט אַלץ אַרום פאַר וויכטיק. דאָס בילד איז געווען מוראדיק און גרויס. אויבן, היג־טער די לויפנדיקע וואָלקנס, באַווייזט זיך ווען נישט ווען אַ ווייסער שיין, דאָרט די טונקעלע מאַסע פון דער פאַבריק מיט די רויך־טורעמס און דאָ אונטן דאָס טעמפּע רוישן פון די כוואַליעס — זיין קבר. ער האָט זיך אַ בייג געטון אויף פאַרויס...

דאָ האָט ער פּלוצלינג דערהערט אַ קול פון אַן אומזיכטבאַרן מענטש:

„הערט! די ריכטיקע שטעלע איז ווייטער אַראָפּ״.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך איבערגעשראָקן, דערנאָך האָט ער זיך באַרויִקט. ער האָט זיך שטאַרקער איינגעקוקט און האָט דערזען אַ מאַן, וועלכער איז געזעסן אויף אַן אָפּגעהאַקטן שטאָם און האָט געדרייט אַ ציגאַרעט.

„וועגן וואָס רעדט איר, מיין ליבער?“

„איך האָב געמיינט איר ווילט זיך אַריינוואַרפן אין וואַסער אַריין“.

דער פּראָפעסאָר האָט זיך געפילט פאַרלעצט דורך דעם דאָזיקן אויסדרוק, „זיך אַריינוואַרפן אין וואַסער אַריין“, האָט ער געמורמלט, אָבער ער האָט נישט געמאַכט קיין ווען פון דעם, ער האָט נאָר אַ פרעג געטון: „און וואָס טוט איר דאָ?“

יענער האָט אַ בלאָז געטון אין זיין מאַטראָזן־ליולקע, אַזוי אַז די פונקען זענען זיך צעפלויגן, און האָט רויִק געענטפערט: „איך כאַפּ מענטשן אין טייך“.

דעם זעלבסטמערדער איז דורכגעלאָפן אַ גרויל: „אַ גאַנץ פיינע מלאכה!“.

„נישט די ערגסטע!“.

„וואָס־זשע טוט איר מיט די מענטשן?“

„איך פאַרווענד זיי אויף פאַרשידענע אופנים“.

„איך מיין וווהין ליפערט איר אָפּ די מענטשן?“. דער פּראָפעסאָר האָט זיך געשראָקן פאַר דעם ענטפער.

„וווהין?“ האָט געלאַכט דער אומהיימלעכער מענטש: דאָס וועל איך אייך זאָגן ערשט נאָך דעם ווי איר וועט מיר האָבן געשענקט אייער לעבן“.

„מיין לעבן!“

„יאָ, איר האָט עס דאָך סיי ווי געוואָלט אַוועקוואַרפן. האָט עס דאָך קיין ווערט נישט“.

„פון וואַנען ווייסט איר, אַז איך האָב עס געוואָלט אַוועקוואַרפן!“

„הערט אייך איין, מענטש, האָט דער פישער אומהעפלעך אַ זאָג געטון, ביי אַזאַ מין געלעגנהייט מעגט איר דאָך זיין אויפריכטיק. אויב נישט מוז איך אייך האַלטן פאַר אַ ליגנער און איך באַדויער וואָס איך האָב געשלאָסן באַקאַנטשאַפט מיט אייך“.

„איך בין זיך מודה, אַז איך האָב אַלנפאַלס...“ האָט דער פּראָפעסאָר צעשראָקן געשטאַמלט.

„נו, איר שענקט עס מיר?“

„אַנטשולדיקט, אָבער דאָס קאָן דאָך נישט זיין. ווי קאָנט איר ביי מיר פאַרלאַנגען טאַטן, וועלכע זענען קעגן כבוד און קעגן זיטלעכקייט“.

„אָ, דער ענטפער איז נישט שלעכט. ווייזט אויס, אַז איר זענט אַן אָנשטענדיקער מענטש. איך וועל אייך מאַכן אַן אַנדערן פאַרשלאָג: שענקט מיר די היינטיקע נאַכט. איר קענט זיין גאַנץ רויִק, דאָס וואַסער איז מאָרגן אינדערפרי נאָך אויך דאָ. קומט איצט צו מיר אין שענק אַריין!“.

„ווער זענט איר?״

„איך בין דער בעל־הבית פונעם שענק „צום אַנילין״.

און ער האָט שוין געשפּאַנט פאָרויס מיט די שווערע שטיוול, נישט אומ־קוקנדיק זיך אַפילו. דער פּראָפעסאָר איז אים גאַנץ ווילנלאָז נאָכגעגאַנגען פון הינטן.

אונטערן שיין פון דעם טריבן לאַמטערן זענען זיי אַריינגעגאַנגען אין הויז אַריין.

אין אַ טונקעלער שמוציקער פאָרהויז, ווו עס האָט זיך שטאַרק געפילט דער ריח פון סמאָלע. דער פּראָפעסאָר האָט אַביסל נאָכגעשמעקט, וועלנדיק אויסגע־פינען, וואָס פאַר אַ ריח דאָס איז.

„דאָס איז סמאָלע״, האָט דער בעל־הבית דערקלערט.

„איך מערק שוין, אַז דאָס זענען נישט קיין רויזן. דאָס שלעפּן מסתמא אַרי־בער די אַרבעטער פון דער פאַבריק״.

זיי זענען אַריינגעקומען אין דער נידעריקער ווייסער שענק־שטוב אַריין, ווו עס איז געזעסן אַ קעלנער ביים שענק־טיש און האָט געדרימלט. עס איז דאָ געווען ליכטיק און דער בעל־הבית האָט אַ זאָג געטון:

„איר ווייסט פון וואָס מען מאַכט אַנילין־אייל? דער ריח פון סמאָלע קומט אגב פון מיין לאַבאָראַטאָריע. איך דעסטיליר אַליין״.

„איר דעסטילירט בראָנפן?״

„ניין, איך דעסטיליר לייכטע און שווערע איילן און דאָסגלייכן: דאָס טו איך נאָר צו מיין אייגענעם פאַרגעניגן... אָבער וואָלט איר נישט וועלן עפּעס עסן?״

„אַ דאַנק, איך קום ערשט פון עסן״.

„אַ זאַטער?״ האָט אַ זאָג געטון דער בעל־הבית פאַר זיך; „אַ קאָמפּליצירטער פאַל״.

דער פּראָפעסאָר האָט געקוקט מיט אַלץ מער דערשטוינונג. ער האָט אָב־סערווירט די פריינדלעכע שטוב און דעם מאָדנעם בעל־הבית, וועלכער האָט זיך איצט שווער אַראָפּגעלאָזט אויף אַ סקריפּענדיקן שטול. ער איז געווען אַ גרויסער שטאַרקער מענטש, אָנגעטאָן איז ער געווען אין די גראָבע קליידער פון אַ ברעג־פישער. די שטיוול האָבן געגרייכט ביז צום קורצן רעקל. ער האָט געהאַט שיינע הענט, די הויט ביי די שפּיץ־פינגער איז געווען צעפרעסן פון זויערשטאָפן. איבער דער געדיכטער ברוינער באָרד האָבן זיך דורכגעצויגן איינציקע זילבערנע פעדים, זיין שטערן איז געווען הויך און די אויגן האָבן געהאַט אַן אייגנטימלעכן גלאַנץ. איצט האָט דער אָבסערווירטער געשמייכלט:

„נו, איצט ווייסט איר שוין מיט וועמען איר האָט צו טון?״

„דעם אמת געזאָגט, האָב איך נישט קיין אַנונג״, האָט געענטפערט דער פּראָפעסאָר. „נאָר אויב איר וועט מיר געבן אַ גלאָז ווין און וועט מיך אַריינפירן

אין אייער לאַבאָראַטאָריע, וועלן מיר זיך שוין מסתמא באַקענען איינער מיטן אַנדערן".

„גוט, אין מיין לאַבאָראַטאָריע איז אויך פאַראַן וויין, פאַרשטייט זיך דער אמתער געפּרעסטער, פון ריכטיקע טרויבן".

די לאַבאָראַטאָריע איז געווען אַ גרויסער זאַל, איבערגעטיילט מיט רוק־טירן. אין העלפט איז געווען אַ גרויסע כעמישע קיך מיט אַ גרויסער קאַך־פּליטע, מיט דעסטילאַטאָרס, סלאָיעס, פלעשער, גלעזער און פאַרשידנערליי וווּנדערלעך־געפאָרמטע געציייג; די אַנדערע העלפט איז געווען אַן אמתע געמיטלעכע, בונטע נעסט פון אַ קינסטלער, מיט ביכער, בילדער, בראָנדז־פיגורן, מאַרמאָר־סטאַטועז, זיידן־טעפּיכער, וואָפן און בלומען. דער בעל־הבית האָט אָוועקגעשטעלט אַ פלאַש וויין, האָט געבעטן טרינקען און איז באַלד צוגעגאַנגען צו דער קיך, האָט גע־מאַכט פייער אונטער אַ גלעזערנעם געפעס און עס האָט זיך געדאַכט, אַז ער האָט אָנגעהויבן פאַרגעסן אַן זיין גאַסט. דער ווידער האָט געטרונקען אַ גלעזל נאָך אַ גלעזל און האָט דורכגעפאָרשט די קונסט־אוצרות פון דעם מאָדנעם פלאַץ, ווו ער האָט זיך איצט געפונען. ער איז געשטאַנען אַ לאַנגע צייט שטיל פאַר דער וווּנדערלעכער קאָפּיע פון לעאָנאַרדאָ דאַ ווינטשיס „דזשיאָקאָנדאַ"; נאָך דעם האָט ער מיט שווערער מי, אָבער מיט פאַרגעניגן דורכגעלייענט די אויפשריפט פון אַן אָפּגעריבענער רוימישער מצבה, וואָס איז געשטאַנען אין אַ ווינקל, לסוף איז ער צוגעקומען צו די אַלטע ביכער און האָט געקוואָלן פאַר נחת. עס זענען שוין געווען פאַרגאַנגען שעהן, ווען דער בעל־הבית האָט אים אַ זאָג געטון:

„איר לאַנגווייליקט אייך נישט?"

ערשט איצט איז אים ווידער איינגעפאַלן, אויף וויפל ער האָט זיך דער־ווייטערט פון דעם אייגנטלעכן צוועק, צוליב וועלכן ער איז געגאַנגען צום לעצטן ברעג. ער איז אַריבערגעגאַנגען אין דעם כעמישן „וואַרשטאַט" און האָט געקוקט מיט פרעגנדיקע בליקן.

„איך טרייב דורך וואַסער־פאַרע דורך אַט־דער געדיכטער מאַסע", האָט אים געענטפערט דער בעל־הבית. „די פאַרע נעמט אין זיך אַריין די לייכטע איילן און איך צי זיי דאַן אַרויס. איז דאָס נישט קיין שיינער צאַרטער ספּעק־טאַקל, פונקט ווי אַ נימפן־טאַנץ? פאַר אַ סך קלענערע קונצן ווי איך מאַך, ווי עס מאַכט אַ יעדער קליינער סטודענט פון כעמיע, וואָלט מען אין פריערדיקע צייטן איינעם געווען פאַרברענט אַלס כישוף־מאַכער".

„אַך, פאַר אַ ריזיק געביט פון ווונדער עס איז די אָרגאַנישע כעמיע".

„אַ פישער, אַ שענקער, אַן אַלכעמיסט, ווער זענט איר פאַרט?"

דערויף איז נישט געקומען קיין דירעקטער גלייכער ענטפער: די „אַל־כימיסטן זענען געווען נאַרישע, אָדער נידעריקע ברואים. גאָלד! אַ חלום פון פעבל. מיר זוכן איצט עפּעס אַנדערש אינעם דעסטילאַטאָר: ברויט — אָדער אויך

אַ מין גאָלד, אויב אייך געפעלט עס אַזוי, דאָס גאָלד, וואָס ליגט איצט נאָר אין די בלאָנדע זאַנגען. ווער ווייסט ווער עס וועט דאָס דערפינדן. אפשר שטייט ער ערגעצוואו דער דאָזיקער דערפינדער אין דער היינטיקער נאַכט, ביי אַזאַ קיך ווי מיינע, אפשר וועל איך אייך גאָר זיין אָט דער גליקלעכער מאַן, אפשר וועט ער געבוירן ווערן ערשט אין הונדערט יאָר אַרום — אָבער ווער עס וועט מאַכן אָט די דערפינדונג, וועט איבעראַנדערשן דאָס אויסזען פון דער וועלט און דעם גורל פון די מענטשן. דער סוד ליגט נאָך אין אַ שטאָף, וועלכן מיר קענען זיכער און מיר גייען איבער אים אַריבער. אַ צופאַל, אַ זשעני־בליץ, אָדער אַן אומגעשיקט־לעכקייט קאָן אַמאָל ברענגען צו דער כעמישער פאַרבינדונג... לעבן, נאָר לעבן, כדי דאָס נאָך צו קאָנען זען!״.

„מען דאַרף אַזוי אַרום״, האָט געזאָגט דער פּראָפעסאָר „לעבן צוליב ניי־געריקייט, אָדער בעסער געזאָגט, צוליב דער פרייד פון דער אַנטפּלעקונג? אָבער איר פאַרגעסט דעם לאַטיינישן זאַץ: “Qui auget scienciam auget et do-lovem.” (ווער עס פאַרמערט די וויסנשאַפט פאַרמערט אויך דעם ווייטיק).

„און ווען דאָס זאָל אַפילו אַזוי זיין״, האָט אַ זאָג געטון דער בעל־הבית, „איז עס דאָך שיין און טראַגיש אַריבערצוגיין איבער די אייגענע ווייטיקן און גיין אַרויף. נאָר אַ מנובל דענקט וועגן זיין אייגענער באַקוועמלעכקייט. ווער עס איז אַ מענטש דער וויל און זאָל דערקענען, און ער ווערט געלייטערט אין דיליידן, ווער זענט איר, מיין ליבער גאַסט?״.

„אַ לערער פון פילאָזאָפיע״.

„און איר האָט געוואָלט שפּרינגען אין וואַסער אַריין? איך קען נישט אייערע סיבות, נאָר כדי אייך צו מאַכן מוט, אַז איר זאָלט זיך מיר אַנפאַרטרויען, וועל איך אייך פריער מיין געשיכטע דערציילן. איך בין אויך אַמאָל, אַזוי ווי איר, אַראָפּגעגאַנגען צו אָט־דעם לעצטן ברעג. איך האָב מיין לעבן געפירט אַזוי נאַריש, ביז איך בין דערפון מיד געוואָרן. איך בין געווען רייך, איך האָב זיך איבערגע־זעטיקט מיט אַלע געניסן, אַזוי ווייט, ביז איך האָב לסוף פון אַלץ באַקומען אַן עקל. פאַרביטערטקייט אין דער העכסטער פאָרעם; אַלזאָ, אַ סוף מאַכן. ווען איך בין אין אַן אָוונט צוגעקומען צום טייך, האָבן די אַרבעטער נאָרוואָס פאַרלאָזט די פאַבריק. ווען איך האָב דערזען פאַרבייגיין די דאָזיקע מידע, דערשעפּטע גע־שטאַלטן, האָב איך פלוצלינג דערפילט אַ באַדערפעניש פאַר זיי עפּעס גוטס צו טון. איך האָב פאַרטיילט מיינע מזומנים צווישן זיי, און ווען זייערע פּנימער זענען פריילעכער געוואָרן, האָט עס מיר לייד געטון, וואָס איך האָב נישט געהאַט ביי זיך מער. מיין גאַנץ אומגוצלעך פאַרמעגן האָב איך בעסער געדאַרפט איבערלאָזן פאַר אָרעמעלייט, שוין צוליב דעם אַליין, אַז עס זאָל נישט צופאַלן מיינע קרובים, וועלכע וועלן פון דעם מאַכן פּונקט אַזאַ נאַרישן געברויך ווי איך אַליין האָב פון דעם געמאַכט. מיט איינעם פון די באַשעפטיקטע אַרבעטער האָב איך זיך אַריינגע־

לאָזט איז אַ געשפּרעך. ער האָט מיר דערציילט וועגן זײַנע פּערזענלעכע פאַרהעלטענישן, וועגן דעם לוין־צושטאַנד און וועגן דעם אופן פון אַרבעט. איך האָב דעם אָרעמען מענטשן אויסגעהערט מיט אַ מיטגעפיל, אָט אַזוי ווי איינער, וואָס האַלט זיך אין געזעגענען. אַך, וויפיל מענטשלעכס, וויפל טעכנישס איז דאָס אַלץ פאַראַן אין אַזאַ מין פאַבריק! און די דאָזיקע פאַבריק איז גאָר געווען מערקווירדיק. דאָ האָט מען פאַראַרבעט די אָפּפאַלן, מיט וועלכע מען האָט פריִער נישט געוווּסט וואָס צו טון. די גאַז־פאַבריקן פלעגן פריִער די סמאָלע אַרויסוואַרפן, מען פלעגט נאָך אַפילו צאָלן פאַר דעם אַוועקפירן דעם דנאָ־אָפּזאַץ מיט דעם שלעכטן ריח. מיטאַמאָל האָט מען אויסגעפונען אַ מעטאָד ווי אַזוי צון פאַראַרבעטן די סמאָלע. און איצט ציט מען אַרויס פון אָט דעם פאַראַכטעטן שטאָף אַ סך נוצלעכס און ווערטפולס. אַנילין איז בלויז איינער פון אָט די דאָזיקע פאַבריקאַציעס. אין דער פּשוטער דערציילונג פון יענעם אַרבעטער איז מיר אויפגעפאַלן דער קאָנטראַסט, אַז די שיינע לוסטיקע פאַרבן ווערן אַרויסגעצויגן פון דער סמאָלע, זיי בליִען, אַזוי צו זאָגן, פון אים אַרויס, און אָט דאָס גאַנצע איז מיר פאָרגעקומען עפּעס ווי אַ ווונדערבאַרער פאַרגלייך. איז נישט צומאָל מיין לעבן, וואָס איך האָב געוואָלט אַוועקשליידערן, אויך אָט אַזאַ מין פאַבריקאַציע־אָפּפאַל, פון וועלכן מען וואָלט נאָך אפשר געקאָנט אַרויסציִען עפּעס גוטס? און ווען איך האָב אין מיין דערשיטערונג, ווייטער נאָכגעטראַכט, איז אין מיר צוזאַמענגעבראָכן די פריִערדיקע, פחדנישע און פאַרחושכטע וועלט־אָנשויונג, און אין מיר איז אויפגעקומען עפּעס נייעס, וועלכעס האָט, פאַרשטייט זיך, געפאָדערט יאָרן, ביז עס איז געוואָרן אַזוי פעסט און קלאָר, ווי עס איז היינט. אָנשטאָט זיך אומצוברענגען האָב איך מיר בעסער דאָ אויסגעבויט מיין הויז און איך האָב איר מיט דעראינערונג און מיט האָפענונג אַ נאָמען געגעבן „צום אַנילין“. מיינע באַקאַנטע, וועלכע האָבן מיך קיינמאָל נישט געהאַלטן פאַר משוגע, ווען איך האָב מיינע טעג און נעכט פאַרשפילט, פאַרשיכורט און פאַרטריבן מיט ליבעס, האָבן אויסגעפונען, אַז איך בין אַ נאַר, ווייל איך האָב אָנגעהויבן אַריינצולייגן אַ זין אין מיין לעבן. אָבער דעם דאָזיקן אורטייל איז זייער לייכט אַריבערצוטראָגן, ווען מען שטייט מיט די פיס אין זיינע אייגענע שיך. און נישט בלוי מיט מיין שטילער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג פאַרנעם איך זיך דאָ, איך ווירק אויך אויף די ווייטערע קרייזן מיט מיין טאַט“.

„וועלכע טאַט?“

„איך כאַפּ אַרויס מענטשן, מיין ליבער גאַסט, נאָך איידער זיי פאַלן אַריין אין וואַסער אַריין. אַזוי האָב איך שוין נישט איין בר־מינן אַוועקגעריסן פון טייך און פון אים געמאַכט אַ טיכטיקן מענטשן. מאַנכע פון זיי זענען אַזוי געלונגען, אַז עס איז אַן אמתע פראַכט. אין זייער טיפסטער פאַרצווייפלונג נעם איך מענטשן און קנעט זיי איבער... אַזוי גאָר, דו ווילסט זיך טויטן? נו, גוט, איך ראָט דיר

נישט אָפ: איך זאָג דיר נאָר: וואַרט נאָך אַ ווײַלע און אַרבעט נאָך מיט דיין פאַרצווייפלונג. ווייל פאַרצווייפלונג איז אַ טייערער שטאָף, פון וועלכן מען קען אויסאַרבעטן די וווּנדערבאַרסטע זאַכן: מוט, זעלבסטפאַרלייקענונג, שטאַנדהאַפטיקייט, אויפאָפפערונג... און אין יעדן איינציקן פאַל באַזונדער האָב איך געפונען א פאַרווענדונג פאַר דעם געראַטעוועטן לעבן. די גאָר פאַרעקשנטע האָב איך געהייסן זוכן זייער אונטערגאַנג אין אַ גרויסער אויפגאַבע, און פונקט די האָבן עס אַמווייניקסטן געבראַכט. דאָס וואָס עס וואַגן נישט די געמיינע באַקוועמע מענטשן, דאָס וואַגן מיינע מענטשן. דאָרט ווו דער באַרג איז אַממשופעדיקסטן, דאָרט קלעטערן מיינע חברה. און אונטער אַזעלכע באַדינגונגען גייט עס שטענדיק אַרויף... נו, זאָגט איר אַליין איז דאָס נישט אַ שיינער אינהאַלט פאַר אַ לעבן? ביים ים אַ שטיק לאַנד אָפצורייסן איז נאָך נישט דאָס גרעסטע. גרעסער איז דאָס וואָס איך שאַף מיט באַוווסטזיין. און ווען איך גיב אַ קוק צוריק אויף דער פאַרגאַנגענהייט, גלייב איך, אַז אַלע גרויסע מענטשן פון דער געשיכטע זענען אַמאָל געווען ביים לעצטן ברעג. און זיי האָבן זיך אומגעקערט ,כדי זייער פאַרצווייפלונג זאָל ברענגען פירות. אַלע דערפינדער, נביאים, העלדן, שטאַטסמענער, קינסטלער און אויך אַלע פילאָזאָפן, מיין ליבער גאַסט, ווייל מען פילאָזאָפירט קיינמאָל נישט העכער, ווי דעמאָלט ווען מען האָט שוין געקוקט דעם טויט אין די אויגן אַריין... גיט נאָר אַ קוק אַרויס דורכן פענצטער! אָט נייגט זיך שוין דער באַגינען מיט זיינע ראָזעווע פינגער איבער דעם בלאַסן טייך. עס וועט זיין אַ וווּנדערשיינער פרימאָרגן. ווילט איר נאָך?...

„ניין", האָט געזאָגט דער פראָפעסאָר; „און איך שעם זיך צו זאָגן פאַרוואָס איך האָב עס יאָ געוואָלט. זייט געזונט, מיין ליבער, און איך דאַנק אייך!".

ער איז אַרויסגעגאַנגען פון דעם הויז. יאָ; עס האָט זיך אויסגעשפרייט אַ ראָזעווער נעפל איבערן לעצטן ברעג. און דער פילאָזאָף איז מיט אַ שמייכל אין זיין נשמה אַוועקגעגאַנגען אַהיים צו זיין קסאַנטיפע.

(1896)

פעליעטאנען

דאָס לידיקע קינדער-צימער

אַך, וואָס מען לעבט דאָס אַלץ איבער מיט קינדער! איך קום דאָ אַנומלטן אַהיים און וויל אַריינגיין צו זיי. כאַפּ איך זיך, אַז פאַר דער טיר פון דעם קינדער־צימער הערט מען נישט קיין שום ליבן טומל פון קליינוואַרג ווי געוויינטלעך. זיי שפּילן זיך מסתמא אין אַ שטילן שפּיל. אָבער ווען איך קום אַריין געפין איך דאָס צימער ליידיק; ריין אַזוי ווי די קינדער זאָלן האָבן אַוועקגעפלויגן. עס ווערט מיר שווער אויפן האַרצן, ווי אָרעם דאָס הויז וואָלט געווען אָן זיי. און איידער איך גיב זיך נאָך די מיושבדיקע דערקלערונג, אַז זיי האָבן געקענט איצט אַוועקגיין שפּאַצירן, לויף איך שנעל קוקן אין אַלע ווינקעלעך, צי שפּילן זיי טאַקע נישט אין באַהעלטעניש. עס ווערט מיר אַפילו אַ ביסל אומעטיק, ווי עס ווערט אפשר זיי, ווען מען דערציילט זיי די מעשהלעך, אַפילו די וואָס זיי קענען שוין. כאָטש מען ווייסט, אַז רויט־היטעלען האָט דער וואָלף נישט אויפגעגעסן און ווייס־שנייעלע איז נישט אויף אַן אמת טויט, אָבער דאָך שרעקט מען זיך אַלע מאָל אויפסניי.

איצט זענען זיי אַוועקגעגאַנגען, און זייער נעסט איז אַזוי מאָדנע שטיל. אין אַ ווינקל שטייען דריי פּאָר שיכלעך, וואָס זיי טראָגן זיי אין דער היים, אויסגעשטעלט אין אַ גלייכער שורה. אויף פּוילינעס בעט ליגן פיין צוזאַמענגעלייגט די רויט־בלויע פאַרטעכלעך פוןביידע מיידלעך, אויף אַ נידעריקן שטרויענעם בענקל דער לעדער־גירטל פון דעם יינגל. אויך די שפּילעכלעך אויף די ווייסע שאַפעס שטייען אָן לעבן אויסגעשטעלט אין אַ גוטער אָרדענונג. די הילצערנע פערד, דער וואָגן פון דעם קאַרליק, דאָס ליאַלקע־צימער פאַר אַלע סיטואַציעס, אין וועלכע די ליאַלקעס קענען זיך אַמאָל געפינען, און דאָרט דאָס מאַריאָנעטן־טעאַטער, פאַר וועלכן זיי פאַטשן אַזוי פריילעך מיט די הענט. אין די וויגעלעך ליגן די וואַקסענע בעביס, מיט פאַרמאַכטע אויגן אונטער שפּיצן־פאָרהאַנגלעך. אַלע שפּילצייגן זענען אַזוי פאַרלאָזן, אַזוי ווי די קינדער וואָלטן זיי שוין האָבן אויף שטענדיק אַוועקגעלייגט. אָט דאָס איז טאַקע די סיבה צוליב וועלכער מען מוז ווערן טרויעריק אין אַזאַ מין מאָמענט. ווייל דאָס וואָס עס באַווייזט זיך פאַר אונדז אין אַ קורצער אָפּוועזנהייט פון אונדזערע ליבע הערשאַפטן, וועט טאַקע אַמאָל אין אַ טאָג זיין אַ ווירקלעכקייט. אָט די אַלע אוצרות וועלן אַמאָל אַוועקוואַנדערן צו

דעם קאַסטן פון אַלטן בראָכוואַרג, כאָטש דאָס זענען לויטער היסטאָרישע דערינערונגען, וועגן ווונדערבאַרע צייטן, וועלכע קערן זיך שוין מער קיינמאָל נישט אום.

דאָ אַנומלטן האָבן זיי אַליין טאַקע אַרומגעזוכט אין דעם אַלטן קאַסטן פון בראָכוואַרג, כדי איבערצוקוקן די אַלטע זאַכן מיט וועלכע זיי ווילן זיך שוין מער נישט שפּילן און זיי אַוועקשענקען, אָן שום פּיעטעט, אָט אַזוי ווי קינדער זענען. און דאָך איז דער פּאַיאַץ מיט די גלעקעלעך געווען אַמאָל אַ גרויסע פרייד, דער צוזאַמענגעפאַלענער גומי־באָל איז פריִער געשפּרונגען הויך, דער טרומייט האָט געהאַט טענער אין זיך, דער בלויער הוזאַר איז געווען עלעגאַנט, איידער דער האַנס האָט אים אַרויסגעריסן די פּיס. קינדער דערווייטערן זיך גיך פון זייערע שפּילעכלעך. יאָ, ווייל זיי וואַקסן אַזוי שנעל און שפּאַנען מיט ריזיקע שריט אין דער פאַרשטענדעניש אַריין. אָבער פאַר אונדז זענען די אַלע קלייניקייטן דאָך אַן אָנווייזער און אַ דערמאָנער, אַז די יאָרן גייען. דאָ ליגט אַ קויטשוק־ליאַלקע, וואָס פּייפט. מען זעט אויף איר נאָך שפּורן פון הענטלעך, וואָס האָבן זי אַרומגעהאַלטן, פון דעם אָנצייניקן מיילעכל, וואָס האָט עס אַרומגעגריזשעט. און דאָס אַלץ איז שוין אַזוי ווייט אַוועק. אונדזערע קינדער לאַכן מיט פאַרגעניגן, ווען מען דערציילט זיי, אַז זיי זענען געווען אַזוי קליין און נאַריש. זיי ווילן עס גאָרנישט גלויבן. אַך, עס איז אָבער אַזוי, אַפילו ווען עס ווייזט זיך זיי אויס אַז עס איז אַ מעשהלע. זיי זענען לעבן אַלעמען פאַרבייגעגאַנגען, און האָבן עס נישט געזען, און מיר, יאָ, יאָ, מיר אויך. דאָ, אין אָט דעם ליידיקן קינדער־צימער, מוז איך טראַכטן וועגן דעם, און וואָס פאַר אַ שאָד דאָס איז! וואָס מען קען פון אָט דער גאַנצער ליבלעכער אַנטוויקלונג גאָרנישט באַהאַלטן אויף די שפּעטערדיקע טעג. די קינדהייט פון אונדזערע קינדער איז אַזוי ווי מוזיק, וואָס שוועבט אַדורך און פליט אַוועק, נאָך איידער מיר האָבן זיך באַטראַכט, אַז דאָס איז געווען אויסערגעווויינלעך זיס. ניין, זי איז נאָך פאַרביילויפנדיקער ווי מוזיק, ווייל די מוזיק קענען מיר אַמאָל ווידער הערן, אָבער די טענער פון דער קינדהייט פון אונדזערע קינדער ברענגט שוין קיינמאָל קיין שום זאַך נישט צוריק. זיי זענען איצט אַנדערש ווי זיי זענען געווען צוריק מיט אַ יאָר, און איך דאַרף זיך שוין אָנשטרענגען אויף אַרויסצורופן אין זיך דעם אויסדרוק זייערן פון צוריק מיט אַ צוויי דריי יאָר, אַפילו ווען איך קוק אויף זייערע פאָטאָגראַפיעס. בעת מען האָט זיי פאָטאָגראַפירט, זענען זיי געווען איבערראַשט אָדער פאַרשעמט, און זיי האָבן אַליין נישט געוווסט וואָס מען וויל פון זיי, און זיי האָבן געמוזט קוקן „פריינטלעך“ אָדער זיך נישט באַוועגן, בעת דער מאַן האָט זיך באַהאַלטן אונטער דעם שוואַרצן טוך. דערפאַר האָבן די בילדער נישט קיין שום אויסדרוק, און זיי ברענגען אויך גאָרנישט צוריק פון דעם וואָס עס איז דעמאָלט געווען. אַך, ווי פרי עס הייבט זיך אָן דאָס מענטשלעכע פאַרגייען!

מוטערס, וואָס האָבן צייט און אַ ביסל בילדונג, וואָלטן געדאַרפט פירן טאָג־

ביכער וועגן זייערע קינדער פון דעם ערשטן אויגנבליק ווען עס דערוואַכט זייער באַוווסטזיין. אָ, דאָ קען מען נאָך אַרויסבאַקומען אַ סך אויפקלערונג וועגן דעם מענטשלעכן מין. מען דאַרף דערצו נישט האָבן קיין ספּעציעלע קונסט פון שרייבן, מען דאַרף נאָר אַן אויפמערקזאַם פאַרצייכענען. די ערשטע צייט פון דעם בין השמשות, פון וועלכער עס רייסט זיך לאַנגזאַם אַרויס די פונקציע פון



דאָס הויז אין בודאַפּעסט (אין דער רעכטער זייט פון דער שול), וווּ ס׳איז געבוירן געוואָרן ד״ר הערצל, דעם 2טן מאַי 1860.

דער נשמה און דריקט זיך אויס אין אַנטפּלעקונגען און איבערגענג. יעדע אַנט־פּלעקונג איז אַ געשעעניש, יעדער איבערגאַנג איז אַן אומבאַשרייבלעכער וווּנ־דער. וואָס קומט דאָ אַלץ פאָר אין דעם קינד, ביז עס שטעלט זיך אויף צום גיין און ביז עס אַנטשליסט זיך צו רעדן! דאָס זענען פּרעהיסטאָרישע געשעע־נישן. איך ווייס נישט צי האָב איך דאָס ערגעץ וווּ געלייענט — אפשר ביי טיין — „דע ליאינטעליזשאַנס״ — אָדער האָב איך עס אַליין באַמערקט ביי מיינע קינדער, אַז זיי פאַרשטייען דאָס רעדן פריִער איידער זיי הייבן אַליין אָן רעדן. ווען זיי הייבן שוין אָן רעדן, רופן זיי אָן ערטער און מענטשן, וועלכע זיי האָבן געקענט נאָר אין זייער שפּראַכלאָזער צייט. און וועלכע זענען פאַר זיי זייט דע־

מאָלט נישט מער דערמאָנט געוואָרן. די שפּראַך איז צוזאַמענגעשטעלט פון לוי־טער רעטענישן. איך דערמאָן מיך, ווי איך האָב צוריק מיט עטלעכע יאָר גע־רעדט מיט מיינעם אַ פריינט וועגן דער פילאָלאָגישער אַנטדעקונג פון דעם קעגן־זין פון די אור־ווערטער, און איך האָב גענומען אַלס ביישפּיל מיינע קינ־דער. פוילינע פאַרמאָגט אַן ערך אַזוי פיל ווערטער, וויפל אַן עגיפּטערין וועלכע האָט געלעבט מיט טויזנטער יאָרן פון אונדזער צייט־רעכענונג; האַנס שטאַמלט ווי אַ קאָנגאָ־נעגער. אָבער ווי אַזוי דאָס רעדן זייערס איז געווען, אויף וועלכן איך האָב זיך דעמאָלט באַצויגן מיט מיין פאַרגלייכן, וועגן דעם האָב איך שוין היינט נישט קיין שום פאַרשטעלונג.

ווער עס וואָלט געמאַכט פּינקטלעכע אויפצייכענונגען וועגן דער אַנטוויק־לונג פון זיינע קינדער, דער וואָלט אָנגעשריבן אַ גוט און אַ נוצלעך בוך. מען דאַרף זיך נישט איינרעדן, אַז דאָס זענען פערזענלעכע זאַכן. דאָס זענען אייגנט־לעך די אַלגעמיינסטע זאַכן. נאָר צוליב אייגענעם פאַרגעניגן רופט מען זיי אָן מיט דעם אמתדיקן נאָמען, און צוליב דעם ווייל מען וויל אַמאָל די קינדער די אויפצייכענונגען ווייזן, ווען זיי וועלן גרויסוואַרן און ווען זיי וועלן זיי פאַר־שטיין. אין דער אמתן געהערן די דאָזיקע פּשוטע געפילן און געדאַנקען, מיט וועלכע מען דאַרף זיך נישט שעמען און אויך נישט באַרימען, צו אַלע מענטשן. אַט דאָס איז דאָס נאַטירלעכע. ווען אַלע מענטשן וואָלטן געשריבן די כראָניק פון זייערע קינדער, וויפל וואָלטן דאָס די אַנטראָפּאָלאָגן געקענט לערנען פון דעם. איך האָב מיט אַ לענגערער צייט צוריק געלייענט אַ שיין בוך פון קאָראַדאָ ריטשי „ל׳אַרט דעי באַמביני״, אין וועלכן ער באַווייזט די אויסערגעוויינלעכע קירבות צווישן די צייכענונגען פון קינדער מיט דער קונסט פון די נאַטור־פעלקער. בייביידן אין דעם אומבאַהאָלפענעם אויסדרוק איז פאַראַן די זעלבע פּרימיטיווע אָנשויונג וועגן זאַכן. אַזוי, אַז מיר זעען אין דעם קינדער־צימער — אויב מיר זעען — אַדורכגיין די גאַנצע געשיכטע פון מענטשלעכן מין. אָבער מיר האָבן דאָך אַזוי פיל וויכטיקערע געשעפטן אין זינען, מיר מוזן זיך יאָגן נאָך דערפאָלגן און נאָך פאַרדינסטן, אַז גראָד וועגן דעם אינטערעסירן מיר זיך נישט. און ערשט ווען די קינדער־שטוב ווערט ליידיק, דערוויסן מיר זיך, וואָס עס איז אַזוי אומבאַמערקט אַדורכגעגאַנגען.

ווען איך קלער אַזוי צוריק וועגן אַט די יאָרן פון מיינע קינדער, געדענק איך שוין אויך נישט קיין סך. העכסטנס עטלעכע וויכטיקערע געשעענישן. אָבער פאַר דעם און נאָך דעם איז אַלץ פאַרשוווּנדן, געשטאַלטלאָז. איין געשיכטע האָב איך יאָ גאַנץ דייטלעך אין מיין זכרון: טרודלס סוד... טרודל איז געווען אַ קליין קינד. עס האָט נאָך נישט געקענט רעדן, מיר האָבן אָבער פונדעסטוועגן געגלויבט, אַז זי איז אַ קלוגע באַשעפעניש. זי איז געזעסן אויף איר הויכן קינדער־שטול אַריינגעקוועטשט צווישן טיש־ברעטל און דעם אויסגעבעטן אָנלען און האָט מיט

פאַרשטענדעניש געקוקט אויף די גרעסערע קינדער, וועלכע האָבן זיך אַוואַנטוריסטיש אַרומגעיאָגט איבערן צימער. טרודל איז געווען די יינגסטע. ווען די קינדער זענען געווען פריילעך, האָט מען פלוצלונג טרודלען דערהערט זינגען. קיינער האָט קיינמאָל נישט געוווסט, וואָס טרודל האָט געזונגען, ווייל דאָס זענען געווען לידער אָן ווערטער און מיט אַ גאַנץ אומבאַקאַנטער מעלאָדיע. עס האָט זיך געטראָפן, אַז אַמאָל אין אַ ביינאַכט, האָט מען מיך גערופן צו טרודלען. די אַנדערע קינדער זענען גוט געשלאָפן, נאָר טרודלען האָט די אַם אירע געהאַלטן אויף די הענט און זי איז געווען וואַך און — קראַנק. טרודל האָט נעבעך געהוסט, איר קערפּער איז געווען הייס און דאָס ליבע פּנימל אירס איז שוין געווען איינגאַנצן איינגעפאַלן. איך האָב זי אַ ווײַלע אַרומגעטראָגן אויף די הענט און האָב זיך באַמיט מיט די געוויינלעכע שפּאַסן זי אויפצומונטערן. דאָס איז מיר געלונגען כאָטש אירע אויגן האָבן געגלאַנצט פון פיבער. זי האָט עפּעס געגוגערט: מם־מם־מם! עס האָט זיך אויסגעוויזן, אַז זי וויל עפּעס; נאָר עס איז נישט געווען מעגלעך אַרויסצובאַקומען וואָס. פון אַלעמען וואָס מען האָט איר אונטערגעטראָגן האָט זי זיך אַוועקגעדרייט מיט פאַרדראָס. אָבער ווען מען האָט זי צו רו געלאָזט, האָט זי ווידעראַמאָל אָנגעהויבן: מם־מם־מם! און זי האָט מיך דערביי אַזוי מאָדנע אָנגעקוקט, ווי זי וואָלט מיר וועלן עפּעס זאָגן און קען נישט. עס איז געווען אַ פּיין צוצוקוקן ווי זי ראַנגלט זיך נאָך אַן אויסדרוק, דורך וועלכן זי וואָלט אפשר געקענט אָנדייטן, וואָס איר טוט וויי. אירע אויגן האָבן גערעדט, זי האָט דעם מם־מם־מם! געגעבן אַלע מאָל אַנדערע באַטאָנונגען, אָבער זי האָט נישט געקענט אויפמאַכן די ליפּן, און כדי צו קענען אויסזאָגן איר סוד האָט זי זיי געמוזט אויפמאַכן. אין דעם שטיל ציטערנדיקן קערפּערל איז דער סוד געלעגן פאַרשלאָסן. זי איז לסוף מיד געוואָרן און איז איינגעשלאָפן. אַלץ איז שטיל געוואָרן, מען האָט דעם לאָמפּ אויסגעלאָשן און דאָס גאַנצע הויז האָט זיך ווידער באַרויִקט, נאָך דער אויפרעגונג. דאָס האָט אָבער לאַנג נישט געדויערט. נאָך אַ קורצן אומרויִקן שלאָף האָט אונדז די אַם ווידער אויפגעוועקט מיט אַן אַנגסטגעשריי: מיטן קינד איז ווידער געוואָרן שלעכט. טרודל איז געווען צום אויסלעשן. איך האָב זי גענומען אויף די הענט, זי האָט מיך נאָכאַמאָל אָנגעקוקט, זי האָט נאָך אַ וואָרקע געטון איר מם־מם־מם! דערנאָך איז דאָס קליינע הערצעלע געבליבן שטיל. איך האָב געהאַלטן אין די הענט איר פאַרשטאַרצט קערפּערל, וואָס איז נאָך געווען אַ רעטעניש טויטערהייט פּונקט ווי ביים לעבן. טרודל איז געשטאָרבן. דער ווייטיק איז געווען גרויס. מיר האָבן זי געמוזט ברענגען צו קבורה. די לוויה איז געווען פּונקט ווי ביי אַ דערוואַקסענעם מענטשן, עס האָבן אַפילע געברענט די גאַז־לאָמפּן אויף די גאַסן, ווייל עס איז געווען אַלגעמיינער טרויער נאָכן קינד. ווען איך בין נאָכגעגאַנגען נאָך איר אָרון זענען צו מיר צוגעקומען פרעמדע מענטשן און האָבן מיר אויסגעדריקט זייער לייד, מחמת

טרודל איז געשטאָרבן און איבערהויפּט, וואָס זי האָט מיט זיך מיטגענומען איר סוד. אין טיפן טרויער זענען מיר אַזוי אָנגעקומען אויפן בית־הקברות, און דאָ איז שוין אַלץ געווען צוגעגרייט; אָבער ווען איך האָב דערזען דעם קבר, אין וועלכן מען האָט געדאַרפט אַראָפּלאָזן טרודלען, איז מיר דער ווייטיק געוואָרן צו גרויס — און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט. עס איז שוין געווען ווייסער טאָג. איך בין אַריינגעפלויגן אין קינדער־צימער, דאָ איז שוין טרודל געזעסן פריש און געזונט אויף איר הויכן שטול, די אויגן זענען געווען ליכטיק ווי דער טאָג, און איבער נאַכט האָט זי אויסגעלערנט אויפמאַכן די ליפּן ביים רעדן. זי האָט איצט גאַנץ דייטלעך געזאָגט: פּאַפּאַ! דאָס האָט זי געוואָלט זאָגן נעכטן, דאָס איז געווען טרודלס סוד.

נו, וואָס? אַ דערינערונג וועגן אַ שלעכטן חלום, אַט דאָס איז אַלץ וואָס עס איז געבליבן פון יענער צייט. איך קען נאָך אַ געשיכטע פון האַנסן. זי איז קורץ, אייגנטלעך אַ בילד. דאָס איז געווען אין הולגאַטע. האַנס איז געווען נאַריש, אוי־סערגעוויינלעך נאַריש. ער איז שוין אַלט געווען פינף פערטל יאָר און האָט נאָך נישט אַרויסגעוויזן קיין מינדעסטן שפּור פון אינטעליגענץ. ער האָט איינפאַך גאָרנישט פאַרשטאַנען, נישט קיין וואָרט, נישט קיין שפּיל און האָט אויך נאָך נישט געפּרוווט זיך אויפצושטעלן. ער איז האַלבע טעג געזעסן אויפן זאַמד, ביים ברעג און האָט געפּאַטשט מיט די הענט אויף דער ערד. פון דער ווילע פון אָעילעטס האָט מען געקענט זען דאָס קינד זיצן אויפן זאַמד אין דער ראַזעווער וואַסער־הויב, און לעבן אים האָט געדרימלט די באָנע. און אין אַ שיינעם טאָג איז געשען דאָס מערקווירדיקע. פון זיין זיצנדיקער האַלטונג האָט זיך האַנס אָנגעשפּאַרט אויף די הענט, האָט זיך פריי אויפגעשטעלט, און האָט גענומען גיין, קיינער האָט אים נישט געהאַלטן און אים נישט דערמוטיקט דערצו. ער איז אומגעפאַלן, איז אָבער באַלד אויפגעשטאַנען און ווייטער געגאַנגען. ער האָט מיטאַמאָל באַנומען דאָס גיין, דער נאַר. איך ווייס נישט וואָס ער וועט נאָך אויפטון אין לעבן, איך וועל אויף אים זיכער מער קיינמאָל נישט אַזוי שטאָלץ זיין ווי דעמאָלט.

זייט יענעם טאָג זענען שוין אַריבער פינף יאָר, און יענע וואָך גיט זיך דאָס יינגל אַזוי אַ זאָג: „פריער האָב איך דעם אומבאַשטימטן אַרטיקל נישט געקענט". איצט קען ער אים שוין. עפּעס אַ קלייניקייט! און וואָס איז דאָ אַלץ פאָרגעקומען אין דער צייט צווישן הולגאַטע און דעם אומבאַשטימטן אַרטיקל.

צווישן דעם ליגט דער גאַנצער וואַלד פון מעשהלעך, אין וועלכן די קינ־דער זענען פאַרבונדן מיט פאַרשידענע חיות, קענען די פייגל־שפּראַך און הערן דאָס גראָז וואַקסן. פאַר די ריזן האָבן זיי נישט שטאַרק מורא און מיט די קאַר־ליקעס זענען זיי היימיש, ווייל זיי זענען אויך קליין. עס זענען פאַראַן פריי־פלעצער, אָן ביימער אין וואַלד, אויף אַט די גרינע לאָנקעס קומען צו לויפן בערן

און לייגן זיך צו די פיס ביי די קינדער. די וועלף לאָזן זיך גלעטן די פעל, און דער פוקס מאַכט שפּאַסן מיט זיי. דאָ וואַקסן אַזעלכע בלומען, וואָס מען זעט נישט אינערגעץ, אָבער ווען מען וויל זיי אָפּרייסן, קומט אַמאָל אַרויס אַ שלענגעלע, שלאַנק ווי אַ ליכט און וואַרנט זיי. דאָס שלענגעלע טראָגט אַ קריינדעלע אויפן קאָפּ, ווייל אייגנטלעך איז עס אַמאָל געווען אַ מלכּס אַ קינד, וואָס איז אַמאָל פאַרכּישופט געוואָרן, ווען עס איז געגאַנגען קלויבן יאַגאָדעס. איבער די באַרג־שפּיצן פליט אַרום אין קרייזן דער רויב־פויגל. אָבער די קינדער קען גאָרנישט געשען, ווייל זיי ווערן געהיט פון אַ מלאך אַ געטרייעם. נאָר אין עטלעכע יאָרעלעך אַרום מוזן זיי דעם וואַלד פון די מעשהלעך אויך פאַרלאָזן, און דאָרט אין דרויסן הייסט עס מיטן גאַנצן ערנסט: לערנען!

אָט שטייט שוין די נייע שול־באַנק אינעם קינדער־צימער. אונדזערע קינדער לערנען שוין. טרודל מעג זיך נאָך אַרומיאָגן איבער דעם גן־עדן, פּוילישע און האַנס לייענען, שרייבן און רעכענען. אַ סך מאַטערניש. זיי וויסן נאָך נישט וואָס פאַר אַ גרויסע טיר מיר מאַכן פאַר זיי אויף, דורך וועלכער זיי וועלן דאַרפן אַרויסגיין אין לעבן אַריין. שפּעטער וועט אויך זייער פעדער שפּילנדיק לויפן איבערן פּאַפּיר, איצט אָבער מאָלן זיי מיט מי און פּיין די האַרטע שטריכן. שעגער איז דאָס לייענען. אָ, דאָ דערוויסט מען זיך וועגן פילע זאַכן! מען פאָרט מיט גוליווערן איבער פאַבלהאַפטע לענדער, מיט ראָבינזאָן קרוזאָ ליידט מען אַ שיף־ברוך, מען גייט דורך דעם דזשונגל פון לידער און מען געפינט דעם וועג צו דער שאַץ־קאַמער פון פּאָעזיע. און די ביבל מאַכט מען אויף. און נאָכאַמאָל האָט זיך אָנגעהויבן דער בראשית.

עס קייטלט זיך אַ טאָג און אַ טאָג און צו די וווּנדער נעמט קיין סוף נישט. דאָס גרעסטע אָבער איז דאָס וואָס מיר גייען ווידער מיט דעם אַלטן וועג און ווייזן אים אונדזערע קינדער. מיר לערנען זיי אונדזערע תּפילות, וועלכע מיר האָבן שוין פון לאַנג פאַרגעסן. און זיי מאַכן זיך דערצו אַליין אַ צוגאָב־תּפילה: „גאָט, דו ליבער העלף אונדז, אַז עס זאָל מאָרגן זיין אַ שיינער וועטער!" דאָס איז זייער וויכטיק, זיי זענען גערעכט — און מיר טוען שטילערהייט תּפילה צוזאַמען מיט זיי: „העלף גאָט, אַז עס זאָל מאָרגן זיין אַ שיינער וועטער!" מיר שרעקן זיך פאַר דעם מאָרגנדיקן טאָג, ווייל ער וועט אונדז צעשיידן מיט זיי. פאַראַנען טעג, זאָגט דער רוימישער יוריסט, וואָס מען איז זיכער, אַז זיי וועלן קומען, מען ווייסט נאָר נישט ווען. פאַר דעם איז דער בעסטער ביישפּיל דער טויט. פאַראַנען אַנדערע טעג, וואָס מוזן נישט קומען, אָבער ווען זיי קומען, קומען זיי צו אַ באַשטימטער צייט. אַזאַ מין אומבאַשטימטער טאָג, וואָס קומט צו אַ באַשטימטער צייט איז דער טאָג, ווען די קינדער פאַרלאָזן די קינדער־שטוב. די מיידלעך מוז מען חתונה מאַכן, געהערן זיי שוין צו אַן אַנדערער היים — יאָ, יאָ, העלף גאָט ס'זאָל מאָרגן זיין אַ שיינער וועטער! דער יינגל וועט זיך מיטאַמאָל געבן

אַ הייב אויף און וועט אַוועקגיין, ווי דעמאָלט ביים ים. מיר קענען שוין אָפּמעסטן, ווי קורץ דער חלום וועט האָבן געווען. אַך, ווי שנעל די יאָרן לויפן! און מיר בלייבן זיצן איינזאַם, אַליין, אַזוי ווי איך איצט אין דעם ליידיקן קינדער־צימער, און מיר באַטראַכטן טרויעריק די שפּילצייג, וואָס זיי האָבן שוין אויף תמיד אַוועקגעלייגט, און מיר באַמיִען זיך אומזיסט צוריקצורופן די שיינע צייט, פון וועלכער עס בלייבט גאָרנישט מער צוריק...

אָבער וואָס איז דאָס? אין דרויסן האָט זיך אַ ריר געטון דער גלאָק. אַ ליאַרם, אַ רעש און אַ געלעכטער, טראַפּ, טראַפּ, אָט זענען זיי שוין פאַר דער טיר, זיי רייסן זי אויף און שטורעמען אַריין מיט רויטע באַקן פונעם שפּאַציר. זיי ווייסן נישט פאַרוואָס איך הייב זיי אויף און דריק זיי צו שטאַרק צו זיך. אַך, גאָט צו דאַנקען! די קינדער־שטוב איז נאָך פול.

טרוזלס טרער

טרודל קען שוין שרײַבן אויך. עס פעלן איר נאָך פינף אותיות, צווישן זיי פאַרשטייט זיך, די שווערע קאַ, באַלד וועט זי שוין האָבן דעם גאַנצן אַלפאַבעט. עס איז אײַגנטלעך אַ מערקווירדיקער לעבנס־אָפּשניט, און ערשט בײַ טרודלען הייב איך אים אָן גוט צו פאַרשטיין. פּוילינע און האַנס האָבן די דאָזיקע קונסט זײַט אַ לענגערע צײַט שוין אויסגעלערנט; פאַר צוויי און פאַר דריי יאָרן האָבן זיי דאָרט געהאַלטן, ווו עס האַלט איצט זייער שוועסטער טרודל, אָבער בײַ זיי איז דאָס נישט געווען אַזוי איבערראַשנדיק, ווײַל מען האָט זייער פריִערדיקן צושטאַנד, פון וועלכן זיי זענען אַריבערגעגאַנגען אין דעם נײַעם, נישט אַזוי גוט געקענט אונטערשיידן. די דערוואַקסענע זענען אָפּגעשיידט פון דער קינדער־וועלט מיט טויזנטער מײַלן. מיר ווייסן אַפּשר ווייניקער פון זיי ווי זיי פון אונדז. די געהיימנישפולע און גרויסאַרטיקע פּאַסירונגען אין זייער אַנטוויקלונג שפּילן זיך אָפּ פאַר אונדזערע אויגן און מיר פאַרשטייען ווייניק וואָס דערפון. אַלנפאַלס פאַרשטייען מיר נאָר דאָס בולטע: אַז זייערע טריב־בלויע אויגן עפענען זיך העלער, אַז זייערע הענטלעך כאַפּן שוין אָן זאַכן זיכערער, אַז זייער וואָרקען פאַרבײַט זיך אין דײַטלעכערע קלאַנגען, אַז זיי הייבן אָן רעדן, שטיין, גיין, לערנען, אַז זיי וואַקסן. און אָט אַזוי וואַקסן זיי ווײַטער, שנעל אָן אַ שום אָפּהאַלט, וואַקסן אונדז נאָך, צײַטיקן אַרײַן אין אונדזערע קענטענישן אַרײַן, לויפן אַנטקעגן אונדזערע דערפאַרונגען, פון וועלכע מיר קענען זיי, בײַ דער גרעסטער ליבשאַפט אונדזערער, נישט פאַרהיטן, אַפילו ווען מיר זאָלן ווילן, וואָס עס שטייט פאַר זיי. אָבער מיר ווייסן גאָרנישט פון דעם, כאָטש מיר זענען אַליין אַמאָל דורכגעגאַנגען דורך אָט די ליבלעכע געגנטן. דאָס פאַרגעסן, איז אויך אַ גליק פון די מענטשן־קינדער. מיר פאַרגעסן דאָס לעבן נישט ווייניקער ווי דעם טויט. די מדרגות פון אונדזער אַנטוויקלונג וועלכע מיר האָבן אויף אונדזער אייגענעם לײַב און אויף אונדזער אייגענעם גייסט מיטגעמאַכט, ווערן פאַר אונדז אַזוי פרעמד, אַז מיר בלײַבן שטיין דערשטוינט, ווי פאַר אַן אַנטדעקונג, ווען מיר באַמערקן צופעליק דאָס גאַנץ געוויינלעכע.

ווען פּוילינע האָט אָנגעהויבן צו מאָלן אין איר ערשטן ברוינעם העפט דעם באַרימטן בוכשטאַב אי, האָט זי שטילערהייט באַדויערט. אַ יאָר שפּעטער ווען

האַנס האָט זיך מוטיק פאַרמאָסטן צו דעם זעלבן בוכשטאַב, האָט מען די געשעניש אויך נישט אָפּגעשאַצט ווי עס באַדאַרף צו זיין. איך גלויב, אַז ווען מיר זעען ווי אונדזערע קינדער לערנען, האַלטן מיר דאָס, טאַקע ווייל מיר זענען פרעמד צו זיי, פאַר אַ גרויסן עול, פאַר וועלכן מיר קענען זיי ביי אונדזער גרעסטער ליבשאַפט, נישט פאַרהיטן. לערנען שרייבן, דאָס איז דאָך אַ גרויל! ווען מיר זאָלן עס שוין נישט קענען, וואָלטן מיר זיך עס היינט בשום אופן מער נישט אויסגעלערנט. אָט דאָס איז טאַקע · זייער ביטרע איינגעאָרדנט, אַז מען לערנט די קינדער מיט געוואַלט אין אַ צייט ווען זיי קענען זיך נישט ווערן. איידער אַריבערטראָגן אַ שטראָף קלייבן זיי בעסער אויס דאָס מאָלן אותיות, אַלס אַ לייכטערע אָפּקומעניש. און איידער זיי קוקן זיך נאָך אַרום זענען זיי שוין אַרויסגעשטויסן פון דעם גן־עדן־צושטאַנד פון אומוויסנקייט. ווי גרויזאַם איז דאָס, וואָס מיר מאַכן אַזוי שנעל און מיט געוואַלט אַ סוף צו דער גליקלעכער לעבנס־עלטער, נאָך וועלכער מיר בענקען דאָס גאַנצע לעבן אונדזערס. אָט אַזוי מער ווייניקער איז דער געדאַנקען־גאַנג פון די עלטערן מיט וועלכן זיי באַגלייטן דאָס לערנען פון די קינדער. אָבער מען טאָר דעם קליינעם שוואַכן פאָלק נישט אַרויסווייזן קיין מיטגעפיל, ווייל זיי הייבן זיך אָן צו בונטעווען, אַזוי ווי אַנטקעגן אַ צו שוואַכער רעגירונג. עס איז אַזוי איינגעאָרדנט, אַז דער גן־עדן איז נאָך טאַקע אַלץ דאָ, אָבער ער ווערט צוביסלעך פאַרלוירן.

צו דעם אַרויסגאַנג פון אָט דעם גן־עדן איז אָנגעקומען טרודל און דאָ האָט זי אַנומלטן פאַרגאָסן אַ טרער. אַן איינציקע, קליינע, רונדע טרער, וועלכע איז נישט אַראָפּגעפאַלן אויף דער ערד, נאָר אויף אַ בלעטל פון אַ בוך, און די שפּור אירע וועט אַ לענגערע צייט דאָ פאַרבלייבן. דאָס איז אַ גאַנצע געשיכטע נישט אָן קיין מוסר השכל, וועלכן מען קען אַרויסזען אויף וויפל דער דערוואַקסענער מענטש קאָן לערנען ביים קינד, ווען ער איז נאָר גוט אויפמערקזאַם.

טרודלס שטעלונג ביי די קינדער אין די לעצטע צוויי יאָר איז געווען אַ מאָדנע, זיי האָבן זי פאַראַכטעט און מקנא געווען. זי איז געווען די איינציקע אין הויז, וועלכע האָט קיין שום פליכטן נישט געהאַט. פון איר האָט מען נאָר פאַרלאַנגט, אַז זי זאָל גוט עסן און פינקטלעך אין צייט איינשלאָפן. ווייטער האָט זי אין אַלץ געהאַט פרייהייט, פאַר איר איז געווען אָפן די אמתע לאַנדשאַפט פון גן־עדן. זי איז געווען אַ ליבנסווירדיקע ווילדע, מען האָט פון איר געליטן און מען האָט זי געצערטלט. די גרעסערע קינדער אַפילו האָבן פון איר גערעדט האַלב מיט גרינגשעצונג און האַלב מיט ליבשאַפט, ווי פון דער קליינער. נאָך אַ גליק, וואָס זי איז נאָך נישט געווען אַזוי פיינפילנדיק, זי זאָל קענען אַרויספילן די דערנידעריקונג פון דער דאָזיקער פריינטשאַפט. זי האָט געלעבט אַ זאָרגלאָז לעבן. בעת די אַנדערע קינדער זענען געווען שווער פאַרזאָרגט מיט זייערע אויפגאַבן האָט זי זיך געשפילט וויפל איר האַרץ האָט געגלוסט. זיי האָבן זיך

געמוזט מוטשען מיט דעם רעכענען אויפן קאָפּ, בעת טרודל האָט זיך געשוועבט אין אירע איינבילדונגען. מען וועט עס קיינמאָל נישט וויסן, און זי אַליין וועט עס אויך פאַרגעסן, וואָס פאַר אַ וווּנדערלעכע אַוואַנטורעס זי האָט דורכגעלעבט אין איר נשמה, ווען זי איז געזעסן מיט איר ליאַלקע אין אַ ווינקל אויף אַ בענקעלע, אָדער ווען זי האָט אַרומגעוויקלט אַ לאַנג שטריקל אַרום אַ שטיקל האָלץ, אָדער ווען זי האָט אויסגעשניטן בלעטער פון פּאַפּיר, פון זיי צוזאַמענגעלייגט אַ קראַנץ, וואָס איז געלעגן אויף אירע לאָקן, און זי האָט אויסגעזען ווי אַ קעניגין פון אַ מעשהלע. די צייט איז געווען פאַר איר פול מיט לידער, וואָס שוועבן אַדורך אין דער נשמה אָן אַ קלאַנג. דאָס קומט פאַר נאָר ביי קינדער, ווי ביי דיכטער אין פרילינג, וועלכע זענען צו שטאָלץ צוזאַמענצושטעלן געדיכטן פאַרן פּובּ־ליקום. דאָס האָט מען געקענט באַמערקן פון דער ווייטנס, ווען מען פלעגט אַמאָל זען אירע אויגן גלאַנצן אין פאַרקלערטקייט.

האָט זי זיך אָבער פאַרגעשטעלט איר גליק? ווי קליין עס זאָל נישט זיין דאָס מענטשן־קינד, שטייט עס אין דער הינזיכט אונטער דעם אַלגעמיינעם גע־זעץ: מיר גיבן זיך נישט אָפּ קיין חשבון פון דער גוטער צייט כל זמן זי איז דאָ. אָבער טרודלען איז דורך דעם קעגנזאַץ לייכטער געווען אָפּצושאַצן איר אַנגענעמע לאַגע. זי האָט זיך אַליין געשפּילט אַזוי ווונדערלעך, בעת די אַנ־דערע זענען געזעסן און געשריבן אַ דיקטאַט און באַקומען די שווערסטע פאַר־וווּרפן, ווייל זיי האָבן שטענדיק געמאַכט פעלערן, מחמת דאָס שרייבן געהערט צו די ביטערסטע ענינים אויף דער וועלט.

אויך דער בעסטער צושטאַנד האָט זיך זיינע חסרונות, דאָס איז פאַר טרוד־לען נאַטירלעך באַלד קלאָר געוואָרן. ווען זי האָט עמעצן געוואָלט שריפטלעך גראַטולירן צו אַ געבורטסטאָג האָט זי זיך געמוזט באַדינען מיט אַ פרעמדער האַנט. ווען זי האָט געוואָלט, אַז מען זאָל איר פאַרלייענען אַ געשיכטע האָט זי געמוזט בעטן ביי דער גובערנאַנטקע, ביי פוילינען אָדער ביי האַנסן, און אַמאָל פלעגן זיי דאָס נישט וועלן אַפילו פאַר דעם פּרייז פון די גרעסטע אָפּשלאַג־בילדער און שאָקאָלאַד־ציגאַרן פון טרודלס אוצרות. פלעגט זי אין איר פאַר־צווייפלונג זיך אַליין פאַרלייענען געשיכטעס. דאָס הייסט, זי האָט זיך געמאַכט אַזוי ווי זי זאָל לייענען, ווייל לייענען האָט זי דאָך נישט געקענט. זי האָט גע־שפּילט די ראָל פון לייענען. זי איז געזעסן מיט אַן אָפן בוך, אין וועלכן זי האָט פון צייט צו צייט איבערגעמישט אַ בלעטל, און האָט נאָכגעמאַכט דעם טאָן, ווי זי זאָל גאַנץ פליסיק פאַרלייענען. דאָס זענען געווען דערינערונגען פון שוין געהערטע זאַכן, אָבער עס זענען אויך געווען פרישע דערפינדונגען, און ווער עס האָט זיך נישט אַזוי גענוי צוגעהערט, האָט הערנדיק דעם גלייכמעסיקן שטראָם פון ווערטער, געקענט מיינען, אַז דאָס קומט אַלץ פון ביכל אַרויס. די זאַצן זענען נישט געווען אומפאַרשטענדלעכער ווי אין מאַנכע קינדער־ביכער. זי האָט

פון צייט צו צייט פאַרביטן די נעמען פון די העלדן, זי האָט געלאָזט צוריקקומען מענטשן, וועלכע זענען נאָר וואָס געשטאָרבן, און עס פלעגן בכלל ביי איר פאָר־קומען זאַכן אַזעלכע, ווי ביי אַנדערע זאָרגלאָזע דערציילער, גרעסערע ווי טרודל. און דאָס פלעג זיך ביי איר אויסנעמען מער ווייניקער אַזוי: „אָבער עדיט", האָט די מוטער געזאָגט, „דו ביסט שוין ווידער אַרומגעגאַנגען אויף די קני, איך זע דו האָסט שוין אַ לאָך אין אַ זאָק. אַ פינפיאָריק מיידל, דאָס איז נישט שיין". דאָס קליינע מיידעלע האָט אויסגעהערט דער מוטערס פאָרוורפן מיט טרערן אין די אויגן און בכלל איז ביי איר דאָס ווייניגער געווען לייכטער ווי דאָס לאַכן. דערויף האָט דער פאָטער געענטפערט: „מיר מוזן זי אָפּגעווינען דערפון, ווייל אונדזער עלזבעט איז ווילדער ווי אַ יינגל". באַלד נאָך דעם איז דער פאָטער אַוועקגעפאָרן אויף עטלעכע וואָכן, און ווען ער איז אַמאָל אין אַ טאָג אַ היים געקומען האָט זיך שוין עלזבעט געהאַט אָפּגעווינט פון דעם אַרומגליטשן זיך אויף די קני. איבעריקנס האָט זי זיך אַליין פאַרצירעוועט די זאָקן ווען זיי האָבן זיך צעריסן, פונקט ווי זי וואָלט שוין געווען אַ דערוואַקסן זיבן יאָריק מיידל. אָבער זי איז אַלט געווען נאָר זעקס יאָר מיט אַ האַלבן. די עלטערן האָבן זיך דערמיט זייער געפרייט.

די קינדישע דערציילונגס־קונסט דערמאָנט אָן דער קינדישער מאָלעריי. אָן די קעפּ מיט אויערן פון אַ קרוג, וואָס זיצן אויף אַ קערפּער אָן אַ האַלדז; פון די הייזער וועלכע זענען קלענער ווי דער מאַן, וועלכער גייט אין זיי אַריין. ווי עס זאָל אָבער נישט זיין זאָגן די דאָזיקע קונסט־אויסדרוקן די קינדער מער פּו־נעם לעבן, ווי אונדז מאַנכע פּערפעקטע קונסט־ווערק. שוין פון דעם אַליין קען מען אַרויסזען, אויף וויפל זייער איינבילדונגס־קראַפט איז הערלעכער און גרע־סער פון אונדזערער, דער פאַרטעמפּטער און פאַרעלטערטער.

טרודל איז אַלזאָ געווען געגוג רייך אין אַנטשעדיקונגען פאַר דעם אַלעמען, וואָס זי האָט נישט געקענט דערגרייכן. ווען קיינער האָט איר קיין טובה נישט געוואָלט טון, און איר פאַרלייענען אַ געשיכטע, האָט זי זיך גענומען אַ בוך, האָט אויף אַ קול אין דעם עפּעס אַריינגעדיכטעט, כאָטש זי האָט עס אַפילו אַמאָל געהאַלטן מיטן קאָפּ אַראָפּ. עס איז אין דעם בוך גאָרנישט געווען אַזוי פיל וויפל זי האָט פון דעם אַרויסגעלייענט. זי האָט נאָך געהאַט די פרייהייט דערצו, בעת די אַנדערע קינדער האָט די פרייהייט שוין געפעלט. איז דאָס נישט געווען די שענסטע ראָזעווע צייט?

איז ווער ס׳האָט זיך אַזוי פאָרגעשטעלט האָט אַ טעות געהאַט. טרודל איז נישט געווען גליקלעך. רעדנדיק בקיצור. זי האָט קיין חוש נישט געהאַט פאַר איר גן־עדן. זי האָט זיך געפילט אַראָפּגעזעצט, דערנידעריקט, פאַרשעמט. זי האָט איר אומווויסנקייט געפילט ווי אַ צרה. זי האָט זיך געהאַלטן פאַר מינדערוויכטיקער און נישט פאַר באַגליקטער, צוליב דעם וואָס זי האָט נישט געלערנט, ווי די אַנדערע

קינדער. ווען איך בין אַמאָל אין אַן אָוונט געשטאַנען ביי איר בעטל און איך האָב מיר פון איר געלאָזט דערציילן, וואָס זי האָט געטון אַ גאַנצן טאָג, האָט זי מיר אַ פאַרזאָרגטע געזאָגט: „די קינדער זענען שרעקלעך שלעכט צו מיר; זיי האָבן נאָר שטענדיק סודות פאַר מיר. מוז איך זיין טרויעריק. זיי האָבן מיר היינט ווי־דער גאָרנישט געוואָלט פאַרלייענען. האָב איך מחמת טרויער געזונגען, כדי זיי זאָלן עס נישט דערקענען, אָבער מיין שטים איז געווען וויינענדיק". און איר שטי־מעלע האָט טאָקע באמת געציטערט, ווען זי האָט מיר דאָס דערציילט. אויך די קינדער־שטוב האָט זיך אירע דראַמעס, וועלכע מיר שענקען נישט קיין אויפמערק־זאַמקייט, ווייל זיי האָבן אַזוי קיין שום באַדייטונג נישט, און שוועבן אַזוי שנעל פאַרביי. אָבער פאַר די קליינע הערצער זענען זיי גראָד גענוג שווער און גרויס, אויף אַרויסצופרעסן זיפצן. בקיצור, טרודל האָט געוואָלט קענען לייענען און שרייבן, אַזוי ווי די אַנדערע. זי האָט אויך געוואָלט אַרויס פונעם גן־עדן.

פון אַלע ווונטשן, וועלכע מען האָט אין לעבן, ווערט דער אַמזיכערסטן מקוים. אָט אַזוי איז עס אויך טרודלען געגאַנגען, ווי עס באַווייזט שוין די טרער אין איר ביכל. עס איז אַ גרוי דין ביכל און עס רופט זיך עלעמענטאַר־בוך. אויף דער צווייטער זייט אונטן איז פאַראַן אַ קליין רונד פלעקעלע מיט אַ געשפּיזלטן טונקעלן ראַנד: דאָס איז די טרער, טרודלס ביטערע טרער. זי געפינט זיך אונ־טער דעם וואָרט „פיש". פאַרוואָס האָט דאָס קינד געוויינט? ווייל עס האָט גע־מוזט לערנען? ניין, אַזוי פשוט איז אויך נישט די קינדער־פּסיכאָלאָגיע. טרודל האָט דאָך געוואָלט לערנען. זי איז צופרידן געווען, ווען מען האָט פאַר איר דאָס ביכעלע אויפגעמאַכט. און שוין באַלד זאָל זי האָבן פאַרלוירן דעם חשק דערצו? און, דאָס קען עס נישט זיין. נישט דעם חשק, דעם מוט האָט זי פאַרלוירן. א־ס־ט, אסט (צווייג) ב־ע־ס־ט, נעסט האָט זי נאָך פאַרשטאַנען. אָבער פ־י־ש, פיש, דאָס האָט שוין אַריבערגעשטיגן יעדן אויפפאַסונגס-כוח. דאָ האָט זי זיך דערפילט אַזוי הילפלאָז, אַזוי פאַרלוירן, און זי האָט געגלויבט, אַז זי וועט זיך דאָס קיינמאָל נישט אויסלערנען; צווישן אַלע מענטשן וועט זי זיין די איינציקע, וואָס וועט נישט קענען לייענען, פונקט זי, מיט איר גרויסן חשק צו מעשהלעך און געשיכ־טעס. דאָ האָט מחמת קינדישער פאַרצווייפלונג אַראָפּגעקאַפּעט אַ טרערעלע אויפן בלאַט.

עס זענען פאַרגאַנגען קוים עטלעכע וואָכן, און טרודל איז שוין ווייט אַוועק פון דעם. זי זיצט טאָג און נאַכט אַריבערגעבויגן איבער איר שול־העפט און מאָלט אותיות, ציפערן, וועלכע ווערן יעדעס מאָל דייטלעכער צום לייענען. זי האָט זיך שוין מיט איר וויסנשאַפט געוואָלט אַפילו באַדינען פאַר די צוועקן פון פּראַקטישן לעבן, ווייל זי האָט צוריק באַקומען איר מוט און נאָך די איבערגעקו־מענע שוועריקייטן איז ער נאָך מער געוואַקסן. דאָ אַנומלטן איז זי באַגאַנגען אַ גאַנץ שווערן פאַרברעכן: נאָך דער אָוונט־תפילה האָט זי זיך אַליין געמעכטיקט

און אַראָפּגעלאָזט די גראַטע פון איר בעטל און איז אַראָפּגעגאַנגען. דעם צווייטן פרימאָרגן האָט טרודל פאַרשטאַנען וואָס פאַר אַ שטראָף עס וואַרט אויף איר פאַר דער באַגאַנגענער זינד, און זי איז געווען אינגאַנצן צעשרויפט. דאָ איז זי געקומען אויפן געדאַנק צו שרייבן אַן אַנטשולדיקונגס־בריוו. זי האָט זיך אַנטשלאָסן אַוועקגעזעצט, האָט זיך אָפּגעלינירט מיט גאַנץ קרומע ליניעס אַ בלאַט, האָט עס אויבן פאַרצירט מיט אַן אָפּשלאָג־בילדל פון בלומען און האָט אָנגעהויבן: ל־י, לי, ב־ע, בע, ליבע, מ־אַ, מאַ, מ־אַ, מאַ, מאַמאַ, ליבע מאַמאַ. ווייטער האָט זי, פאַרשטייט זיך, נישט געקענט גיין; עס האָבן איר געפעלט אייניקע אותיות אויף אויסצודריקן איר חרטה.

יאָ, יאָ, קינדערייען. אָבער וואָס איז מענטשלעכער ווי דאָס קינדישע? גאָר אַ סך זאַכן, וועלכע ערנסטע מענטשן האַלטן פאַר זייער וויכטיק, פאַרשווינדן אָן אַ שום באַדייטונג, לעבן דעם דראַנג פון אַן אויפוואַכנדיקן לעבן. עס איז דער פרילינג פון אויספורעמען זיך, שיין און העל, באַצויבערנדיק ווי געווייגלעך — פרילינג. אַ קינד האָט געוויינט פאַר אומגעדולד, ווייל עס האָט נישט אַזוי שנעל געקענט אַרויס פון דעם גן־עדן, צו וועלכן עס איז קיין צוריק מער נישטאָ. ווען די קינדער וועלן גרויס ווערן, און די אַלע וווּנדערבאַרע געשעענישן פון דער איינפאַכער צייט וועלן פאַריבער ווי אַן איינציקער חלום, קען אַמאָל טרעפן, אַז גערטרוד אַליין זאָל צווישן אַן אַלטן ביכער־רומל, געפינען דאָס לערנביכל, זי זאָל עס אויפמאַכן און זאָל אויף דער זייט צוויי, ביים וואָרט „פיש“, דערזען די פאַרגעלטע טרער. און ווייטער קען אַמאָל פאַסירן, אַז לעבן דער ערשטער טרער זאָל אַ צווייטע אַראָפּפאַלן אויפן בלאַט. עס איז צו לאַנגזאַם געגאַנגען אויף פאַרויס, זאָגט די ערשטע טרער. ניין — זאָגט די צווייטע — צו שנעל.

(1899)

דער זומער פון די אָרעמעלייט

פאַראַן אַ סענטימענטאַליטעט פאַר וואַרעם־שטיבער, וועלכע עקזיסטירט ספעציעל אין ווינטער. ווען דער שניי האָט אָנגעשיט בערג גאַנצע און דאָס אייז־קאַלטע וועטער פרירט די גאַסן איין דעמאָלט ווערן אונדזערע הערצער זייער ווייך. ווען מיר זענען אין דרויסן שטעלן מיר אויף דעם פעלץ־קאָלנער און אין צימער רוקן מיר צו נענטער צום אויוון דעם באַקוועמען אָנלען־שטול, און כדי אָט דעם גורל צו פאַרדאַנקען פאַר אונדזער באַקוועמלעכקייט, זענען מיר מנדב אַ קליינע סומע פאַר די שוואַכע, וועלכע זענען נישט געווען אַזוי פעיִק ווי מיר און האָבן נישט פאַרשטאַנען זיך צו פאַרשאַפן אָט אַזאַ געמיטלעכע היים. אָבער אויך די עמפינדונגען פאַר אַ מיטגעפיל ווערן אונדז אַרויפגעצוווּנגען דורך די אויסערגעוויינלעכע שלעכטע וועטערן. צו דער געוויינלעכער אָרעמקייט און נויט מוז נאָך עפעס צוקומען, וואָס זאָל צעטרייסלען אונדזער פאַנטאַזיע. מען האָט מיר אַמאָל דערציילט, אַז פאַר די וואַרעם־שטיבער פון די אָרעמעלייט קומט נישט אַריין קיין געלט, ביז די טעמפעראַטור האַלט נישט ביים פריר־פונקט. אונדזער גוטסקייט דאַרף האָבן איבערגעפרוירענע, כדי זי זאָל צעוואַרעמט ווערן. אויב מען וויל זען אייגנע פון אונדזערע טרערן, זאָל מען לאָזן אַדורכגיין די גרויליקסטע בילדער פון נויט פאַר אונדזערע אויגן. ווען עס קומט אָבער דער ליבער פרילינג אין לאַנד אַריין, דעמאָלט שטעלן מיר זיך פאָר, אַז יעדעס אומגליק פון דער מאַסע האָט זיך שוין געענדיקט. ווען עס בליט דער בעז איז דאָך נישט פאַראַן קיין אָרעמקייט. איך גלויב, אַז אונדזערע הערצער זענען נישט אַזוי האַרט, ווי מיר זענען באַגרענעצט אין דענקען. מיר האָבן אַ גאַנץ קליינע צאָל פון סאָציאַלע באַגריפן, מיט וועלכע מיר קומען אויס און זענען גאַנץ צופרידן, אין די פיר קוואַרטאַלן פון יאָר. אַזוי ווי מען האָט אין די אַלטע צייטן פאָרגעשטעלט די האָרען 1), אַזוי שטעלן מיר זיך פאָר דעם פרילינג, דעם זומער, דעם האַרבסט, דעם ווינטער, מיט ווייניק כאַראַקטער און ווייניק אייגנשאַפטן. און דאָס וואָס עס האָט מיט זיך געבראַכט דער גאַנג פון דער מענטשלעכער אַנטוויקלונג, די נייע גוטע אָדער גרויזאַמע באַדינגונגען צום לעבן, וועגן דעם גיבן מיר זיך גאָרנישט אָפּ קיין חשבון. אונדזער פשטות גרייכט נאָך אַלץ צו ביישפּיללאָזיקייט.

1) די געטינס פון צייט פון די יאָר־סעזאָנען.

זומער. דער זומער איז דאָ. אין אונדזער פאַנטאַזיע איז דער זומער פאַרבונדן נאָר מיטן שטאַרקן בליִען און צייטיקן. די ברייטלייביקע גערטין שפּאַנט מיט אַ סערפּ דורכן קאָרן. פרוכטבאַר אָטעמט די ערד אין איר פאַריוגנטער מוטערשאַפט. און אָט די פאַרעלטערטע בילדער פון זומער זענען פאַראַנען נייע בילדער פון טאָג: ווי מיר אַנטלויפן פון אונדזער שטאָטישער היץ, פאַרע און שטויב צו די בערג און צום ים. ווי רייך אונדזער ציוויליזאַציע איז געוואָרן, אַז מיר קענען זיך צו יעדן מאָמענט שאַפן וועלכן פעריאָד פון יאָר אונדז פאַרגלוסט זיך נאָר. אַזוי זענען פאַראַנען ליבהאָבער פון פרילינג, וועלכע געניסן אַ גאַנץ יאָר פון פרילינג, ווייל זיי פאָרן אין ווינטער קיין דרום און אין זומער קיין צפון. די ערד פאַרמאָגט שטענדיק אַלץ, צווייט און שנייִ צו דער זעלבער צייט, וואָס איר ווילט נאָר און ווי אייך געפעלט. און ווייל די דיסטאַנצן זענען דורך אַ וווּנדערבאַרער טעכניק אָפּגעשאַפט געוואָרן קענען די מענטשן אַלץ דערגרייכן צווייט און שנייִ, צו וואָס נאָר זיי האָבן חשק. אָבער דאָס אַלץ איז נאָר פאַר די, וואָס פאַרמאָגן עפּעס, ווייל די אַנדערע האַלטן נאָך נישט דערביי, זיי זאָלן זיך קענען אויסכישופן די סעזאָנען פון יאָר. פאַר זיי איז נאָך דער ווינטער אַ ווינטער, דער זומער אַ זומער, זייער לעבן פאַרגייט אַזוי אין דער אַלטער נאַטירלעכקייט, בעת די קולטור פאַרענדערט אַזוי פאַמעלעך דאָס פנים פון דער ערד. און ווייל די אָרעמע פאַרברענגען אַזוי זייער לעבן אויפן אַלטן אופן, איז מסתמא פאַר זיי די מילדע צייט פון יאָר, די ליבלעכע, די בעסטע. אין זייערע ווינ־לעכער, וועלכע מען דאַרף נישט מער באַהייצן קען אַריין אַ ביסל לופט. עס קומט בכלל אַריין אַ ביסל זון און פרייהייט אין זייער לעבן. וואָלט מען דאָך לויט דעם געקענט זאָגן, אַז אָט דאָס לעבן זייערס וואָלט געדאַרפט זיין אַמדערטרעגלעכסטן אין זומער. איז דאָס טאָקע אַ קלוגער געדאַנק און דערפאַר טאַקע זענען מיר מיט אונדזער הילף אין זומער שפּאָרזאַמער ווי אין ווינטער. אָבער ווער עס באַטראַכט אויפמערקזאַם דאָס לעבן פון די שטאָטישע מאַסן, ווער זיך פאַר אים אַנטפּלעקן די מאָדנע דערשיינונג, אַז זיי לעבן נישט גליקלעכער אין די גוטע יאָר־סעזאָנען, ווי אין די שלעכטע. זיי שלעפּן זיך פאַרביטערט דורך די גליִענדיקע טעג, און עס ציט זיך פאַר זיי אַ מעלאַנכאָליע דורך די כמאַרנע וואַרעמע אָוונטן. איז אין דעם טאָקע שולדיק נאָר די לאַסט פון דער שווערער אַטמאָספער, פון דעם וועטער, אָדער האָט דאָס פאַרבאָרגענע טיפערע סיבות? די סטאַטיסטיק פון דער גרויסער שטאָט באַשטעטיקט אַ מאָדנע זאַך, אַז די צאָל פון זעלבסטמאָרדן שטייגט דווקא אין די אָנגענעמע פעריאָדן פון יאָר. פאַרוואָס? ווייל ווען עס ווערט קלענער דער ווידערשטאַנדס־כוח פון די קעמפנדיקע, פאַרלירט זיך דער חשק צום לעבן, ווען די נאַטור אַנטפּלעקט איר גאַנצן רייץ. אָט אַזעלכע מאָדנע צאָלן וועלכע זעען אויס ווי אַ רעטעניש, און וועלכע באַריכטן וועגן די מאַסן, לייענט מען אָפט און מען שענקט זיי נישט קיין שום אויפמערקזאַמקייט. אָבער דאָך איז דאָ פאַ־

ראַנען די פראַגע, וועלכע מען קען נישט אַראָפּפּטרן, ביז אַ צופעליקער בליק אינעם טאָג־טעגלעכן לעבן גיט אייך אָן ענטפער אויף איר.

יאָ, דער זומער פון די אָרעמעלייט איז אַ גאַנץ געוויינלעכער ענין, וועלכן מען קען זייער לייכט באַנעמען, אַזוי לייכט, אַז קיינער נעמט זיך גאָרנישט די קליינע מי דערצו. זאָל מען נאָר פּרוּוון ביינאַכט אַרויסגיין אויסער דער שטאָט, ווו עס געפינען זיך די שרעקלעכע קאַזאַרמעס פון די אַרבעטער־לעגיאָנען פאַר וועלכע מען צאָלט דירה־געלט. אָט למשל ביים ווערינגער־גירטל אין ווין. אָ, דאָרט קען מען זען זאַכן, וואָס מאַכן איינעם אַלץ קלאָר. דורך די פענצטער פון די הייזער אונטער דער שטאָט־באַן בייגן זיך אַרויס אויסגעמאַטערטע מענער, הונגעריקע נאָך לופט, אויף דעם לאַנגן נישט פאַרבויטן פּלאַץ, ווו עס וואַקסן עטלעכע גרעזלעך, און וועלכן די קינדער רופן אָן לאַנקע, זיצן איינגעקאָרטשעטע מידע ווייבער און עס שפּילן זיך בלאַסע קינדער. עס קומען דאָרט נישט פאַר קיין שום געשעענישן און מען הערט אויך נישט קיין רעש. דאָרט הערשט איבער אַלעמען אַ געדריקטע שטימונג. אַלץ איז מאָנאָטאָן און קיין שום זאַך רופט נישט קיין אויפמערקזאַמקייט. אַלץ ווירקט געוואַלדיק דורך דער טרויסטלאָזיקייט, וואָס חזרט זיך פּילפאַך איבער. און ווען מען זעט נאָר איין פּלאַץ אַזעלכן קען מען שוין מיט דעם זעלבן אַ סך; אין דער זעלבער שטאָט און אַנדערע שטעט, און אין די אַנדערע לענדער. דאָס טראָגט אַן אוניווערסאַלן כאַראַקטער. דאָרט ווו מיר געפינען זיך שטענדיק, מיט דעם באַקענען מיר זיך אמווייניקסטן. ווען מיר זאָלן זיך אָבער אומקוקן אויף די ווינערטער פון אַנדערע מענטשן, און מיר זאָלן דערנאָך אַדורכגיין די אַמאָליקע באַצירקן, וואָלטן מיר זיך דערוווּסט, אַז אָט די אַלע מענטשלעכע זאַכן האָבן גאָר קיין שייכות נישט מיט דעם אָרט, ווו זיי קומען פאָר, נאָר זיי געהערן צו דער אַלגעמיינהייט. עס באַווייזן זיך די זעלבע דערשיינונגען אויף פלעצער, וועלכע האָבן צווישן זיך קיין שום שייכות נישט, צווישן מענטשן, וועלכע ווייסן נישט איינע פון די אַנדערע. זיי זענען מענטשן און ווערן אַריינגעשטויסן אין די זעלביקע באַדינגונגען פון לעבן, צוליב דעם אַנטוויקלען זיי זיך, אָדער זיי ווערן פאַרניכטעט אויף דעם זעלביקן אופן. פאַרשטייט זיך, אַז דער אויספירער פון אָט דער אַנטוויקלונג, אָדער פון דער פאַרניכטונג איז דער צופאַל. ווען מיר זאָלן זיך אָבער פאַרשטעלן, וואָס פאַר אַ פראַצעדור עס וואָלט געדאַרפט דורכפירן אַ דעמיורג 1), כדי איבערצואַנדערשן דעם זין און דעם אופן פון לעבן ביי מענטשן וואָלטן מיר געזען, אַז ער וואָלט אינגאַנצן געדאַרפט איבעראַנדערשן די באַדינגונגען פון לעבן.

אָבער לאָמיר דערווייל בלייבן ביים ווערינגער גירטל. רעכטס און לינקס הויכע הייזער, אויבערפלאַכלעך באַצירט מיט אַ ביליקן אויפפוץ. אין דער מיט

---

1) אַ ווילטעטער פון פאָלק, אַ פאָרשטייער, אַ קינסטלער.

פון גאַס שטייען איצט די נייע זיילן פון דער בריק ווו עס פאָרט דורך די שטאָט־באַן. אין מיט וועג שטייען איצט די הויכע זיילן פון דעם וויאַדוקט פאַר דער שטאָט־באַן. די וועלבונגען זענען הויך און עס איז נישטאָ אין זיי קיין ביסל פרייד, ווייל זיי לאָזן נישט דורך קיין שטיקל הימל. הייזער פון פאָרנט און היי־זער פון הינטן. פונדעסטוועגן איז אָט דער אָרעמער פלאַץ לענגאויס פון די זיילן אַן אָרט פאַר אויספלוגן און פאַרוויילונגען פאַר די אָרעמע קינדער, פאַר די פּראָלעטאַרישע מענטשן, וועלכע וווינען דאָ נאָך אין אַ סך אָרעמערע געביידעס ווי ביים גירטל. לאַנקע רופן זיי אַן יענעם פלאַץ, לאַנקע. מען האָט נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין לאַנקע מיט קיין טרויעריקן אויסזען, ווי אָט די דאָזיקע. עס שטייט דאָ אַ שיטערע ריי פון קרענקלעכע ביימלעך ביים ברעג פונעם וועג. די ביימלעך וועלן קיינמאָל אין זייער לעבן נישט שטאַרקער ווערן און וועלן קיינמאָל נישט געבן קיין שאָטן, פונקט ווי די מענטשן־פלאַנצעלעך, וועלכע לעבן דאָ אין נויט. די שטיקלעך מיט גראָז באַוואַקסענע פלעצער זענען פאַראַנען מער גלאָז־שטיקלעך און שערבלעך פון טעפּ ווי גרעזלעך. אָט דאָס איז די זומער־פּאַנאָ־ראַמע פון די אָרעמע לייט, די לאַנקע פון פּראָלעטאַריאַט.

וואָס אין דעם איז דאָ עפּעס אויסערגעוויינלעכס? קינדער שפּילן זיך אויף אַ פרייעם פלאַץ. אָבער וואָס פאַר אַ קינדער און וואָס פאַר אַ פלאַץ, אַ פלאַץ וואָס רופט אַרויס געלעכטער און ווייטיק. ווייל פאַר די דאָזיקע קינדער איז די געגנט אַ גן־עדן און זיי פאַרברענגען דאָ אַ גאַנץ שיינע צייט פון זייער לעבן. זיי שפּילן כמעט די זעלביקע שפּילן, ווי די רייכע און פילן דערביי דאָס זעלבע גליק. וואָר־שיינלעך מאַכט גאָר אַפילו זייער פאַנטאַזיע מער באַוועגונג, ווייל דאָס שפּילצייג זייערס איז אָרעמער. פאַר די קונסטפולע אַרבעטן, וואָס קינדער מאַכן, ווי קאַ־נאַלן און טונעלן באַנוצן זיי אַ הילצערנעם לעפל אָנשטאָט אַ רידל, אַ לאָפּעטקע און אַ ליידיקע קעסטעלע פון שוועבעלעך באַנוצן זיי פאַר אַ האָלץ־עמערל. דער שפּרינגּ־שטריק האָט נישט קיין האַלטערס און איז נאָר אַ גאַנץ געמיינער שטריק, אָבער זיי שפּרינגען איבער אים מיטן גרעסטן פאַרגעניגן. און אַפילו די ענגלישע פאָרעם פון פאַרווײלונג האָט זיך אַהער אויך אַריינגעריסן; מען שפּילט פוטבאָל, מען מאַכט דערביי איבער די שפּיל־טערמינען ווי עס לאָזט זיך; דער גאָל־קיפּער ווערט גאַנץ איינפאַך איבערגעמאַכט קוילגעבער. אָבער דער אָפּטעסטער צייט־פאַרטרייב ביי די מערסטע קינדער־גרופּן איז ווילדער, ווי די געוויינלעכע קינ־דער־שפּילן אין די רויקע געגנטן פון דער געזעלשאַפט. דאָ איז עס אַ מין וואַרפן מיט מעסערס, וואָס זיי רופן אַן „שפּיצלען״. ווער עס וואַרפט דאָס מעסער אַזוי, אַז עס בלייבט שטעקן מיטן שפּיץ אין דער ערד, דער דאַרף ווייטער שפּילן; ווער עס טרעפט נישט דער מוז דאָס מעסער אָפּגעבן. דאָ זיצן זיי גרופּן־וויין אויף דעם שטיקל אויפגעריסענעם ערד אַלע באָרוועס. דאָס מעסער פליט אַלע מאָל דורך צווישן אַ טוץ נאַקעטע אָרעמס און פיס. די הענט ווילן עס כאַפּן, אינעם דורכ־

פליִען, און עס איז נאָר אַ וווּנדער, ווי זיי רייסן זיך נישט אויף די הויט ביי אַט דעם קאַמף און דעם יאָגן זיך. אויך האַלב־געוואָקסענע מיידלעך, וועלכע זענען שוין היטערינס פון זייערע קלענערע שוועסטערלעך אָדער ברידערלעך טרייבן אַט דעם שאַרפֿן שפּיל. דאָ זיצט איינע מיט אַ זויג־קינד אויפֿן שויס, און דאָס אָרעמע קינד האַלט אַ קויטשוק־קאָרעק אין מיילכעלע, אויף אָפּצונאַרן זיין דורשט און פאַר זיינע פוסט גלאַנציקע אייגעלעך, האַרט ביים שמוציקן נעזל, פליט אַדורך דאָס שפּיציקע מעסער.

זיי זינגען אויך גאַנץ אָנשטענדיקע קאַראַהאָד־ און טאַנץ־לידער פון די גאָר אַלטע צייטן, וועלכע איין דור פון קינדער גיט איבער דעם צווייטן. „פלאָ־ריאַן, פלאָריאַן האָט געלעבט שוין זיבן יאָר"; די זיבן יאָר זענען אויס און פאַלדי דרייט זיך אויס. „נאָך דעם ווי פאַלדי האָט זיך אויסגעדרייט מוז זיך דערנאָך אויסדרייען אַנאַ, דערנאָך מאַרי, דערנאָך די אַנדערע מאַרי, דערנאָך פראַנצי און לסוף עדי. מען באַקענט זיך מיט אַלע זייערע נעמען. עדי איז דער קלענסטער, דער גליקלעכסטער, אַ דריי־יאָריק יִנגעלע, וועלכער איז נאַריש און שטאָלץ, וואָס ער קען זיך שפּילן מיט גרעסערע קינדער אין קאַראַהאָד. ער האָט זיך שוין געפילט געקרענקט און פאַרשעמט, וואָס מען האָט פריִער אויסגע־רופן אַנדערע נעמען, פאַר זיינעם, ווייל ער פאַרשטייט נאָך אַפילו נישט דעם איינפאַכן שפּיל. יאָ, ער האָט שוין געהאַלטן ביים וויינען, ביז ער האָט פּלוצלונג דערהערט אויך זיין נאָמען אויסזינגען. און איצט דרייט זיך אויך עדי אויס און אַ געלעכטער לייגט זיך אויס אויף זיין גאַנצן שמוציקן גוטן פּנימל און ער טאַנצט מיט זיינע נאַקעטע פיסלעך, איבער די שטיקלעך גלאָז, וועלכע ער פילט אַפילו נישט. נאָך דעם קאַראַהאָד לויפט ער צו צו זיין מוטער, צו דער אָרעמער, ווידעראַמאָל שוין גאַנץ אָנזעעוודיק שוואַנגערער פרוי, וועלכע האַלט נאָך אַ שוועסטערל אויף די הענט. און ווייל ער איז אַזוי וויכטיק געווען ביים קאַראַ־האָד־שפּיל, אַז די קינדער האָבן אויך זיין נאָמען אויסגעזונגען, באַהאַלט ער פאַר גליק און שעמעוודיקייט זיין צעבאַרשטן קעפּל אין די פאַלדן פון דער מו־טערס קלייד. נאָר דאָס שוועסטערל קוקט אַראָפּ טרויעריק פון דער מוטערס אָרעם אויף עדין און הוסט.

אָך, אַט די אַלע באַשעפענישן זענען אַזוי שוואַך און בלייך, גאַנץ זיכער צו אַ פריִען טויט פאַרמשפּט. ווען די לאַנקע מיט גלאָז־שטיקלעך שטעלט מיט זיך פאַר זייער דערהאַלונגס־פּלאַץ, וויאַזוי דאַרפֿן אויסזען זייערע נאַרעס, פון וועלכע זיי קריכן אַרויס און צו וועלכע זיי קומען צוריק, ווען דער פאָטער קומט אַהיים פון דער אַרבעט? אַרום זיבן אַזייגער ווערט מיט אַמאָל ליידיק דער שיי־נער אויספלוג־פּלאַץ, מאַמעס און אַרבעטער שלעפּן זיך מיט אַראָפּגעלאָזטע קעפּ אַהיים. עס איז אַ טרויעריקער אויפמאַרש. נאָך קורצע עטלעכע שעה מוזן זיי ווידער צוריקגיין אין דער ענגשאַפט. און ווייל זייער טריב צו אַ נאַטירלעכן

לעבנס־אופן, ווערט אין דעם ליבלעכן פעריאָד פון יאָר נאָר געריצט און נישט באַפרידיקט, דערפאַר איז פאַר זיי דער זומער שווערער ווי דער ווינטער. זיי זענען Gleboc aducripti באַשטימט און געשטעמפּלט פאַר דער ערד, נישט באַזיצנדיק דאָס שטיקל גוטע, היימישע ערד, וואָס דער מענטש דאַרף האָבן פאַר זיין עקזיסטענץ. אָט דאָ ליגט אפשר די טיפע סיבה, וועלכע באַווייזט אונדז אַגב, פאַרוואָס דער חשק צום לעבן פאַרגרעסערט זיך גראָד אין דער מילדער צייט פון יאָר. די זעלבסטמאָרדן זענען אפשר צוליב בענקשאַפט צו דער נאַטור.

אָט אַזוי ווערט מען איבערגעשיט מיט טרויעריקע געדאַנקען, ווען מען באַטראַכט דעם זומער פון די אָרעמעלייט, אויף דער לאָנקע מיט די שערבלעך פון גלאָז און טעפּ.

פלוצלונג יאָגט אויבן אַדורך אַ צוג פון דער שטאָט־באַן. עס איז אַ פאַרגלייך צו אונדזער היינטיקער צייט. אונטן וואַלגערן זיי זיך פאַרחושכט און האָפענונגס־לאָז ביי די זיילן פון דער בריק, און זייערע קינדער קומען אום, בעת אויבן יאָגט אַדורך אַ באַן, אַרויס אַהין, ווו עס זענען פאַראַנען אמתע גרינע לאָנקעס.

(1898)

די אויסשטעלונג פון אוצרות

אין מיטן דער שטאָט פאַריז, אויפן בולוואַר דע קאַפּוסין, געפינט זיך דער דאָזיקער מוזיק־האָל. פאַרן אַריינגאַנג הענגען דאָרט פאַרשידנפאַרביקע פלאַקאַטן, וועלכע פאַרשפּרעכן אַלערליי פאַרגעניגנס פון ספּעקטאַקלען: טענצערינס אין אַלע מעגלעכע אַנטבלויזטקייטן, קינסטלער וואָס גייען אויף אַ דראָט, פּיסטוילן־שיסערס, דרעסירטע חזירים, בענקל־זינגערס, בויך־רעדנערס. ביינאַכט איז דאָס הויז איינגעטונקען אין אַ ים פון ליכט. עס לויפן פאַרביי נקבות מיט אַ גערויש פון זייד זוכנדיק די טעגלעכע ליבעס. שווינדלער פון דער גאַנצער וועלט טרעפן זיך דאָ צוזאַמען, כדי צו געניסן דעם חלום וועגן פאַריז אין אַ ביליקער אויסגאַבע.

בייטאָג אָבער געפינט זיך אויף אָט דעם געמיינעם פלאַץ די אויסשטעלונג פון זייער טייערע אוצרות. די אייגנטימער ברענגען נאָך מיטיק די דאָזיקע אוצרות אַהער, היטן זיי אָפּ מיט דער גרעסטער זאָרג און נעמען זיי אין עטלעכע שעה אַרום אַהיים. און ווייל די מערץ־לופט איז נאָך שאַרף, וויקלט מען זיי איין אין גוטע וואַרעמע טיכער, אַזוי אַז ביים אָנקומען און ביים אַרויסגיין זעט מען זיי כמעט נישט אַרויס. די מענטשן, וועלכע גייען איילנדיק אין גאַס ווייסן גאָרנישט וואָס עס געפינט זיך אין דעם דאָזיקן וואָלענעם פּעקל, וואָס איינע פון די פרויען דריקט אַזוי צו זיך מיט נחת און מורא און שלעפּט עס אַ היים. וואָס עס שטעקט אין דעם פּעקל? אַן אוצר פון אַן אומבאַשרייבלעכן ווערט: דאָס שענסטע קינד פון פאַריז און מיט דעם זעלבן דאָס שענסטע אויף דער גאַנצער וועלט. ווייל די פרוי גייט פון דעם קינדער־שיינהייטס־קאָנקורס. אָט דאָס זענען די טייערע אוצרות, וואָס ווערן איצט אויסגעשטעלט אין דעם מוזיק־האָל. דעם דאָזיקן קאָנקורס האָט איינגעאָרדנט אַ צייטונג. די כוונה פון דעם איז געווען צו רופן אויף זיך די אויפמערקזאַמקייט און מאַכן די צייטונג פּאָפּולער. איך ווייס נישט צי די דאָזיקע אונטערנעמונג וועט האָבן דערפאָלג, איך צווייפל אין דעם. אָבער ווער עס שפּאַנט אַזוי לאַנגזאַם און פאַרטראַכט איבער דעם בולוואַר, דורך אָט דער ברייטער גאַס פון דער מענטשלעכקייט, דער געפינט דאָ פּלוצלינג אַ נייעם ספּעקטאַקל, וואָס רופט אַרויס אַ סך געלעכטער און אויך רירונג, אַ ספּעקטאַקל וואָס איז נאַיִוו און גרויס, וואָס עס איז אַרויסגעצויגן פון דעם טיפסטן סוד פון אונדזער נאַטור און ווייזט אָן אויף דעם העכסטן און ריינסטן אין אונדז.

ווען מען קומט אַריין פון דעם גאַסן־טומל אין דעם וועסטיבול פון אָט דער אויסשטעלונגס־געביידע נעמט איינעם אַרום אַ ראָזעווע שטימונג. די גאַרדעראָבע זעט אויס, ווי אַ געשעפט פון קינדער־קליידער. מענטעלעך פון אַלערליי העלע, צאַרטע, צערטלעכע קאָלירן, היטלעך, הייבעלעך, יאַקעלעך מיט שפּיצן, פּעלץ און נאָך אַנדערע זאַכן, אין וועלכע די נאַרישקייט פון יונגע שטאָלצע מאַמעס גיסט זיך אויס. און די וואָס שטעקן אין די אויסגעפּוצטע איינהילן, לאָזן זיך שוין הערן, כאָטש מען זעט זיי נאָך נישט אַרויס. דורך שמאָלע הילצערנע טרעפּ גייט מען אַרויף אויף דעם אויבערשטן שטאָק, וווּ עס געפינט זיך די אויסשטעלונג. דורך אויסשניט פון די טרעפּ רייסט זיך דורך אַ ביסל אומרויִקייט, קוויטשעריי, וויינען, לאַכן, זשומען, שרייען. שוין ביים אַרויפגיין אויף די טרעפּ פילט מען באַלד אַ הייסערע לופט־שיכט. אינעם זאַל איז הייס ווי אין אַ וואַרעם־הויז. די קליינינקע דאַרפן האָבן דאָס געפיל פון דער וואַרעמקייט פון אַ מענטשלעכן קערפּער. ווייל אין דעם קאָנקורס נעמען אָנטייל די נאָרוואָס געבוירענע אויך. „קינדער פון ביידע געשלעכטער אינעם עלטער פון צוויי חדשים ביז דריי יאָר, אָן אונטערשייד אין וועלכן לאַנד זיי זענען געבוירן”, הייסט עס אין דער מודעה.

און אַזוי זיצן זיי דאָ טאָג טעגלעך די פּרייז־קעמפּער און ווייסן אַפילו גאָרנישט פון דעם. יעדן נאָכמיטיק פּרעזענטירן זיך אַנדערע זיבעציק קינדער. זיי גייען לויט דער אָרדענונג פון לויפנדיקע נומערן. פון האַלב צוויי ביז זעקס אַזייגער מוז מען זיי האַלטן גרייט פאַר די פּרייז־ריכטער, כאָטש דאָס באַקוקן זיי אינעם עקזאַמינירצימער דויערט נישט לענגער, ווי צוויי מינוט. דאָס ברענגט אַריין אַ געוויסע שפּאַנונג און עס ווערט פאַרכאַפּט דער אָטעם ביי יעדער אָפּטיילונג. די זיבעציק מוטערס פיבערן אַביסל, און ווען עס קומט דער אָוונט און איר קינד געפינט זיך נישט צווישן די אויסגערופענע האָט זי שוין די אמתע צרות. אָבער דאָס אויסרופן האָט נישט קיין שום באַדייטונג דערקלערט מען זיי, ווע‍לנדיק זיי טרייסטן; מען פירט נאָר אַרויס די קינדער, וועלכע די פּרייז־ריכטער שטעלן אויס אין אַ ריי. דאָס וויל אָבער נישט זאָגן, אַז דאָס זענען די שענסטע, אָדער די נישט די שענסטע. מען טוט דאָס נאָר צוליב פּינקטלעכקייט. יאָ, דאָס באַרויִקט זיי, אַלע זיבעציק. ווען מען זאָל משפּטן גערעכט, קאָן דאָך נישט זיין קיין שום צווייפל אין דעם רעזולטאַט, טראַכט ביי זיך — יעדע איינע.

און אַזוי זעט מען זיי געדולדיק וואַרטן ביז צום אָוונט, זיבעציק איינגעגלויבטע מוטערס מיט אויך אַזוי פיל שענסטע קינדער אויף דער וועלט. דער זאַל איז ענג און ער ווערט נאָך פאַרשמעלטער דורך אייניקע שטעלן פון שפּילצייג, מילך, געבעקס, און פאַרשיידענע נוצלעכע זאַכן פאַר קינדער. אָבער וואָס פאַר אַ מאָדנע וועלט איז איצט פאַראַן אין אָט דעם קליינעם זאַל! יעדן מאָמענט קומט דאָ פאַר אַ טרויעריקע אָדער אַ לוסטיקע געשעעניש, פרייד און נויט. עס איז דאָ אַ גן עדן. גאָרנישט פון דעם וואָס איז מענטשלעך ווערט דאָ פאַרבאָרגן, און צו־

זאַמען מיט די קינדער גייען דאָ אויך אַרום די מוטערס אין אַ צושטאַנד פון טיפער אומשולדיקייט. אָט איז גאָר אַ פיצעלע. עס צאַפּלט זיך און הייבט אָן קוויטשען. און אויפן ערשטן געשריי, קנעפּלט די מוטער מיט דאַנקבאַרקייט אַפילו, אויף איר קלייד און לייגט צו דאָס פיצעלע צו דער ברוסט. זי ווייסט אַפילו נישט, צי זעט נישט עמעצער. זי איז אין זאַל, נײַן זי איז אַליין אויף דער וועלט מיט איר קינד. אויב מײַנע אויגן נאַרן מיך נישט, פילט זי זיך שטאָלץ, וואָס עס שמעקט אים. דערפאַר לאָזט זי עס אַפילו טרינקען, ווען עס האָט שוין אַפילו צײַנדלעך, און פאַרשאַפט איר גאַנץ שטאַרקע ווייטיקן. דעמאָלט פילט זי זיך נאָך שטאָלצער, ווייל עס איז שוין נישט מער קיין נאַריש ווערעמל. דאָס קען מען אָפט זען ביי די פרויען פון דער פראַנצויזישער קליין־בורזשואַזיע. זיי זענען שפּאָרזאַם אין האָבן קינדער, אָבער זיי זענען נישט שפּאָרזאַם אין צערטלעכקייט צו זיי. דער מאַלטוזיאַניזם איז די מערקווירדיקסטע פאָרעם פון ליבע צו די קינדער. און איך מאַך אַן אונטערשייד צווישן דעם מאַלטוזיאַניזם ביי די נידעריקערע שיכטן פון דעם בירגערטום אין פראַנקרייך און דעם מאַלטוזיאַניזם ביי די העכערע שיכטן. ביי די לעצטע איז דאָס אַ גאָרסעט־פראַגע.

מען קען נישט פראַנקרייך אויב מען קען נישט די הערלעכע קליינבירגער אירע. זיי זענען די אמתע עשירות, דער מוט, די גרויסקייט, די צוקונפט פון דעם לאַנד און אין דער זעלבער צייט אויך אַ פעסטונג קעגן אַן איבערקערעניש; זיי זענען אַ מין סאָציאַלע מיליטער־גרענעץ. זיי זענען פריילעך, אַרבעטסזאַם און אויפגעקלערט. און דער בעסטער אופן מיט זיי זיך צו באַקענען איז צו אָבסערווירן זייער פאַרהעלטעניש צו די קינדער. מען דאַרף זיי זען זומער אין די זונטיקן, ווען זיי גייען אַ היים פון די בולאָנער וועלדלעך. פאַרשטייט זיך, אַז עס איז פאַראַנען שטויב און טרויעריקייט אין די דאָזיקע בין השמשותן, ווי אין אַלע פאָלקס־פאַרגעניגנס, אויף וועלכע מען וואַרט ווידער גאַנצע זעקס טעג, וואָך נאָך וואָך אַזוי, אַ גאַנץ יאָר. אָבער דער מידער פאָטער טראָגט זיין קינד אין זיינע אָרעמס. עס שלאָפט. און איך פלעג אָפטמאָל האָבן דאָס געפיל, אַז איך דאַרף גריסן. עס איז טאַקע געווען עפּעס גרויס אין דעם: די באַוועגונג, וועלכע מיר רופן אָן דער אויפשטייג פון די קלאַסן. ווייל דער דאָזיקער פאָטער הייבט אויף זיין קינד צו אַ העכערן קלאַס. איצט שלאָפט עס און עס חלומט זיך אים נאָך זיין יוגנט. שפּעטער, וועט ער עס אינעם וואַך זיין, אינעם לערנען, אינעם אַרבעטן דערהייבן אַזוי הויך ווי ער וועט נאָר קענען. ביי דעם איינצלנעם זעט עס אויס נישטיק, אָבער ווען דאָס חזרט זיך איבער אַ סך מאָל גיט דאָס אַ וווּנדערלעכן רעזולטאַט.

דער נידעריקערער בורזשואַ פאַרמאָגט דאָ אַ צערטלעכקייט פאַר זיין קינד וועלכע קאָן זיך כמעט פאַרגלייכן מיט דער צערטלעכקייט פון אַ מוטער. דאָס קינד מוז אָנטיילנעמען אין אַלע זיינע פאַרגעניגנס. עס איז אָפטמאָל שעדלעך,

און אַמאָל לעכערלעך פאַרן צושויער. אין אַ זומער־זונטיק האָב איך אַמאָל געזען אַ וווּנדערלעכן פאָטער, וועלכער איז געפאָרן אויף אַ ביציקלעט. ער איז מסתמא געפאָרן פון סורען, סאַן קלו אָדער ווילאַפּלעי אַהיים. פאָרנט ביים ביציקלעט האָט ער געהאַט צוגעבונדן בעז־צווייגן, און הינטן ביים זיץ אַ געפלאָכטן קערבל פון ריטלעך. אין דעם קערבל איז געלעגן אַ וויקל־קינד און האָט געזויגן אַ מילך־פלעשל. אַזוי האָט ער אַרויסגעפירט זיין קינד אויפן ביציקלעט אויף דער פרייער לופט און אַזוי האָט ער עס זיך פיין אַ היים געפירט.

ביי דער אויסשטעלונג פון די אוצרות אויפן בולוואַר דע קאַפּוטין זעט מען צוליב דעם אויך אַ סך פאָטערס. מען דערקענט אָן זיי, אַז זיי האָבן נעכטן געאַר־בעט און וועלן מאָרגן ווידער אַרבעטן. דאָס זענען נישט קיין לעב־יונגען. אָבער היינט איז אַ טאָג פון כבוד. דער פאַמיליען־אוצר ווערט היינט געוויזן דער וועלט. שטייען זיי דאָ אַזוי, די פאָטערס, זיי לאַנגווייליקן זיך אַ ביסל און פילן זיך אָנגעצויגן אין דעם גאַלאַ־אַנטועכץ מיטן שטייפן הוט אויפן פאַרשוויצטן קאָפּ. וואָס פאַר אַ מיינונג זיי האָבן וועגן דעם גאַנצן ענין, און וועלכעס קינד זיי האַלטן פאַרן שענסטן דאָס באַהאַלטן זיי אונטער דעם פייערלעכן אויסדרוק פון פנים, בעת די מוטערס בעטלען ביי יעדן איינעם מיט די אויגן כאָטש אַ ביסעלע באַ־וווּנדערונג פאַר איר אוצר. פאַרשטייט זיך, אַז די שטומע אויפפאָדערונג איז נאָר געווענדט צו די געסט פון דער אויסשטעלונג; פון די עלטערן וואָס ברענגען אַליין עפּעס אויף דעם יאַריד קאָן מען נישט דערוואַרטן קיין אָביעקטיוויטעט. פון דעסטוועגן קוקן די מוטערס נישט איינע אויף די אַנדערע מיט קיין קנאה אָדער מיט שינאה. דער געוועט־קאַמף גייט אָן מיט דער גרעסטער ליבנסווירדיקייט. ביי אַלעמען איז פאַראַנען אַ שמייכל פון מערווערטיקייט. אַ יעדע איינע איז ביי זיך זיכער. אַ שאָטן פון אייפערזיכטיקייט רופן נאָר אַרויס די קינדער, וועלכע זענען אויסערגעוויינלעך רייך אָנגעטון, ביי די מוטערס פון די איבעריקע קינדער. אָבער זיי פאַרגלייכן זיך מיט דעם אויך באַלד. איינע טראַכט ביי זיך: „מיין קינד דאַרף דאָס נישט״. די אַנדערע טראַכט: „מיינס וואָלט אין דעם גאַנצן אויפפוץ געווען טויזנט מאָל שענער״.

צום גליק ווערט די גלייכקייט אין דעם דערשיינען פאַר די פרייז־ריכטער אָפּגעהיט. אין פאָדערצימער מוז מען די קינדער אויסטון אינגאַנצן נאַקעט. פון דעסטוועגן שמוגלען נאָך מאַנכע מוטערס אַדורך אַ בלוי אָדער ראָזעווע בענדעלע, וואָס האָט נישט קיין אַנדערן מיין ווי נאָר דאָס צוזאַמענהאַלטן די האָר, אָבער עס קען אויך האָבן זיין גוטע ווירקונג. כאָטש איר מיידעלע דאַרף באמת נישט האָבן אַזעלכע מיטלען. אָט אַזוי טוען די מוטערס פון די מיידעלעך. די מאַמעס פון יינגלעך זענען אינגאַנצן אַנדערש: ווי מען ווייסט; זיי פאַראַכטן די אויסגע־פוצטקייט, ביי זיי איז וויכטיק די רויע קראַפט, אָדער העכסטנס די אינטעליגענץ.

ווי האַרציק און ליב עס זעט אויס דאָס צימער, ווו מען טוט אויס און מען

טוט אָן די קינדער. עס איז קוים דאָ פּלאַץ אויף זעקס שטולן, אויף וועלכע עס זיצן די זעקס מאַמעס, אָדער די אַמען. יעדע פון זיי האַלט דאָס פּיצעלע אויף די קני און שיילט עס אויס פון זיינע איינהיל־שיכטן. אַ מאַסע מלבושימלעך אַפילו ביי די אָרעמע. יאַקעלעך, לייבעלעך, אינטער דעם אַ שאַלעכל און האהא. ווידער אַ יאַקעלע. ווייטער פאַרשיידענערליי קליידעלעך, הויזעלעך, און אַלץ בלאַנקט, אָט אַזוי ווי עס קען נישט אַלעמאָל זיין. די אַלע זאַכן ווערן אין איילעניש צע־וואָרפן, שפּעטער וועט מען זיך מוזן מאַטערן דאָס אַלץ אָפּצוזוכן, און דאָס וועט נאָך מער פאַרגרעסערן די אויפרעגונג. אויסטון לאָזט זיך דאָס פּיצעלע גערן, אָבער ביים אָנטון ווערט עס אין כעס. יעדער זאָק איז אַ קאַטאַסטראָפע. זעקס שרייערס קוויטשען מיט אַמאָל. די מאַמעס ווערן אויסער זיך, אַמליבסטן וואָלטן זיי אַליין געוויינט. זיי ווערן דאָך אַריבערגעוואָרפן פון איין שטימונג אין דער אַנדערער, אינגאַנצן אַזוי ווי זייערע געביטער, די קינדער.

ווען די מאַמעס פאַרלאָזן דאָס צימער פון דער זשורי, זענען זיי אַ ביסל פאַרדאגהט. זיי ערגערן זיך וועגן דעם וואָס דאָס עקזאַמינירן איז אַזוי שנעל אַדורך. צוויי מינוט אינגאַנצן האָט זי געדויערט. מען שטעלט דאָס קינד אַוועק אויף אַ גרינעם טיש, די ריכטער באַטאַפּן זיין בייכל און די פּולקעלעך מיט אַ פריינטלעך וויכטיקן אויסדרוק און שרייבן עפּעס אַריין אין אַ העפט. נאָך דעם לייגט מען אַוועק דאָס קינד אויף אַ געפלאָכטענער וואָג־שאָל, דערנאָך לייגט מען עס אַנידער אויף אַ טיש, וווּ אַ ווייסע פרוי מעסט עס נאָך אָפּ מיט אַ שטענגל. ביים מעסטן שרייט אַ יעדעס איינע. פאַרוואָס? און מיט דעם האָט זיך די חנעוו־דיקע עקזאַמינירונג געענדיקט. וועגן דעם רעזולטאַט איז מען נישט באַלד מודיע, און די מאַמעס גייען אַוועק מיט אַ זאָרג. ווער ווייסט צי האָט מען טאַקע איר קינד אָפּגעשאַצט, אַלס דאָס וואָס עס איז?

וויפל מורא, שטאָלץ און נאַיִוויטעט מען זעט עס ביי דעם דאָזיקן עקזאַמען! דאָס גאַנצע מוטער־האַרץ ליגט דאָ אַנטבלויזט און ציטערט. וואָס פאַר אַ רירנ־דיק צאַרט אויסשטעלן זיך עס באַדייט שוין דאָס דערשיינען פון די מערסטע, ווייל די קינדער וועלכע מען האָט מיטגעבראַכט זענען געוויינטלעך אַפילו גאָרנישט שיין. צוויי טעג בין איך געגאַנגען באַזוכן די אויסשטעלונג און איך האָב דאָרט נישט געזען קיין איינציק אמתדיק שיין קינד, קיין איינציקס נישט אַזעלכעס ווי מען זעט זיי הויפן־ווייז אין די דערפער: מיט גלאַנציקע אויגן, מיט האַרטע רויטע באַקן און פעסטע שטאַרקע גלידער. אָט דאָ זענען עס די קינדער פון דער גרויס־שטאָט, וועלכע דערציילן וועגן די זינד פון די פאָטערס, וועגן ביטערן קאַמף פאַרן לעבן, וועגן שעדלעכן איבערפלוס און נאָך שעדלעכערן דוחק, וועגן ענגע וווינונגען אין הויכע הייזער אָן שום ליכט פון דער זון; גענוג, זיי דערציילן: פּאַריז. אָבער דאָס וואָס די מאַמעס ברענגען די קינדער צום שיינהייטס־קאָנקורס, איז דאָס וואָס עס רופט אַרויס דעם גרעסטן רחמנות.

אומפאַרגעסלעך וועט פאַר מיר בלייבן איינע. אַן אויסגעדאַרטע פרוי מיט אויסגעצאַמטע באַקן מיט פיבערהאַפטע טונקעלע אויגן. איר ייִנגעלע איז אַלט צוויי יאָר, איז האַרציק, ליב, שוואַך, האָט פאַרגרעבערטע געלענקען, אַ צו גרויסן בויך, און איז בלאַס, בלאַס. ווען דאָס קינד איז געשטאַנען אויפן טיש האָבן זיך די ריכטער, וועלכע זענען געווען קינדער־דאָקטוירים, איינער מיט דעם אַנדערן אַדורכגעקוקט. איינער פון זיי האָט באַטאַפּט דעם קאָפּ פון דעם קינד און האָט אַ פרעג געטון די פרוי: „די פאָנטאָנעלן האָבן זיך ביי אים ערשט נישט לאַנג געשלאָסן, נישט אמת?״ זי איז באַלד רױט געוואָרן, האָט אַ שלונג געטון מיטן טרוקענעם האַלדז, זי האָט, ווייזט אויס נישט געוווסט, צי די פראַגע באַדייט עפּעס גוטס אָדער שלעכטס, און זי האָט אַ זאָג געטון: „פאָנטאָנעלן? איך ווייס גאָרנישט וואָס דאָס איז... פאָנטאָנעלן?״

זי וואָלט געוועזן געוואָלט מען זאָל איר אויפקלערן וואָס דאָס איז. אָבער באַלד איז שוין אַ צווייט קינד געשטאַנען אויפן טיש. זי האָט געמוזט אָפּטרעטן. זי האָט נאָך אַ מאָמענט געקוקט צעשראָקן. דערנאָך האָט זי זיך געפּאַסט. זי האָט עס באַלד אויסגעפונען: די געשיכטע מיט די פאָנטאָנעלן איז עפּעס אַ פאַרבאָרגענע מעלה ביי איר קינד, פון וועלכער זי האָט ביז איצט גאָרנישט געוווסט.

איך האָב די דאָזיקע מוטער שפּעטער ווידער אַמאָל געזען אין זאַל. איר ייִנגעלע האָט זיך באַפריינדעט און געשפּילט מיט אַן אומבאַקאַנט קינד און צו דעם קינדס מוטער האָט זי זיך געווענדט אויף אַ גאַנץ כיטרע אופן. איך האָב געהערט די ווערטער: „מיך האָבן זיי געפרעגט וועגן די פאָנטאַנעלן. דאָס איז מסתמא גאָר עפּעס אַ ספּעציעלע זאַך... צי ניין? מען האָט אייך אויך געפרעגט, מאַדאַם?...״

די אַנדערע האָט אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און האָט געשוויגן מיט אַן אויסדרוק פון רחמנות. די וועלכע האָט געפרעגט האָט באַנעמענדיק עפּעס געקוקט פאַר זיך פאַרטראַכט.

מאַמעס! הייליק זענט איר אין אייער אומשולד, הייליק אין אייערע שמערצן. וואָס די מוטער זאָל נישט האָבן געוועזן פריִער און וואָס זי זאָל אויך שפּעטער נישט ווערן, ווערט זי דורכן קינד געלייטערט.

זי ווערט געלייטערט דורך דעם וווּנדער פון דער יצירה, וועמענס כלי עס איז איר לייב. און דער דאָזיקער גלאַנץ פאַרשווינדט נישט כל זמן דאָס קינד אַליין פילט איר לעבן אויס. וואָס פאַר אַ גוט בילד וואָלט דאָ אַרויסגעקומען פון אָט דער פרוי, ווי זי שטייט אַזוי מיט איר קרענקלעך קינד פאַרן שיינהייטס־געריכט. „די מוטער מיט די פאָנטאַנעלן״ וואָלט עס געקענט הייסן, און קיינער וואָלט פון דעם נאָמען נישט געלאַכט.

יאָ, מאָלערס, אָט אַהער אין דעם קליינעם זאַל קומט! דער וואָס פאַרשטייט גוט וואָס ער זעט און וועמען דער פּענדזל פאָלגט נאָך, קען דאָ שאַפן עפּעס גרוי־

סעס. דורכן איינציקן ברייטן פענצטער גיסט זיך מעכטיק אַריין דער שיין פון דער נאָכמיטיק־זון. אין דרויסן זעט מען די דאַרע צווייגן פון דעם בולוואַר. מיטן רוקן אויסגעדרייט צום ליכט, אַזוי אַז די האָר אירע האָבן אַ גאָלדענעם שימער, זיצט אַ לאַכנדיקע מוטער, זי האַלט איר קינד ביי ביידע אויערן און וואַרפט עס אַרום אויף איר שויס. אַנדערע מאַכן אַנדערע נאַרישקייטן. אין הינטערגרונט איז פאַראַן אַ ליאַלקע־טעאַטער. אַ דאָרפישע אַם קוקט אַ דערשטוינטע, דאָס זויגקינד שלאָפט. עטלעכע טיפן פון קינדער. גאַנץ קליינינקע מיט גאָרנישט זאָגנדיקע באַוועגונגען, קוקנדיק מיט טעמפע בליקן צו דער זון. קינדער, וועלכע באַטראַכטן אַ פאַיאַץ. אַן אומדערצויגענער חברה־מאַן וואַרפט זיך אַרום אויף דער ערד. צוויי מיידעלעך מאַכן באַקאַנטשאַפט, אַ דריטס באַהאַלט זיך פאַרשעמט צווישן די פאַלדן פון דער מוטערס קלייד. אַ בלאָנד יינגעלע, וועלכער שטעלט מיט זיך פאָר אַ מאַטראָז פון דעם „פאָרמידאַבל“, האַלט שטאָלץ די הענט אין די קעשענעס פון זיינע ערשטע הויזן און באַטראַכט די קלענערע, וואָס קריכן אַרום אויף דער ערד, און זיי לאַכן, שפילן זיך, וויינען... זאָל דאָס אָבער נאָר נישט ווערן די נידעריקע געמיטלעכקייט פון אַ בילד, וואָס דריקט אויס אַ שבח צו דער פאַמיליע. נישט קיין שפיסבירגערלעכע אַמאָרעטן. די מוטערס זענען די הויפט־זאַך. דער מאָלער וועט פאָרשטעלן גליקלעכע און צעוויטיקטע. אַפילו די געשטאַלטן, וועלכע ער וועט מיט חכמה פאַרנאַכלעסיקן, וועלכע ער וועט פאַרדעקן אונטערן ליכט־שטראַל, אָדער פאַרטונקלען אין אַ ווינקל, וועלן אויך אויסדריקן עפעס פון דער מוטערלעכקייט. דאָ אַ באַוועגונג פון מורא, דאָרט אַ באַרימערישע האַלטונג, אָדער די נחתדיקע זאָרג ביים זויגן, פאַרשיידענע פרייד און פאַרשיידענע צרות. אָבער דער גוטער פלאַץ אין דער שאַפונג געהערט דער פלאַטערנדיקער מוטער, דער מאַדאָנע מיט די פאָנטאַנעלן.

און דאָס שענסטע קינד? אָט דאָס אָ איז עס, מיינע הערן ריכטער!... זי האַלט עס שטאָלץ אויפגעהויבן און פאַרזאָרגט אין דער הויך, דאָס בלייכע, קרענקלעכע קינד — איר אוצר.

הומארעסקעס פון א
לאקאלן רעפּארטער

באַרנומס גייסט

„ווערט געוויר עפּעס וועגן באַרנום!“ האָט מיר געזאָגט מיין שעף, דער הער רעדאַקטאָר פון דער לאָקאַלער אָפּטיילונג.

„באַרנום?“ האָב איך געוואַגט אָפּצופרעגן, ווייל איך האָב שוין געזען, אַז פון מיין נאָך מיטיקדיקער טאַראָק־פּאַרטיע לאָזט זיך אויס אַ גאָרנישט. „באַרנום איז דאָך טויט“.

„אָבער זיין גייסט לעבט“, האָט אַ זאָג געטון דער שעף, מיט אַ טאָן, ווי עס וואָלט שוין נישט געווען קיין שום אַפּעלאַציע־רעכט צום טריבונאַל.

„איך האָב נאָר נישט פאַרשטאַנען ווי אַזוי אויסצוטייטשן דעם ענין מיט דעם גייסט. אפשר מיינט ער אַן עפּיגראַם? ביי אַ שעף איז אַלץ מעגלעך. דער־פאַר האָב איך פאָרזיכטיק געפרעגט:

„איר מיינט באַרנום אין דער פּאָליטיק, באַרנום אין דער קונסט, צי באַר־נום אין דער ליטעראַטור? פּראָפּאַגאַנדע איז אַלץ. מען מוז דעם עולם אַזוי לאַנג באַלעסטיקן מיט דעם אויסלויבן עפּעס אַ זאַך, ביז ער הייבט אין איר אָן צו גלויבן. מענטשן, וואָס באַנעמען זיך אויפדרינגלעך אין דער עפנטלעכקייט, זיי טרויט מען אָן די עפנטלעכע אַמטן. די קונסט־ריכטונגען, אַרום וועלכע מען קלאַפּט אין די טאַצן און מען מאַכט אַליאַרם, אָנערקענט מען אַלס אמתע עכטע קונסט, נאָר צוליב דעם מען זאָל אַמאָל לאָזן צו רו. די דיכטער, וועלכע וואַרפן זיך אַרויף אויף דער אַלגעמיינער אויפמערקזאַמקייט, דורך דער הילף פון חברים, דורך אויסגעבעטלטע לויב־ווערטער, דורך צוזאַמענגעקליבענע צייטונגס־אויס־שניטן שלייכנדיק זיך דורך די אומזויבערסטע הינטערטרעפּ, זיי לאָזט מען גילטן פאַר דיכטער, מיט דער שטילער האָפענונג, אַז מען וועט נישט דאַרפן לייענען די ווערק זייערע. אָט דאָס פאַרשטייט איר אונטער באַנומס גייסט, נישט אמת?“

„מיין ליבער פריינט!“ האָט געזאָגט דער שעף ציִענדיק די ווערטער אַזוי, אַז איך בין מיר פלוצלונג פאָרגעקומען גאַנץ אומגעלומפּערט. אין אָט דעם דאָ־זיקן „מיין ליבער פריינט“ האָט געשטעקט אַ גאַנצער הויפן זאָאָלאָגישע באַ־צייכענונגען פונעם אייזל ביז אַראָפּ. אָבער ער איז אַזוי העפלעך: ניין, ווען איך זאָג באַרנום מיין איך נאָר באַרנום. אייערע גייסטיקע פעיִקייטן וואָלטן, לויט מיין מיינונג, געקלעקט העכסטנס פאַר אַן אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָר. איר זוכט

נאָר דעם זין פון די זאַכן. און דאָס איז פאַלש. ווייל ערשטנס שטעקט אונטער די זאַכן גאָרנישט, צווייטנס גייט אונדז נישט אָן וואָס עס שטעקט אונטער די זאַכן. איר האָט מיך פאַרשטאַנען?"

„זיכער!" האָב איך געזאָגט אַ גלאַטן ליגן, מאַכנדיק זיך וויכטיק און כדי נאָך צו באַווייזן מיין כיטרעקייט האָב איך צוגעדריקט דאָס רעכטע אויג.

„נו גוט! אויב אַזוי ווערט מיר געוויר עפּעס וועגן באַרנום!"

„איך גיי," האָב איך געזאָגט, און איך בין אַוועקגעגאַנגען. אַנדערע שטודירן אַ זאַך זיצנדיק, מיר שטודירן זי גייענדיק. אָבער איך האָב נישט געהאַט קיין שום האָפענונג געוויר צו ווערן עפּעס מער וועגן באַרנום, ווי דאָס וואָס ער האָט שוין אַליין פריייוויליק, נישט געפרעגטערהייט וועגן זיך דער וועלט צו וויסן געגעבן. ווען דער שעף זאָל מיר געוועזן זאָגן איך זאָל אויסזוכן ליווינגסטאָנען וואָלט די אויפגאַבע אַ סך פשוטער געוועזן. דעמאָלט נעמט מען זיך אַ רייזעבילעט קיין אַפריקע און מען פאָרט אַזוי לאַנג ביז מען געפינט אים. אָבער צו אַנטדעקן באַרנום! איך האָב אַ מורמל געטון עפּעס אַ רעספּעקטלאָזיקייט פאַר זיך אַליין ווייל איך בין זיכער געוועזן, אַז קיינער הערט מיך נישט. באַרנום באַווייזט זיך אַליין פאַר אַלע מענטשן. ער מאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען, כדי נישט צו בלייבן אומבאַמערקט. ער קריצט זיין נאָמען אויס אויף יעדן בוים און אויף יעדן שטיין. ער וועט אונדז פאַרשיטן מיט ידיעות, אַפילו ווען מיר זאָלן וועגן אים גאָרנישט וועלן הערן. עס איז בפירוש אַ זינד פון גאָט צוליב דעם צו צעשטערן די טאַראָק־פּאַרטי. פּונקט ווען איך האָב אָט דאָ געהאַלטן מיט מיין ביטערן מאָנאָלאָג, האָב איך לעבן אַ נייער געביידע דערזען אַ גרופּע מענער, וועלכע האָבן אויפגעקלעפּט אויף אַ ברעטער־וואַנט אַ ריזן־גרויסן פּלאַקאַט. די מענער האָבן געטראָגן גרויע, ווייכע היטלען, וועלכע האָבן געהאַט די פאָרעם, וואָס ווערט ביי אונדז באַטראַכט אַלס אַ פאַרלעסלעכער צייכן פון סאָציאַל־דעמאָקראַטישער אָנשויאונג. אויף דעם פּלאַקאַט האָט מען שוין אַרויסגעזען אַ האַלב פערד און אַ פוס פון אַ שפּרינגענדיקער קינסטלערין, אין דער הויך האָט מען געזען אַ דורכגעריסענעם פּאַפּיר־רייף, דורך וועלכן די קינסטלערין איז מסתמא אַדורכגעשפּרונגען. אָט דאָ האָב איך זיכער געקענט עפּעס געוויר ווערן וועגן באַרנום. איך האָב זיך אַוועקגעשטעלט לעבן אַנדערע גאַפנדיקע מענטשן און האָב זיך צוגעקוקט צו דער וויטערדיקער אַנטפּלעקונג פון דעם בילד. נאָך שנעלער ווי איך קען עס שילדערן איז דאָס בילד פאַרטיק געוואָרן. עס האָט באַדעקט אַ גרויסן שטח און עס איז געוועזן אַזוי העסלעך מיאוס, אַז אַלע פאַרבייגייער זענען אַנטציקט געוואָרן. קלאָונס, רייטער, פערד, ווילדע חיות, לויפערס, זשאָנגליארן, שפּרינגערס, טאַמטאַם, בומבום, טשינדאַראַ אין געלע אומאַנגענעמע פאַרבן. יעדן ווער עס איז נאָר פאַרבייגעגאַנגען, האָט עס אַ טרייסל געטון. דאָ האָב איך צום ערשטן מאָל דערפילט באַרנומס גייסט. ער קען רעדן!

צו דער מאָסע. מיאוס דאַרף עס זיין, העסלעך דאַרף עס זיין, כדי עס זאָל ווערן אַ צוזאַמענגעלויף פון מאַסן.

די מענער אין די ווייכע היטלען האָבן אָוועקגעשלעפּט די לייטער, די טעפּ מיט דעם קלעפּ־שטאָף און די פּלאַקאַטן, און איך בין זיי נאָכגעגאַנגען. פון זיי האָב איך זיך דערוווּסט ווו עס געפינט זיך די הויפּט־קוואַרטיר פון די פּלאַקאַטן און דער שעף זייערער, דער גענעראַל־קלעפּער וואָלט איך געזאָגט. פאַררופנדיק זיך אויף מיין שווערער פּראָפעסיע בין איך צוגעגאַנגען צו דעם מאַן און ער האָט מיר געוויזן די גאַנצע פּאַפּירענע בילדער־גאַלעריע, וועלכע מען האָט געדאַרפט זען אין די נעקסטע חדשים אויף די שווער־געפּרוווטע מויערן פון ווין. ביי אים האָב איך זיך אויך דערוווּסט עפּעס וועגן באַרנום, וועלכער הייסט איצט באַילעי. ווען די ווערטער פון דעם גענעראַל־קלעפּער זאָלן אמת זיין, ווייזט זיך גאָר אַרויס, אַז באַילעי איז שוין פון פריִער געווען באַרנום. באַרנום האָט געהאַט דעם שם. אָבער באַילעי איז געווען דער מאַכער. באַרנום האָט געשלאָגן דעם שוים און באַילעי האָט פון דעם אַרויסגעשלאָגן דאָס געלט. באַרנום איז געוועזן דער בלאָף און באַילעי איז געווען די פּראָדוקציע, — אָדער אויך אַמאָל פאַרקערט. בקיצור, עס איז איצט געוואָרן אַ קאָלאָסאַלע אונטערנעמונג, וועלכע איז אויסגעבויט אויף פּאַפּירענע פּלאַקאַטן, טאַמטאַם, בומבום, טשינדאַראַ, און די רעקלאַמע איז אַזוי ריזן־גרויס, אַז וועלנדיק נישט וועלנדיק קען מען זי נישט אויסמיידן. די פאָרשטעלונג איז געוואָרן אַ צוואַנגס־פאָרשטעלונג. דער הויפּן פון די עקלהאַפטע בילדער ווערט אַ געשעעניש אַ גאַנצע, אַזוי אַז דער געוויסנהאַפטער רעפּאָרטער מוז אים פאַרצייכענען נישט קוקנדיק דערויף, וואָס ער האָט האַלבוועגס דאָס געפיל, אַז ער אַרבעט פאַר באַרנום. אָט דאָ באַווייזט זיך טאַקע דער כוח פון באַרנומס גייסט: אַז אַפילו דער פּראָטעסט, די שלעכטע קריטיק און דאָס זידלען פון די אַלע וואָס ווערן באַלעסטיקט פון דעם גאַנצן זשום, ווערט פאַר אים אַ רעקלאַמע. באַרנומבום! די רעקלאַמע ציט צו מענטשן. דאָרט ווו עס זענען דאָ מענטשן קומען צו אַנדערע, באַלד איז פאַרטיק דער געדרענג. באַרנומבום־בום!

דער שעף פון די פּלאַקאַטן־קלעפּער האָט מיר געגעבן אַ פּראָגראַם פון דער „באַרנום־און באַילעיס גרעסטע פאָרשטעלונג אויף דער וועלט". עס איז אַ בוך אַ גאַנצער. צוויי און דרייסיק גרויסע זייטן באַדעקט מיט בילדער און מיט באַרימערייען. דאָס „אַריינשפּאַצירט" 1) אין פאָרעם פון אַ בראָשור מיט אַ באַלערנענדיקן אויסזען כמעט. דער ווונדערבאַרער אָנהייב איז צוזאַמענגעשטעלט פון דער פאָלגנדער אויפשריפט: „באַרנומס לעצטע ווערטער צום פּובליקום".

1) דער באַקאַנטער אויסדרוק פון באַלאַגאַן־אויסרופערס אין ווינער פאַרגעניגונגס־פּאַרק; פּראַטער.

און אונטער דעם די אויסטייטשונג פון דעם טיטל: „אַ זעלטן נביאישער זאַג, וואָס איז מקוים געוואָרן. ער איז אויפגעשריבן געוואָרן אין אַמעריקע בעת ער איז צוריק געקומען פון לאָנדאָן אין יאָר 1890״.

יאָ, דאָס איז באַרנומס גייסט. ער איז שוין יאָרנלאַנג טויט און ער רעדט נאָך אַלץ צום פובליקום. ער איז שוין פון לאַנג אָפּגעגאַנגען און דאָס געשפּענסט זיינס ווינקט נאָך אַלץ „אַריינשפּאַצירט״! איצט וועט מען דאָך פרעגן, וואָס עס איז געווען אַזוינס דער „זעלטן נביאישער זאַג״, וואָס ווערט מקוים סיי פאַר די היינטיקע, סיי פאַר די קומענדיקע דורות. גאַנץ פּשוט, דער הער באַרנום האָט ביי זיין אָפּשייד אין ענגלאַנד דערקלערט, אַז ער וועט ווידער צוריקקומען קיין אייראָפּע. און פון דעם מאַכט מען „די לעצטע ווערטער״ פון דעם פּלאַקאַטן־נביא. ער שרייבט זיין טעסטאַמענט אויף דער גרויסער פויק. וואָרט ווערטלעך זאָגט זיך אַזוי: „אויף מיינע אַלטע יאָרן בין איך שטאָלץ דערויף, וואָס איך האָב אין דעם שותפות־קאָנטראַקט מיט דעם מר. י. א. בעילעי, מיין גלייכגעשטעלטער מיטאַרבעטער, אויספירלעך אויסגענומען, אַז אינעם פאַל ווען איינער פון אונדז זאָל אַוועק אויף יענער וועלט, זאָל דער אינסטיטוט... ווייטער געפירט ווערן, און דאָס קלוגע זאָרגן פאַר דער שטענדיקער עקזיסטענץ פון אָט דעם גרעסטן ספּעק־טאַקל אויף דער וועלט איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אַלס פליכט אויף אונדזערע יורשים און לעגאַלע נאָכפאָלגער, אַזוי אַז דאָס איז אַן אַבסאָלוטער צווינגנדי־קער תנאי״.

אַזוינס קען קיינער נישט דערפינדן און קיינער קען דאָס נישט איבערשטייגן. פינעאַס טיילאָר באַרנום טרעט אויף אַלס ווילטעטער פון דער מענטשהייט, און י. א. באַילעי, וועלכער מאַכט אים נאָך שרייען פונעם קבר אַרויס „אַריינשפּאַ־צירט!״ איז בפירוש זיין „גלייכגעשטעלטער״ פאַרטנער. וואָס פאַר אַ הייליק גע־פיל מוז דאָס אַרומנעמען דעם באַזוכער פון „באַרנום עט באַילעיס גרעסטן שוי־שפּיל אויף דער וועלט״, ווען ער לייענט איבער די לעצטע ווערטער, דעם טאַמ־טאַם־טעסטאַמענט פון דעם גרויסן מאַן. ווי וואונדערלעך דאָס איז סטיליזירט: אי־נעם פאַל ווען איינער פון אונדז, אָדער מיר ביידע זאָלן אַוועק אויף יענער וועלט. מיט דעם בלייבט נאָך הייסט עס אַ מעגלעכקייט, אַז איינער פון זיי, אָדער גאָר ביידע בלייבן שטענדיק לעבן, און דאָס וואָלט דאָך אויך געווען אַ וואונדער אין דעם נאַטור־לעבן פון אַזאַ גרויסן צירק.

דערנאָך ווענדט ער זיך אין זיין טשינדאַראַטאַ־טעסטאַמענט צו די קינדער, און דאָס, האַלט איך, איז וואונדערלעך. דאָס איז די אַלגעמיינסטע צוציונג, וואָס עס קען נאָר זיין. ווייל קינדער זענען מיר געווען, אָדער מיר זענען אַלע, און מאַנכע פון אונדז וועלן עס אויך שפּעטער אין דער צוקונפט זיין. פינעאַס טיילאָר באַרנום זאָגט צו די קינדער, אַז ער וועט צוריק קומען און ער וועט זיי נאָכאַמאָל באַווייזן אַזעלכע מערקווירדיקע אָדער שרעקלעכע מענטשן און חיות. ער זאָגט

זיי דאָס אין אַזאַ מין ליבלעכן טאָן, אַז מען וואָלט געקענט גלויבן, אַז דער ליבער פעטער בארנום, וועט ביי די קינדער נישט נעמען קיין געלט פאַר די בילעטן, און איך הייב אָן צו באַנעמען בארנומס גייסט. ער האָט אין זיך עפּעס נאַיִווס, די נאַיִוויטעט פון דעם זשעני. ער קען אַרויסרופן דערוואַרטונג. אויב די פּלאַ־קאַטן זעען שויס אויס אַזוי בונט און ווילד, ווי מוז שוין טאַקע אויסזען אין דער ווירקלעכקייט דער גרעסטער ספּעקטאַקל אויף דער וועלט. דאָס זענען די זעלבע אַלטע לאָק־מיטלען פון דעם וואָרשטל־פּראַטער 1) נאָר אין אַ גרויסאינדוסטריעלער פאָרעם געמאַכט. דעם זעלביקן גאַסן־שלאַגער, וועלכן עס שפּילן די אָרעמע אויס־וואָרפן אויף אַ שפּיל־קעסטל, לאָזט פינעאַס טיילאָר בארנום אויפשפּילן פון אַ וואַגנער־אָרקעסטער.

אין די אַלע זאַכן וועגן וועלכע מען הערט זענען אויך צוגעפּאַסט דערצו אויפצורעגן די מענטשן. די מענטשן, די חיות און די אַלע זאַכן פון דעם פּאַר־שטאָרבענעם באַרנום און פון באַילעי זענען איינגעשיפט געוואָרן פון אַמעריקע קיין איראָפּע אין אַן אייגענער פלאָטיליע. און די 67 וואַגאָנען, וועלכע פאָרן פון לאַנד צו לאַנד געהערן אויך צו באַרנום און באַילעי. די ספּעציעלע באַנען קען מען זען ביי זייער אָנקומען נישט באַצאָלטערהייט, פּונקט ווי די פּלאַקאַטן אויף די גאַסן. אַז דווקא דאָס איז דאָס מערקווירדיקסטע. פּאַרשטייט נישט דער עולם, פּונקט ווי אין וואָרשטל־פּראַטער, ווו דער איזסרופער און די לאָק־מיטלען זע נען אינטערעסאַנטער ווי דער באַלאַגאַן אינעווייניק. דער טראַנספּאָרט פון די מאַסן פון קינסטלער, חיות און זאַכן איבערן ים, דאָס פאָרן פון 67 וואַגאָנען פון לאַנד צו לאַנד, דאָס אויפשטעלן און אַראָפּנעמען פון די ריזן־געצעלטן אין וועלכע עס קענען האָבן פּלאַץ 15.000 מענטשן — אָט דאָס איז ביז איצט דער גרעסטער ספּעקטאַקל אויף דער וועלט. די ספּעקטאַקלען אינעווייניק אין געצעלט זענען פּשוטע צירק־ספּעקטאַקלען. דאָס בעסערע גיט בארנום אומזיסט פאַר דעם ער־גערן לאָזט ער זיך באַצאָלן. ווייל די מענטשן ווערן אויפגערייצט צו זען אויך דאָס וואָס עס שטעקט אונטער דער רעקלאַמע.

איצט פאַרשטיי איך שוין פאַרוואָס מיין שעף האָט זיך אויסגעדריקט מיט אַזויפיל באַדויערן וועגן מיין אינטעליגענץ, ווען איך האָב גערעדט וועגן באַר־נומיזם אין אונדזער קונסט־לעבן. ביי אונדזערע טומל־מאַכער איז די קונסט נאָר רעקלאַמע. ביי באַרנום אָבער איז רעקלאַמע קונסט.

---

1) דער כאַראַקטעריסטישער ווינער פאַרגעניגונגס־פּאַרק.

מארמאלאדא

מיין הער שעף, דער רעדאַקטאָר פון דעם לאָקאַלן אָפטייל אין צייטונג האָט נישט ליב, ווען איך זיץ ליידיק. ער האָט מסתמא מורא, אַז מיינע אברים זאָלן נישט אָנווערן די באַוועגלעכקייט, ווען איך וועל נישט אַרומלויפן זאַמלען ידיעות. אָדער האָט ער אפשר מורא, אַז מיין גרויע־ געהירן־סובסטאַנץ זאָל נישט אָנהייבן געלבלעך צו ווערן, ווען איך וועל נישט האַלטן אין איין אויפשרייבן אַלץ, וואָס איך באַמערק נאָר אין דער געזעלשאַפט. און אפשר איז דאָס כסדרדיקע אַרומיאָגן מיך צוליב אַ ריין מענטשלעכער סיבה. ער האָט פשוט אַ גרעסערע הנאה, ווען ער זיצט נאָך מיטיק ביים טאַראָקשפיל און ווייסט דערביי, אַז איך שטיי מיר אין דער זעלבער צייט אָפ די פיס ערגעץ ווו אין אַ פאָרצימער, אָדער איך פאַרמאַטער מענטשן, וועלכע האָבן קיינמאָל קיין שלעכטס נישט געטון, מיט אומצייליקע פראַגן.

הויפטזעכלעך האָבן אים נישט געלאָזט רוען מיינע געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען. ווייל איך האָב געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען, אין דעם מוז איך זיך, צו מיין אייגענער שאַנד, מודה זיין. איך קען אַלע מענטשן, וועלכע מען קען באַמערקן צווישן די אָנוועזנדיקע ביים טאַנצן, ביים שפילן, אויף חתונות, אויף לוויות אָדער בעת אַנדערע ווילטעטיקע אונטערנעמונגען. איך בין דאָך דער יעניקער, וועלכער באַמערקט זיי צווישן די אָנוועזנדיקע. אייגנטלעך קומען זיי דאָך אַהין נאָר צוליב מיר. דער גרעסטער טייל פון זיי גייט טאַקע באַלד אַוועק נאָך דעם ווען זיי באַמערקן, אַז איך האָב זיי באַמערקט. פון דער גרעפין ליצי שטריצי־וויצי צום ביישפיל ווייס איך דאָס אויף זיכער. (ליצי איז איר פאַרצערטלטער טויף־נאָמען, וועלכער גיט צו אַ פריילעכע נאָטע דעם אַלטן בכבודיקן פאַמיליען־נאָמען שטריצי־וויצי). אַזוי ווי די גרעפין ליצי דערזעט נאָר ערגעץ ווו בעת אַ יום טוב, אַז איך האָב עפעס וועגן איר פאַרצייכנט, ציט זי זיך אַ צופרידענע באַלד צוריק. אַמאָל טו איך איר אָן עגמת־נפש און מאַך זיך, אַז איך זע זי נישט, ווייל איך האָב זי ליב און איך וואָלט איר גערן געוואָלט וויי טון. דאַן דרייט זי זיך אַזוי פיל אַרום מיר, און רעדט אַזוי הויך, אַז איך קען עס נישט אויסמיידן זי נישט צו באַמערקן. לייג איך אָבער אַריין מיין גאַנצע נשמה אין אַן איינציקן בליק, איז עס אויך נישט גוט. איינמאָל האָט מיר דער גראַף, איר מאַן, ביי אַזאַ מין געלעגנהייט אַזאַ

טרעט געטון אויפן הינער־אויג, אַז איך האָב נישט ווילנדיק אים אַ זאָג געטון „פּאַרדאָן״. פאַרשטייט זיך, אַז זי ווייסט וועגן מיר נאָר דאָס, אַז איך בין אַ רע־פּאָרטער. מיין נאָמען געדענקט זי נישט, כאָטש פאַרשיידענע קאָמיטעט־מיטגלי־דער, מיט וועלכע עס פאַרבינדט מיך אַ נאָטיצן־פריינטשאַפט, האָבן מיך שוין פאַר איר אַ סך מאָל פאַרגעשטעלט. זי רופט מיך פּאָליאַק אָדער שלעזינגער און אַפילו טייטלבוים. אָט ווי אַזוי עס פאַלט איר נאָר איין. אין דער אמתן איז עס דאָך אַלץ איינס ווי אונדזער איינער הייסט.

אָבער מיין הער שעף וועט זיך בשום אופן נישט לאָזן איינרעדן, אַז איך האָב נישט די גלענצנדסטע געזעלשאַפטלעכע באַציִונגען. דער דאָזיקער גלויבן האָט זיך ביי אים פאַרפעסטיקט, בעת מיר זענען אַנומלטן אין בין אַ השמשות געגאַנ־גען שפּאַצירן און אַן אמתער גראַף, וועלכער עסט אַפילו ביי יידן, האָט מיך דער ערשטער געגריסט. אין ערשטן מאָמענט האָט זיך מיין הער שעף געפילט גע־טראָפן, און ווען איך זאָל נישט מורא האָבן אָנצורירן זיין כבוד, וועלכן איך בין שולדיק אים אָפּצוגעבן, וואָלט איך חושד געווען, אַז ער האָט מיך מקנא געווען. עס האָט אויך מיר אַ שטאָך געטון, ווייל איך האָב פאַרשטאַנען, אַז אָט דער דאָזי־קער עפּיזאָד קען האָבן טרויעריקע קאָנסעקווענצן. איך קען דעם מענטשן. ער ווערט גאָר קיינמאָל נישט מיד, ווען עס האַנדלט זיך וועגן דעם מיך אַרומצושיקן. און אַזוי איז עס טאַקע געווען.

„מיין ליבער פריינט!״ האָט ער מיר נעכטן פּלוצלונג אַ זאָג געטון, מיט דער גרעסטער ליבנסווירדיקייט, פאַר וועלכער איך האָב זיך דערשראָקן, ווייל איך האָב מיר אונטער דעם פאַרגעשטעלט דאָס ערגסטע. ער האָט מיר אַפילו אַרויפגעלייגט די האַנט אויפן אַקסל. מיר איז דאָס בלוט פאַרקילט געוואָרן.

„מיין ליבער פריינט, איך האָב פאַר אייך אַ וווּנדערבאַרע אידיי״. (אַנגסטן האָבן מיך באַשלאָגן). „איר קענט זיך אויסצייכענען״. (עס האָבן מיר אָנגעהויבן צו ציטערן די קני). „דאָס וועט אייך קיינער נישט נאָכטון״.

„וואָס, וואָס?״ האָב איך געשריגן און האָב זיך אַראָפּגעלאָזט אויף אַ שטול.

„דער סעזאָן פון דעם גרויסשטאָטישן לעבן, וועלכעס איר, אַלס געווויסנהאַפּ־טער באָאָבאַכטער קענט אַזוי גוט, האַלט זיך אין ענדיקן. אַלע וויכטיקע מענטשן פאָרן אַוועק. וווּהין? דאָס איז די פראַגע. גלויב איך, אַז איר, וועלכער האָט אַזוי פיל באַקאַנטשאַפטן, קענט בעסער ווי יעדער אַנדערער פאַרפיקסירן אָט דעם שטריך אינעם בילד פון אונדזער גרויס־שטאָט.

„וואָס־זשע דאַרף איך טון?״

„איך טראַכט וועגן אַ סעזאָן־בילד, וואָס זאָל אויסדריקן די שטימונג פון די עלעגאַנטע מענטשן אין דעם פעריאָד, ווען מען האַלט שוין נאָך דעם ווי מען האָט שוין באַזוכט גענוג בעלער, אַריבערגעטראָגן גענוג קאָנצערטן, אַראָפּגעשלונ־גען גענוג מיטיקן, געפירט גענוג ליבעס און רכילות, דורכגעוואַכט נעכט און

אָוועקגעגנבעט טעג ביים רבונו של עולם. ווען עס קומט דאָס באַדערפעניש אָפּצו־פרישן די קרעפטן. די אויסגעמאַטערטע סאַלאָן־מענטשן ווילן זיך אַריינוואַרפן אין שויס פון דער נאַטור. מען וואָלט אַזוי אַרום ערשטנס געדאַרפט שילדערן די נאַטור...״

„דערנאָך דעם שויס״, האָב איך דערגענצט, כדי אָנצווודייטן, אַז איך האָב באַנומען די אָפּזיכטן פון מיין באַלעבאָס.

„איר האָט זייער אַ סך הומאָר, דעמאָלט ווען איר שרייבט נישט״, האָט ער אַ זאָג געטון. „איך האָב געמיינט דערנאָך די סאַלאָן־מענטשן. די פראַגע, וועלכע איז איצט וויכטיקער פון אַלע איז: וווהין פאָרן די מענטשן דעם סעזאָן? אָט די טעמע דאַרפט איר באַאַרבעטן. איר האָט מיך פאַרשטאַנען?״

„און נאָך ווי אַזוי!״ האָב איך אַ זאָג געטון מיט אַ שוואַכער שטים. ער האָט אַ צופרידענער אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ, האָט זיך אַרויפגעדריקט דעם הוט אויפן פליך, איז זיך אַוועקגעגאַנגען אין קאַפע־הויז און מיך איבערגעלאָזט אַליין מיט מיין פּיין. איך האָב אַזוי לאַנג געזיפצט, ביז מיר איז לייכטער געוואָרן. מען דאַרף שטעלן פראַגן. און איך האָב זיך אָנטשלאָסן די פראַגן צו שטעלן מערערע מענטשן.

דער ערשטער וועמען איך האָב געשטעלט די פראַגע איז געווען אַ באַרימטער שוישפּילער. ער נעמט מיך שטענדיק אויף, צי קום איך פאַר דער טאָג־צייטונג צי פאַרן אָונט־בלאַט. ער פאַרשווייגט נישט פאַר מיר קיין איינעם פון זיינע דער־פאָלגן. ער האָט מיר שוין מער ווי אַלע זיינע אַנדערע פריינט דערציילט פאַרשיי־דענע שיינע שטריכן פון זיין לעבן, וועלכע זענען פּאַסיק פאַר אַ קונסט־רובריק.

„מען הערט דאָך גאָרנישט פון אייך!״ האָב איך אים אַ ליגן געזאָגט אַלס אַן אַריינפיר. „עס איז שוין מסתמא אַ וואָך, אַז איר האָט מיר נישט אָנפאַרטרויט קיין שום נאָטיץ צום פאַרעפנטלעכן״.

„איר ווייסט דאָך, מיין פריינט, אַז איך באַשעפטיק נישט גערן די עפנטלעכ־קייט מיט מיין פּערזאָן״.

„איר זענט קראַנק?״ האָב איך אַ פרעג געטון. ער האָט זיך אַ מאָמענט גע־ישובט וואָס עס איז ווירקזאַמער צי קראַנקייט צי געזונט און ער האָט אויסגעקליבן דעם מיטל־וועג: „הם־בע־בע־בע!״ האָט ער געזאָגט. קראַנקייט איז אַ ביסל צו פיל געזאָגט. אַ ביסל מיד״.

דאָ האָב איך אים שוין געהאַט אין די הענט:

„וווהין פאָרט איר דעם זומער?״

„עס איז הם־בע — אייגנטלעך אַ סוד. אָבער אייך וועל איך אים אויסזאָגן. איך וועל היי־יאָר אויסזוכן אַ רויקן פּלאַץ אין די דאָלאָמיטן. די דערפאָלגן פון דעם איצטיקן שפּיל־סעזאָן האָבן מיר צעשרויפט די נערוון״.

„וועמעס דערפאָלגן?״ האָב איך ליבנסווירדיק אַ פרעג געטון.

„בעבע״ — מיינע פאַרשטייט זיך. עס איז פאַראַן אַ פאַרוואָרפן ווינקל, וועלכן כמעט קיינער קען נישט. דער האָטעל הייסט אויפן נאָמען פון דעם באַרג־שפּיץ וועלכן מען זעט פאַר זיך, „האָטעל מאַרמאָלאַדאַ״. עס איז דאָרט נאָך נישט פאַראַן קיין שום פרעמדן־פאַרקער, קיין פאַמיליעס, קיין הויף־ראַטן. פאַראַיאָרן האָבן זיך דאָרט אויפגעהאַלטן נאָר צוויי געגטע פּרויען, וועלכע האָבן געוואָלט געניסן זייער גליק אומגעשטערטערהייט. ווייטער איז דאָרט געווען אַ קליינע קינסטלער־קאָלאָניע, גוטע קאָלעגן. מיר לייענען נישט קיין צייטונגען, לאָזן זיך וואַקסן בערד און גייען מיט נאַקעטע קני. עס איז אַן אידעאַלער פּלאַץ, וווּנדער־בּיליק, שפּאַט־שיין. אַרום און אַרום נאַטור, גאָרנישט מער נאָר נאַטור, איבערגעריסן דורך עטלעכע קאָלעגן פון טעאַטער״.

פאַר מיר איז דאָס געווען גענוג. איך האָב מיך געזעגנט און ווייטער געמאַכט מיינע נאָכפאָרשונגען? איך בין אַוועק צו אַ פּאָרטרעט־מאָלער, וועלכער מאָלט פאַר העכערע פרייזן העכערע פּערזענלעכקייטן. ווער קען דאָס באַשרייבן מיין זיסע שרעק, ווען איך האָב צווישן די דאַמען, וועלכע זענען דאָרט געווען צו באַזוך, דערזען די ווונדערשיינע גרעפין ליצי שטריצי־וויצי. זי האָט מיט איר לאָרנעטע באַקוקט די בילדער. דער מייסטער האָט מיר געדריקט די האַנט. און ווען איך האָב זיך פאַרנויגט פאַר איר, האָט זי אַ שאָקל געטון מיטן קאָפּ און מיר אַ זאָג געטון:

„איר זענט אויך געקומען אָנקוקן די בילדער?״

„איר קענט דעם הער?״ האָט אַ פרעג געטון דער מייסטער.

„אַוודאי, דאָס איז דאָך דער הער פראַנקל״.

„נישט אינגאַנצן ריכטיק!״ האָב איך געוואָגט איינצווענדן און איך האָב אָנגערופן מיין ריכטיקן נאָמען. דאָס האָט זי נישט געבראַכט אין קיין פאַרלעגנהייט. דער געשפּרעך האָט זיך פאַרקירעוועט אויף אַן אַנדערער טעמע. עס זענען געקומען אַלע מאָל נייע באַזוכער. די גרעפין האָט זיך גענומען קלייבן צום אַוועקגיין. איך ווייס נישט ווו איך האָב אין דעם מאָמענט גענומען דעם מוט, זי צו פרעגן:

„וווהין פאָרט איר, פרוי גרעפין, אויף דעם זומער?״

זי האָט מיך אַן איבערראַשטע אָנגעקוקט דורך איר לאָרנעטע און האָט מיך אָפּגעמאָסטן פון קאָפּ ביז פוס. אירע מויל־ווינקלען האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט און די נאָז איז ביים אריינציִען די לופט שמעלער געוואָרן. איך האָב שוין מורא געהאַט, אַז זי וועט מיר ענטפערן: דאָס איז נישט אייער עסק! אָבער זי האָט אַ טראַכט געטון וועגן די באַל־באַריכטן פונעם נעקסטן יאָר און זי האָט מיר מיט אַ האַלבמויל געענטפערט:

„האָטעל מאַרמאָלאַדאַ!״

אויך? איך האָב זיך געקליבן נאָך צו מאַכן עטלעכע באַמערקונגען וועגן מאַרמאַלאַדאַ, אָבער זי איז שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען. איך האָב דערנאָך נאָך גערעדט מיט אַ דיקער פרוי פון אַ טשעכישן בוימוואָל־פאַבריקאַנט. זי זיצט אַלס מאָדעל פאַרן מייסטער. איר מאַן פאַבריצירט איצט אַזוי פיל בוימוואָל שטאָף, אַז דער מייסטער איז בכוח געווען אַרויסצוברענגען אַן אידעאַלערן שטריך אין איר פּנים.

„וואָהין מיר וועלן פאָרן דעם זומער?" האָט זי געזאָגט. „קיין מאַרמאַלאַדאַ. מיין מאַן וויל האָבן רויִקייט. און מאַרמאַלאַדאַ איז איצט באַקאַנט אַלס דער רויִק־סטער פלאַץ, וואָס מען קען?"

„יאָ, דאָס האָב איך אויך שוין געהערט", האָט אַ זאָג געטון דער מייסטער. „איך וועל אויך אַהין פאָרן אויף אַ פּאָר וואָכן זיך אָפּרוען".

פון דעם קונסט־וואַרשטאַט בין איך אַוועק אין אַ בירגערלעך הויז צו אַ נאָכמיטיק־צובייס פון מיידלעך. דאָ בין איך אַן אַנגעזעענע פּערזענלעכקייט, ווייל איך קען אַ סך שוישפּילער־אַנעקדאָטן און קען באַזאָרגן איינטריטס־קאַרטן צו אַלע פּרעמיערעס. די פיר יונגע דאַמען האָבן גערעדט וועגן פּלענער אויף אַרויסצופאָרן אויפן זומער. איך האָב מער גאָרנישט געדאַרפט ווי נאָר גוט אויסהערן מיט ביידע אויערן.

„איר וועט זיך באַלד דאַרפן צעשיידן, מיינע דאַמען!" האָב איך אַ זאָג געטון.

„פאַרוואָס? ווי אַזוי? פון וואַנעט? צוליב וואָס?" איז געווען אויסערגעוויינלעך האַרמאָניש די פראַגע פון די פיר שטימען.

„נו, איר וועט זיך דאָך מוזן צעשיידן. דער זומער מיט זיין גאַנצער שטרענג־קייט שטייט שוין ביי דער טיר".

און ביי זיך האָב איך געטראַכט: אייערע פאָטערס האָבן דאָך האָפנטלעך נישט געמאַכט קיין שלעכטע געשעפטן?

„איר ווייסט גאָרנישט?" האָט זיך געכאַכאָטשעט עלזע.

„ער ווייסט נישט", האָט געלאַכט פּיפּי.

„ער האָט נישט קיין אַנונג", האָט געכיכיקעט פרידאַ.

„מיר בלייבן אַלע צוזאַמען". האָט געזאָגט עווע‏לינע, וועלכע איז געווען די אַמוויניציקסטן שיינע צווישן זיי, אָבער וועלכע איז געווען באַקאַנט אַלס אַ האַר־ציק־גוטע.

„פאַרוואָס? וויאַזוי? וויאַרום? צוליב וואָס?" האָב איך פאַרפּליכט אַ פרעג געטון.

„אונדזערע עלטערן האָבן זיך אָפּגערעדט צו זיין צוזאַמען דעם זומער. מיר ווילן אַמאָל זיין אַליין. די טאַטעס וועלן שפּילן אין אַרויסרופן דעם מלך, די מאַמעס אין פּאָקער, און מיר טעניס. חוץ אונדז איז דאָרט קיינער מער נישטאָ. עס איז אַ שטילער האָטעל אין אַ טאָל פון די דאָלאָמיטן.

„און וויאַזוי הייסט דער האָטעל?״ האָב איך אַ פרעג געטון, בעת אין מיר איז באַלד דערוואַכט דאָס שרעקלעכע פאַרגעפּיל. „אָבער איך בעט אייך, זאָגט עס מיר גאַנץ דייטלעך, ווייל איך מוז איר פאַרגעדענקען דעם נאָמען״.

„מאַר...״, האָט געזאָגט עלזע.

„מאָ...״, פּיפּי.

„לאַ...״, פרידאַ.

„דאַ...״, האָט דערגענצט די גוטע עוועלינע.

איך האָב מיך באַלד נאָך דעם מיט זיי געזעגנט. אין קאַפּע־הויז האָב איך געוואָלט מיינע געדאַנקען ברענגען אין דער אָרדענונג, וועלכע מען דאַרף אַמאָל האָבן צום צוזאַמענצושטעלן אַן אַרטיקל. דאָ האָט זיך צו מיר צוגעזעצט אַ באַקאַנ־טער. ער איז געווען גענוג רייך אויף נישט צו מוזן באַהאַלטן זיין מענטשן־האַס.

„איך פאָר באַלד אַוועק״, דערציילט ער מיר. „איך וויל מיר אַמאָל היי־יאָר אָנטון דעם ריכטיקן פאַרגעניגן. איך וועל זיך פאַרגראָבן אין אַ פּלאַץ איך זאָל נישט זען די נמאוסע מענטשן, וועלכע מאַכן מיר פאַרדראָס אַ גאַנץ יאָר. איך האָב מיר שוין פאַרזאָרגט אַ צימער אויפן גאַנצן זומער.

„מסתמא מאַרמאַלאַדאַ?״ האָב איך נישט ווילנדיק אַ זאָג געטון.

„יאָ! פון וואַנעט ווייסט איר?״

„אַ ריינער צופאַל!... דאָס הייסט, איך האָב געהערט, אַז דער האָטעל איז פאַר אַיאָרן געווען שוואַך באַזוכט״.

„לײדיק! זאָגט בעסער: ליידיק. איז ער געווען. און דאָס דאַרף איך טאַקע. איך וויל נישט זען קיין מענטשן פאַר זיך״.

צו וואָס האָב איך געדאַרפט דעם ליבנסווירדיקן מענטשן פאַרדאַרבן זיין הנאה?

אין גאַס האָב איך געטראָפן אַ דיכטער. ער האָט געשפּרייזט אַזוי פאַרטראַכט, אַז יעדער האָט אויף אים געקוקט באַמערקן דאָס דיכטערישע. ווען מען זעט אים נאָר און איידער מען האָט געלייענט זיינע ווערק, ווייסט מען, אַז ער איז אַ דיכטער.

„וואַהין פאָרט איר דעם זומער?״ האָב איך פלוצלונג אַ פרעג געטון.

„אַך — איך ווייס נאָך נישט. איך זוך אַ פּלאַץ. איך דאַרף עפּעס אַזוינס, וואָס זאָל מיך אינספּירירן. איך זאָל עפּעס איבערלעבן. איבערלעבן דאָס איז דאָס גאַנצע. איך קען גאָרנישט דיכטן, וואָס איך האָב נישט איבערגעלעבט. צוליב דעם זענען מיינע ווערק אַזוי טיף און אין דער זעלבער צייט אויך אַזוי לייכט פאַרשטענדלעך. איך מוז האָבן די מענטשלעכע קאָמעדיע דייטלעך אויסגעשפּרייט פאַר מיר. דעמאָלט בין איך אויסגעצייכנט און אמתדיק און מעלאַנכאָליש־בקיצור, איך!״

„איר דאַרפֿט פֿאָרן קיין מאַרמאָלאַדאַ“. האָב איך אויסגעשריגן.

„איר ווילט זיך רייצן מיט מיר?“ האָט ער אַ זאָג געטון מיט פֿאַרדראָס. אין מאַרמאָלאַדאַ בין איך פֿאַראַיאָרן געווען. שווידערלעך! קיין מענטש. קיין לעבן. איך קען אָבער זאָגן, אַז איך האָב זיך נוקם געווען אָן מאַרמאָלאַדאַ. איך האָב אומעטום דערציילט, וואָס פֿאַר אַ פֿאַרלאָזענער פּלאַץ דאָס איז“.

„דאָס האָט איר זייער גלייך געטון!“ האָב איך געזאָגט און מיין שטימונג איז געווען אויסגעצייכנט.

עס דערנענטערט זיך דער זומער. איך וועל שוויצן. יאָ, איך ווייס עס שוין איצט, אַז איך וועל שוויצן, ווייל איך קען דעם רעדאַקטאָר פֿון אונדזער לאָקאַלן טייל. אַפֿילו אינעם סאַמע הייסטן זומער איז ער אומדערמידלעך אינעם אַרומשיקן זיינע מענטשן. אָבער ווען דער שווייס זאָל מיר אַפֿילו טייכנווייז אַראָפּרינען אויף מיין ברויט — וועט מיך איין געדאַנק דאָך אָפּפֿרישן. און דאָס וועט זיין דער געדאַנק וועגן די מענטשן, וועלכע פֿאָרן קיין מאַרמאָלאַדאַ, זוכן די איינזאַמקייט.

(1902)

פון די טעג אין פאריז

לאַקירט

קאַרל דער זיבעטער אין שינאָן

(אַטעליע פון אַן אָנגעזעענעם קינסטלער. שיינע טעפּיכער, אַלטע וואָפן, פינף ביוסטן פון דעם באַלעבאָס, געמאַכט פון די בעסטע מייסטערס, טייערע פלאַנצן. דאָס בילד וואָס דאַרף אין די נעכסטע טעג געשיקט ווערן אין סאַלאָן צו דער אויסשטעלונג — איז באַלויכטן מיט דער ראַפינירטעסטער באַלויכטונג. דער מייסטער שטייט לעבן בילד און נעמט אויף די געסט: פּוסטע פראַנטן פון פאַר־שידענעם עלטער, יונגע פרויען פאַרנאַרישט מיט דער מאָדע, אַלטע קונסט־ווייבער, זשורנאַליסטן, וועלכע פאַרצייכענען דאָס שטאַרק וויכטיקע לעבן פון דער „עלעגאַנטער וועלט". פון צייט צו צייט באַווייזט זיך אויך אַ קונסט־חבר פון דעם מייסטער).

אַ דיפּלאָמאַט: (פאָנפעט אַריסטאָקראַטיש, פאַרשטייט פון קונסט פונקט אַזוי פיל ווי פון פּאָליטיק, טראָגט אַן אַלטן נאָמען און וווּנדערבאַר גוט־געפּרעסטע הויזן, ער באַטראַכט דאָס בילד מיט ביטול): **אַה, הע. דאָס איז זייער פיין. וואָס שטעלט עס אייגנטלעך פאָר?**

דער מייסטער: **קעניג קאַרל דעם זיבעטן אין שינאָן.**

דער דיפּלאָמאַט: **אַה, יאָ, יאָ, איך האָב עס מיר באַלד פאָרגעשטעלט, אַז דאָס דאַרף זיין דער קעניג קאַרל פון שינאָן. נו, מיט דעם ווערק קאָנט איר ווידער זיין שטאָלץ. קאַרל דער זיבעטער. זייער גוט... ע, ע. און די דאַמע לעבן אים? איז די קעניגן?**

דער מייסטער: **ניין, דאָס איז זיין מעטרעס.**

דער דיפּלאָמאַט: (קלעמט זיך איין דעם מאָנאָקל אין אויג): **אַה, נאַטירלעך.**

אַ באַנקיר: (וועלכער קויפט אַייערע בילדער, נאָר טייערע): **זיין מאַיעסטעט האָט זיך גאָרנישט געלאַנגווייליקט, העהעהע.**

דער דיפּלאָמאַט (וועלכער פלעגט זיך נישט איינמאָל לייען געלט ביי אים שמייכלט מיט חניפה).

(עס רוישן אַריין צוויי דאַמען. מען באַגריסט זיך).

די באַראָנעסע (פאַרן בילד): **אַך, דאָס איז דאָך ווונדערלעך.**

די מאַרקיזע: **זייער נעט.** (דאָס בילד האָט פיר מעטער די לענג).

באַראָנעסע: לאָזט, איך וויל טרעפן וואָס דאָס בילד שטעלט פאָר. (זי קוקט מיט איר לאָרנעטע). — דאָס איז... יאָ, איז דאָס נישט קאַרל דער זיבעטער אין שינאָן?

דער מייסטער (פאַרנייגט זיך): אוודאי.

דער דיפּלאָמאַט (פאַרוווּנדערט זאָגט שטיל צו דער מאַרקיזע): פון וואַנעט ווייסט זי דאָס?

מאַרקיזע (רוימט אים איין אַ סוד): עס איז היינט געשטאַנען אין צייטונג.

באַראָנעסע: אַך די מייסטערהאַפטע קאָמפּאָזיציע! די טיפע פאַרבן־שאַטירונג. דער אויסדרוק פון יעדן איינציקן פּנים!

באַנקיר (אים הייבט אָן דאָס בילד צו געפעלן): יאָ, באמת. די פאַרבן־שאַטירונג!

דיפּלאָמאַט (ווי פריִער): דאָס איז אויך געשטאַנען אין צייטונג?

מאַרקיזע: די זעלבע ווערטער.

באַראָנעסע: און די שטימונג פון דעם גאַנצן!

באַנקיר (באַמיט זיך „די שטימונג פון דעם גאַנצן״ אויסצוגעפינען).

דער קונסט־הענדלער (ווען דער מייסטער האָט געדונגען און צו ווען מען אַלץ וואָס איז דאָ פאַראַן געהערט, אָנגעהויבן פון די עלטסטע וואָפן ביז צו דעם נייעסטן בילד, שלייכט זיך אַרויס פון הינטן און גייט צו גלייך צום באַנקיר): פאַרליבט אייך נאָר נישט אין דעם בילד, הער פאָן יאַסי. עס איז פאַרקויפט.

באַנקיר (מיט אומצוטרוי): אַזוי? מיסתמא צו איינעם פון אייערע באַקאַנטע?

קונסט־הענדלער: ניין, ליידער קיין אַמעריקע.

באַנקיר: פאַרוואָס ליידער?

קונסט־הענדלער: דער מייסטער איז קראַנק. ער האָט אַ האַרץ־פעלער. ווען דער פענדזל זאָל פון זיין האַנט אַרויספאַלן (מיט אַ געדריקטער שטימע), וועלן דאָך די בילדער מוראדיק שטייגן. וואָלט מען זיי געוואָלט האָבן אונטער דער האַנט.

באַנקיר (ווייכער): פאַר וויפיל איז עס פאַרקויפט געוואָרן?

קונסט־הענדלער: איך גלויב פאַר הונדערט טויזנט.

באַנקיר: אַ ווויצלער, זענט איר.

(צוויי קלוב־מענער רעדן אין אַ ווינקל)

ערשטער: וואָס צום טייוול, האָט איר דאָ צו זוכן?

ערשטער: איך האָב זיך געוועט, אַז איך וועל אין משך פון אַ וואָך דריי־מאָל אין טאָג דערמאָנט ווערן אין צייטונג אַלס איינער וועלכן מען האָט באַמערקט צווישן די אַנוועזנדיקע. איך גיי צו אַלע פיינע לוויות, צו אויסגעוויילטע חתונות, צו ספּאָרט־יום־טובים. איך האָב געלייענט, אַז מען ווערט דאָ באַמערקט צווישן די אַנוועזנדע בין איך געקומען. אָבער איר?

צווייטער: איך וואָלט אייך געקאָנט זאָגן, אַז איך בין באַגייסטערט פאַר מאַלעריי.

ערשטער: זאָגט עס נאָך אַמאָל.

צווייטער: די זאַך איז אַ סך פּשוטער. מיר זענען אַ פּאָר טויזנט מענטשן, וועלכע לויפן נאָך איינע די אַנדערע.

ערשטער: דאָס ווייסט מען! איך פרעג פאַרוואָס מען לויפט אין די אַטעל־יעס.

צווייטער: אָ דאָס... איך בין נישט קיין פילאָזאָף. איבעריקנס טראַכט איך, אַז עס איז דערפאַר ווייל אין טאָג פון לאַקירן די בילדער איז דער סאַלאָן איבער־פולט. אַזוי אַרום האָבן מיר שוין אונדזער איינפלוס גאַנץ ספּעציעל און שוין פון פריִער. און ווען מיר קומען דערנאָך אין סאַלאָן אַריין — אין די סאַלאָנען, ווייל מיר האָבן דאָך שוין איצט צוויי — דאַרפן מיר זיך שוין מער נישט אינטערעסירן מיט די בילדער.

ערשטער: דערלויבט מיר! ווער האָט דאָס אַמאָל געטון?

צווייטער: אפשר קומט מען אויך נאָר דערפאַר, ווייל דאָס איז אַ גוטע באַהעלטעניש פאַר היימלאָזע ליבעס־פּאָרלעך — אין דער ערשטער צייט... אָט איז שוין דאָ איין פּאָרל, דערווייל נאָר די שענערע העלפט.

ערשטער: וואָס? די פרוי פאָן פרע־סאלאי. מיט וועמען?

צווייטער: מיט אַ שפּאַנישן ריטער. ער וועט באַלד אָנקומען.

פרוי פאָן פרע־סאלאי (פאַרן בילד): אַך, די מייסטערהאַפטע קאָמפּאָזי־ציע! די ווונדערלעכע פאַרבן־שאַטירונג! דער אויסדרוק פון יעדן איינציקן פּנים!

באַנקיר (פאַר זיך אַליין): ווייזט אויס אַז עס איז אמת. אַלע האָבן די זעלבע מיינונג.

דאָן קריסטאָבאַל דע לאַ כאָרנאַדאַ (דערשיינט, דריקט דעם מייסטער די האַנט, דערנאָך זייער איבעראַשט צו דער פרע־סאלאי):

פרוי פאָן פרע־סאלאי (שעפּטשענדיק): מאַכט אייך נישט אַז איר זענט אַזוי איבעראַשט, ווייל מען וועט נישט גלייבן. (הויך): ווי געפעלט אייך קאַרל דער זיבעטער?

דאָן קריסטאָבאַל: די מייסטערהאַפטע קאָמפּאָזיציע! די ווונדערלעכע... (וויל זיך דערמאָנען).

באַנקיר: פאַרבן־שאַטירונג?

דאָן קריסטאָבאַל (ערנסט): אָט דאָס האָב איך טאַקע געוואָלט זאָגן. (ער גייט מיט זיין דאַמע אין אַנדערן זאַל).

באַנקיר (פאַר זיך): פון וועמען מאַכט מען דאָ חוזק? עס קאָן גאָר זיין, אַז פון מיר. (ער גייט אָפּ אַ פאַרצאָרנטער).

דער מייסטער (שטייט איצט אַליין מיט אַן אומבאַרימטן מאָלער פאַרן בילד קאַרל דער זיבעטער):

דער אומבאַרימטער: ניין, זאָג איך דיר.

דער מייסטער (איבערגעשראָקן): וואָס מיינסטו?

דער אומבאַרימטער: דו ווילסט טאַקע דערביי בלייבן?... עס איז נעבעכדיק. ס'איז אַ פינאַל פון אַן אפער, אויפגעפירט אין דער פּראָווינץ. דו ביזט אין צייכענען פאַרפאַציאַצעוועט געוואָרן. די פאַרב איז אין דיר פאַרטריקנט געוואָרן. דו זעסט נישט מער. דו פאַרקערסט צו פיל מיט די נאַרישע קעפּ און דיינע בילדער זענען אַ האַנדלס־אַרטיקל וועלכן מען דאַרף נישט.

דער מייסטער (גיט אים קראַמפּהאַפּטיק אַ דריק דעם אָרעם): שטיל. מענטשן קומען...

ק ר י ט י ק

(דער אינדוסטריע־פּאַלאַץ פאַר דער דערעפענונג. אין דעם ברייטן גלאָזהויף מאַכט מען בלומען־בייטן. צוריק מיט אַ פאָר וואָכן איז דאָ געווען אַ פלאַץ פאַר פערד־געיעג. איצט איז דאָ דאָס געיעג פון סקולפּטאָרן. אויפן ערשטן שטאָק מאַכט מען צערעכט אַ סך זאַלן. אַרבעטער קלאַפּן, זעגן, הענגען אויף פאָרהאַנגען, שמירן דעם פאָל. — דיבואַ, דוראַנד, דיופּאָנט (דריי קונסט־קריטיקער) זיי טרעפן זיך צוזאַמען אינעם גרויסן זאַל רעכטס, זעצן זיך אַוועק אויפן רונדיקן דיוואַן, וועלכער איז נאָך נישט איבערטאַפּעצירט. מען זעט אַז זיי זענען שטאַרק מיד).

דיבואן דאָס איז שוין מיין עלפטער סאַלאָן.

דוראנד: נו יאָ, מען ווערט נישט יינגער.

דיופּאָנט: דו ביזט באמת שוין עלף יאָר אין אָט דעם לעבן?

דוראַנד: מען דערקענט עס דען נישט אויף אים? נאָר דער אַרטיקל זיינער איז שטענדיק דער זעלבער.

דיבואַ: איר זענט גאַנץ ווילע מענטשן, וואָס וועט איר ערשט זאָגן הינטער מיין רוקן?

דיופּאָנט: אַז דו האָסט כאַראַקטער. דו ענדערסט נישט דיינע מיינונגען. דער בעסטער באַווייז פאַר דעם איז דיין איבערחזרן זיך. — ס'איז אויך דער איינציקער באַווייז.

דיבואַ: מאַכט נישט אויס. און צו וואָס פאַראַ איבערצייגונג ביזטו די וואָך געקומען?

דוראַנד: דעם אמת געזאָגט, מאַכט מיר די בעהיימישע מיסט־אויסשטעלונג פון קונסט אַ מעלאַנכאָלישע שטימונג. עס מאָלן און שמירן מער ווי טויזנט מענטשן אין משך פון אַ גאַנץ יאָר, כדי זיך קעגנזייטיק צו דערדריקן. און אין דעם דאָזיקן געדרענג ווערט דאָס בעסטע פאַרלוירן.

דיבואַ: ווו זעסטו דאָס בעסטע?

דיופּאָנט: דאָס וועט ער דיר נישט דערציילן. אידייען גיט ער נאָר זיינע לייענער.

דוראַנד: אַך, וואָס פאַר אַ געמויזעכץ עס שוויבלט דאָ. פרייליכט־מאָלער און טונקל־פּענדזלער, אימפּרעסיאָניסטן, גרויס־מאלער, קליין־מאלער, רעאַליסטן, געהיימנישפולע, ראַפינירט פּרימיטיווע, פרומע וואַלד־ און לאָנקע מאַלער. אַ טייל פון זיי שילדערט געוויינלעכע געשעענישן לויט זייער זכרון, אַנדערע מאַכן געשיכטע־בילדער לויט אַ מאָדעל, אַזוי אַז מען קאָן אָפּטמאָל דערקענען אַ טעאַטער־כאָריסט, וועלכער האָט פאַר פינף פראַנק געדינט אַלס אַ מאָדעל פאַר אַ ריכטער פון אָפּטריניקע... איך בין אַ געשווירענער שונא פון די דאָזיקע אויסשטעלונגען.

דיבוא: וועגן וואָס־זשע וועסטו שרייבן?

דיופּאָנט: עס איז דאָך קלאָר, אַז וועגן דער דעקאָדענץ פון דער קונסט.

דוראַנד: פאַר מענטשן וועלכע זעען נישט די אויסשטעלונגען באַשרייבן מיר בילדער, וועלכע מאַכן אויף אונדז קיין שום איינדרוק נישט. מיר דערציילן, העכסטנס, אַנעקדאָטן וועגן זיי: „דאָס בילד שטעלט פאָר אַ קיכ־יינגל, וועלכער רויכערט אַ פּאַפּיראָס״, אָדער „מען זעט אַן אַלטן פישער, וועלכער פאַרריכט נעצן״ אָדער גאָר עפּעס אַ געשעעניש פון דער געשיכטע„ וועלכעס האָט מיך נאָך אין שולע פאַרלאַנגווייליקט ביז טויט.

דיופּאָנט: דו באַמערקסט גאָרנישט? ער פּרוווט דאָך אויס זיין אַרטיקל אויף אונדז. ניין, דאָס וועלן מיר זיך נישט לאָזן.

דוראַנד: איך וואָלט זיך דאָך אויך געקענט אַוועקשטעלן און אָפּחוזקן פון די בילדער. דאָס האָב איך נישט ליב.

דיופּאָנט: דו ביזט צו איידל פאַר אָט דער וועלט.

דוראַנד: עס הענגען דאָ הײ־יאָר קילאָמעטער־לאַנגע באַמאָלטע לייוונטן און עס איז נישטאָ קיין איינציק קונסט־ווערק, וואָס זאָל אויף מיר מאַכן אַן איינדרוק. יונגע פאַרטאַטשעס וועמען די אייגענע האַנט פאָלגט נאָך נישט און אַלטע באַרימטקייטן, וועמענס אויגן עס זענען שוין אויסגעלאָשן. ביי די וועלכע האָבן שוין זייערע כוחות פאַרלוירן באַשטעלט מען אָפיציעלע בילדער צו פאַרמיאוסן באַראַטונגס־זאַלן אָדער טרעפּ־הייזער. און דאָס דאַרף אַזוי בלייבן. מחמת אָט די לאַנגווייליקע אַריינמאַרשן, גאָרנישט זאָגנדיקע אויפנאַמעס פון געמיינדע־ראַטן און פוסטע כבוד־אָפּגעבן סצענעס ווי פון די אונטעריאָכטע שבטים וועלן די צוקונפטיקע דורות האָבן אַ פאַרדראָס, אָדער זיי וועלן חוזק מאַכן. מיט אַזעלכע ריזן־גרויסע אָרעמצייגענישן פון קונסט פאַרדעקט מען מאַנכע אידעלע מאַר־מאָר־ווענט, אַזוי אַז מען וועט שפּעטער מיינען, אַז אין אונדזערע צייטן האָט מען נאָך ערגער געמאָלן, ווי מען מאָלט טאַקע אין דער ווירקלעכקייט.

דיופּאַנט: אַזוי רעדט אַ פילאָזאָף. מען קען זיך טועה זיין און דיר פאַר־גלייכן צו אַ דענקער. דיין שילדערונג איז נישט גענוג קלאָר. איר ווילט קענען מיין סיסטעם? איך טייל איין דעם סאַלאָן אין גרופּן. אָט ווי למשל: קיך־אָפּטיילונג. דאָ געהערן קיך־יינגלעך, פאַרשידן אויבסט, ראַקעס, בכלל אַלץ צום עסן און אַלע בילדער אויף וועלכע מען עסט... אַן אַנדערע: ליכט־שירעמס. דאָ רעכן איך אַריין אַ חוץ די ריכטיקע לאָמפּ־שירעמס, אַלע מינים באַלייכטונגס־וויצן... איך בין נאָר נאָך אין ספק, צי זאָל איך אַריינרעכענען די חיות אַלס פּאָרטרעטן, צי די פּאָרטרעטן אַלס חיות... דערנאָך די משוגעתדיקע אָפּטיילונג, צו וועלכער עס געהערט פרייוויליקע משוגעת און נישט בכיוונדיקע־קינסטלער וועלכע שפּילן נאָר דעם ווילדן מאַן, אָדער זיי זענען טאַקע אין דער אמתן מיסטיש. און אַזוי ווייטער. דערנאָך האָב איך אָבער נאָך די וויכטיקסטע גרופּע: „ריכטונגען, וועלכע ווערן מאָרגן לעכערלעך". ווער עס פאַלט דאָ אַריין? קודם־כל דער קויפער פון די בילדער... זעט איר, אָט אַזוי דערגרייכט מען דעם ריכטיקן איבערבליק.

דיבואַ: אַ דאַגה. איך גיי איינפאַך פון זאַל צו זאַל און רוף אָן די בילדער, וועלכע זענען גוט.

דיופּאַנט: אָן וואָס דערקענסטו זיי... אַהאַ! איך ווייס שוין: אָן דעם נאָמען פון דעם מאלער...

דער לאַקיר־טאָג

(דער אינדוסטריע־פּאַלאַץ. אַ געדרענג. גאַנץ פּאַריז)

אַ קליינשטעטלדיקער: פאַרוואָס הייסט עס היינט דער לאַקיר־טאָג?

דער פּאַריזער: ווייל מען לאַקירט.

קליינשטעטלדיקער: ווו?

פּאַריזער: זע נאָר, עס איז ריכטיק! איך האָב גאָרנישט באַמערקט. מען לאַקירט שוין נישט מער אינעם לאַקיר־טאָג. פריִער פלעגן אַ טאָג פאַר דער דערעפענונג, קומען די מאַלער אָדער זייערע געהילפן און זיי פלעגן איבערציִען די בילדער מיט אַ פיינער גלאַנץ־שיכט, וועלכע מאַכט בעסער אויפלייכטן די פאַרבן. עס פלעגן זיך דערביי לאַנגזאַם אַריינשאַרן עטלעכע טוץ, עטלעכע הונ־דערט מענטשן, וועלכע האָבן שוין פאַר נייגעריקייט נישט געקאָנט אויסהאַלטן. ווייל מיר פּאַריזער האָבן ליבערשט די גענעראַלפּראָבן ווי די פאָרשטעלונגען — צום טייל, דערפאַר ווייל מען גייט אַריין אומזיסט... און אַזוי האָבן זיך היינט אַריינגעשאַרט אַרום אַ פופצן טויזנט מענטשן.

אַ קליינע שוישפּילערין (שטעלט אָפּ אַ פאַרבייגייענדיקן רעפּאָרטער פון אַ גרויסער בולוואַר־בלאַט): זאָגט מיר, איר וועט מיך דערמאָנען צווישן די קונסט־קאַפּאַציטעטן!

רעפּאָרטער: וואָס וועט איר מיר געבן דערפאַר?

שוישפּילערן: דערפאַר? אַזאַ קליניקייט — וועלכע קאָסט אייך גאָרנישט.

רעפּאָרטער: ס'איז נישט אַזוי פּשוט. דאָס פועלן ביי זיך אַליין, מיין מלאך, איז אויך נישט קיין קליניקייט. ווען איר זאָלט וויסן ווי אַזוי די פיינסטע מענטשן, וועלכע שפּילן נישט קיין דינסטמיידל־ראָלן, באַמיִען זיך וועגן דעם.

שוישפּילערן: יאָ, איך פאַרשטיי.

רעפּאָרטער: איר ווילט עס זען? איין מאָמענט!... (ער מאַכט זיך ווי ער זאָל אויפמערקזאַם באַטראַכטן אַ בילד. עס בלייבן באַלד שטיין לעבן אים עט־לעכע עלעגאַנטע דאַמען און הערן).

שוישפּילערן: צו וואָס פאַרזאַמלען זיך דאָ אַזוי די מענטשן?

רעפּאָרטער (נישט אומקוקנדיק זיך): אָ, זיי פאַרזאַמלען זיך שוין? דאָס זענען רעקלאַמע־נאָכיאָגערס ווי איר, מיין קינד. און זיי דאַרפן עס אַפילו גאָר־נישט האָבן. זיי ווילן איך זאָל זיי באַמערקן. (ער קוקט זיך אום, גריסט, שרייבט עפּעס אַריין אין זיין טאַשן־ביכעלע. די מענטשן גייען ווייטער).

שוישפּילערן: דו ביזט גרויס.

רעפּאָרטער: נו, וואָס וועל איך האָבן דערפאַר?

שוישפּילערן (לאַכט): מיר וועלן שוין זעען...

אַן עלטערע פרוי (אָרעם אָנגעטאָן, שטייט שוין לאַנג נעבן אַ בילד, וואָס הענגט אויף אַ נישט־אָנזעעוודיקן פּלאַץ און פון קיינעם נישט באַמערקט, זי קוקט זיך אַריין אין אים).

מויראַזע (גייט פאַרביי מיט וולאַנען, ער אָבסערווירט זי): וואַרט, דאָ איז פאַראַן עפּעס אינטערעסאַנטס.

וולאַן: וווּ?

מויראַזע: זאָג נישט גאָרנישט! (רעדט גאַנץ הויך נעבן דעם נישט באַ־מערקטן בילד): דאָס איז פּראַכטפול! אין דעם שטעקט טאַלאַנט.

די פרוי (גיט אַ ציטער).

מויראַזע: פון וועמען איז עס? (בלעטערט אין זיין קאַטאַלאָג): דעם נאָמען מוז מען פאַרגעדענקען.

וולאַן (קוקט אים אָן דערשטוינט) איר מיינט עס ערנסט?

מויראַזע (שלעפּט אים אַוועק): קומט.

וולאַן: איך פאַרשטיי נישט.

די פרוי (ווישט זיך אָפּ באַהאַלטענערהייט אַ טרער און באַטראַכט דאָס בילד צערטלעך).

מויראַזע: מיין ליבער, איך קען זיך וועטן, אַז דאָס איז געווען דעם מאָ־לערס מוטער... זי שטייט דאָ, ווייל זי גלייבט, אַז אַנדערע וועלן אויך דאָ בלייבן שטיין.

(אַן עלעגאַנטע גרופּע פאַרן בילד „קאַרל דער זיבעטער אין שינאָן")

דער מייסטער (נעמט אויך דאָ אויף די באַזוכער, אַזוי ווי אין זיין אַטעליע, און ער לאָזט זיך אָפּגעבן כבוד).

דער באַנקיר: די טיפּזיניקע פאַרבן־שאַטירונג.

די מאַרקיזע (שעפּטשעט): גיט אַ קוק אויף דעם קלייד פון דער קאַקאָטע!

באַראָנעסע: זי איז נישט קיין קאַקאָטע, זי איז האַלב־אָנשטענדיק.

פרוי פרע־סאַלאַי: איר ווייסט דאָך אַלץ, מיין טייערע.

דאָן קריסטאָבאַל (דערנענטערט זיך מיט דערשטוינונג): אַך, וואָס פאַר אַ גליקלעכער צופאַל!

באַראָנעסע: אייער לעבן באַשטייט פון לויטער גליקלעכע צופאַלן!

פרוי פרע־סאַלאַי (גייט אַוועק מיט פאַרדראָס).

דאָן קריסטאָבאַל (גייט איר נאָך): איר שענקט מיר אַפילו קיין בליק נישט, איר גרויזאַמע?

פרוי פרע־סאַלאַי (צווישן די ציין): איר זענט שרעקלעך אומגעשיקט. מען זעט אונדז דאָך שטענדיק צוזאַמען.

דאָן קריסטאָבאַל: דאָס איז אַ וווּנדער? איך טרעף דאָך אייך שטענדיק נאָר דאָרט, וווּ עס זענען פאַראַן אַ סך מענטשן.

פרוי פרע־סאַלאַי: קומט מאָרגן אויך אַהער אין דער זעלבער צייט!

דאָן קריסטאָבאַל (זיפצט): ווידער אַ ראַנדעוווּ, ביי וועלכן עס איז אָנוועזנד גאַנץ פּאַריז!

פרוי פרע־סאַלאַי (לאַכט): איר ווייסט דאָך גאָרנישט. מאָרגן וועט שוין דאָ קיין איין מענטש נישט אַריינקומען.

טאַנצנדיקע נימפעס און דיאַנאַ

(אַ קליינער שענק אין אַ געסל אין דער נאָענט פון אינדוסטריע־פּאַלאַץ. די רייכע קינסטלער פּרישטיקן אינעם לאַקיר־טאָג ביי לעדאַיען אָדער אין קאַפע אַמבאַסאַדערס; די אַנדערע, וועלכע זענען נישט באַרימט, פרישטיקן אין אַזעלכע שענקן. נאַקעטע האָלץ־טישן. האַרטע בענק. זויערער וויין. אין אַ ווינקל זיצן מערערע און רעדן, יעדער האַלט די עלנבויגנס אויפן טיש).

אַ סקולפּטאָר (טרינקט און פאַרקרימט שרעקלעך דאָס פּנים): ס'איז דער אמתער ראַדירער־וויין.

אַ ראַדירער: אַהאַ! פאַרוואָס?

סקולפּטאָר: ער צעקראַצט דעם האַלדז.

אַ מאָלער: יאָ, ווער עס זאָל געווען האָבן שכל, ווי רידאַלט, וואָלט איצט געווען געזעסן ביים שאַמפּאַניער אין דער געזעלשאַפט פון שיינע ווייבער.

פּיפּינע (אַ מאָדעל): זיי כאַטש העפּלעך! (גיט אים אַ שטויס אין די ריפּן).

ראַדירער: דער טאַנצנדיקער נימפן־רידאַלט? וואָס האָט ער אַזוינס שכל געהאַט?

מאָלער: זיינע בילדער צו לאָזן לאַקירן אויף דער לינקער זייט.

ראַדירער: וואָס איז דאָס? אַ נייע טעכניק?

מאָלער: יאָ, צום אַרויפאַרבעטן זיך. די זאַך מאַכן די קונסט־הענדלער.

סקולפּטאָר: אָ, אַ רויבער־געשיכטע?

מאָלער: זיי זענען אָרגאַניזירט אין אַ סינדיקאַט, זיי דינגען אַ קינסטלער אויף יאָרן, אַמאָל אַפילו אויפן גאַנצן לעבן. אַלץ, וואָס ער מאָלט, געהערט צו זיי. ער באַקומט דערפאַר יערלעך אַזוי פיל און אַזוי פיל צום לעבן. אָבער ער טאָר נישט מער מאָלן, דאָס וואָס ער וויל, נאָר דאָס, וואָס אים איז איינמאָל געלונגען, מוז ער שטענדיק ווידער אַמאָל מאַכן.

ראַדירער: דערפאַר זענען דאָס די טאַנצנדיקע נימפעס פון רידאַלט?

מאָלער: אַזוי איז עס. די באַנדע וואַרפט אים אַזוי אַרויס אויפן מאַרק. זיי רוקן אַריין זיינע בילדער ביי אַ ליציטאַציע אין האָטעל דרואָ און וואַרפן זיך אויף זיי מיט הויכע פּרייזן. זיי יאָגן זיך איבער אין די פּרייזן ווי משוגעים. זיי גייען גלייך מיט צען טויזנט — אָדער צוועלף טויזנט. דערנאָך פאָרן זיי מיט דעם בילד קיין לאָנדאָן. דאָרט ווערט עס ווידער אַמאָל עפנטלעך ליציטירט. אַמאָל פירן זיי עס אויך קיין אַמעריקע. אומעטום מאַכן זיי דעם זעלבן שפּיל. דער פּרייז וואַקסט — דאָס בילד געהערט נאָך אַלץ צום סינדיקאַט. אָבער אויף דער אַנדערער זייט ווערט אויפגעקלעפּט דער אָפיציעלער פּרייז, דער טאָג פון פאַרקויף, און דער נומער פון דעם קאַטאַלאָג. אַלץ איז אָפּגעשטעמפּלט, אַמטלעך און עכט. דאָס איז דאָס לאַקירן פון הינטן.

ראַדירער: אָבער וואָס האָבן זיי דערפון, וואָס זיי האַלטן דאָס בילד? זיי מוזן דאָך צאָלן פּראָצענטן פון דער ליציטאַציע.

מאָלער: יאָ, עס דויערט אָפּטמאָל אַזוי אַ צוויי דריי יאָר, ביז די מענטשן בייסן אייַן. אָבער דעמאָלט. ספּעציעל די יענקיס! דאָ לייענט מען שטענדיק, וועלכע פּרייזן מען האָט דערגרייכט. אַ סך ציימונגען זענען אַזוי נאַריש און ברענגען די דאָזיקע ציפערן. נישט וויסנדיק מאַכן זיי דערפון אַ גאַנצן טאַראַראַם. זיי ווייסן דאָך טאַקע באמת גאָרנישט וואָס עס שטעקט דאַרונטער. אָבער צוליב דעם קויף־פּרייז דערגרייכן די בילדער פאַר זיך די בירגערלעכע אַכטונג. עס איז פאַראַן אַ רייכער המון, וועלכער האָט דורך־אַרץ נאָר פאַר טייערע בילדער. ווייטער זענען פאַראַן אַזעלכע חכמים, וועלכע גלויבן, אַז די בילדער וועלן נאָך מער שטייגן, און אין אַ פּאָר יאָר אַרום וועט מען פאַר דער סחורה אַרויסשלאָגן דאָס דאָפּלטע. און אַזוי שפּעקולירט מען אויף „טאַנצנדיקע נימפעס". אַזוי מאַכט זיך דער מאַרק. די ענגלענדער זאָגן שוין פון דער ווייטן: „אָה יעס, דאָס איז

אַ רידאַלט!״ די דייטשן גלויבן, אַז דאָס איז שיין. און די אַמעריקאַנער פאַלן אַריין.

ראַדירער: דער אומגליק איז נישט אַזוי גרויס.

מאַלער: נישט אַזוי גרויס און אפשר גייט איצט ווידער איינער אַרום, אַזוי ווי מילעט, וועלכער איז זיין גאַנץ לעבן געווען אומבאַקאַנט און אויף צרות. ווען מען זאָל נאָר אַ טראַכט טון וועגן די פאַלשע קונסט־ליבהאָבער און ווי אַזוי זיי ווערן געבלאָפט, וואָלט מען גוט געקענט לאַכן.

סקולפּטאָר: (קלאַפּט זיך אויס די ליולקע אין דער הוילער האַנט אַריין): די קאָמישסטע זאַכן קענט איר דאָך נישט. ווען איר זאָלט ערשט וויסן ווי אַזוי די זאַכן ווערן געשמינקט אויף אַלט. דעמאָלט באַווייזט זיך ערשט דער מעצענאַט אין זיין גאַנצער אידיאָטישקייט. און אַפילו די גאַנץ געלערנטע דירעקטאָרן פון קאָלעקציעס. פּוא — האהא! אין אַ געוויסן מוזעאום שטייט אַ ביוסט פונעם פּופּצנטן יאָרהונדערט, וועלכע איז געמאַכט געוואָרן פון אָט די צוויי הענט.

ראַדירער: דאָס וואָלט דאָך געווען אַ גאָר סענסאַציאָנעלע אַנטפּלעקונג.

סקולפּטאָר: איך וואָלט עס אָבער נישט געקענט באַווייזן. דער וועלכער האָט מיר געגעבן די אַרבעט איז נישט געווען אַזוי קינדיש. און פּאָר לימוזינער עמאיל פון די בעסטע צייטן און פּאָר אַלטווענעציאַנישע האַלץ־שניצערייען האָט ער זיך אויך זיינע קינסטלער — ווערמען דער הונגער האָט שוין נאָכגיביק און פעיק געמאַכט... ווי ער האָט עס פאַרשטאַנען צוזאַמענצושטעלן זיינע אַנטיקן. איי־נעם אַ מיליאָנער, וועלכער איז געווען פאַרנאַרט אין אַלטע זאַכן, האָט ער אַמאָל צופעליק געלאָזט זיין דערביי, ווי מען האָט אַנטדעקט אַ מאַרמאָרנע „דיאַנאַ מיטן הונט״. זי איז געווען איינגעמויערט אין אַ מויער און די מויער אַליין איז געווען פאַרוואַקסן מיט אַלטע וויקל־פלאַנצן. די זעלבע דיאַנאַ איז פריער מיט אַ האַלב יאָר געשטאַנען ביי מיר אין אַטעליע און דער הונט אויך.

ראַדירער: פאַרוואָס האָט איר זיך אַראָפּגעלאָזט דערצו?

סקולפּטאָר: ערשטנס, ווייל איך האָב נישט געוווסט וואָס פאַר אַ כוונות ער האָט. (גיט אַ טרונק ווין און פאַרקרימט דאָס פּנים): און צווייטנס, ווייל עס איז מיר נאָך אַלץ ליבער צו טרינקען אָט אַזאַ ראַדיר־ווין, איידער וואַסער פון דער סען...

אין נייעם סאַלאָן

(דער אַנדערער לאַקיר־טאָג. דער קונסט־פּאַוויליאָן אויפן מאַרס־פעלד. אַ געדרענג. גאַנץ פּאַריז).

וולאַן: דער סאַלאָן, איז כ׳לעבן בעסער. עס זענען, הייסט עס נאָך דאָ, אָדער בעסער געזאָגט, ווידער דאָ מאַלערס, וועלכע האָבן זיך זייער אייגענעם חלום וועגן דער וועלט, וועלכע ברענגען אַרויס אינטערעסאַנט די געזעענע זאַכן

— פאַנטאַזיאָרן. איך האָב ליב די פאַנטאַזיאָרן. אָט דאָ, די נימפע פון בערנער זשאנעס, וועלכע ציט אַראָפּ דאָס יינגל אין די טיפענישן פון וואַסער. וואָס פאַר אַ אויגן זי האָט, פול מיט שפּאָט, מיט טרויער און נישט צום דערגרונטעווען זיך אין זיי. פאַרשטייט זיך, אַז די נימפע איז אַן ענגלענדערן.

מויראזע: ניין, איר האָט אַ טעות. זי איז אַ דייטשע. זי לעבט אין די לידער פון אַ געוויסן העגרי היינע.

וולאַן: די ענגלענדער זענען טייוולאָניש שטאַרק — אין ביידע סאַלאָנען, אין לאַנגשאַמפּס זיגן אונדזערע פערד, אָבער אויפן מארס־פעלד און אין דעם אינדוסטריע־פּאַלאַץ זיגן זייערע מאלערס. איז דאָס נישט מאָדנע?

מויראזע: הם, יאָ — די אַנדערע פעלקער זענען נישט אַזעלכע ווילדע און מיר זענען נישט אַזעלכע אַטענער, ווי מיר גלויבן. די ליבע צו דער קונסט איז ביי אונדז געוואָרן אַן אָפיציעלער ענין. נאָך מער: זי געהערט צו דעם גוטן טאָן. זי איז ענלעך צו ווילטעטיקייט, מיט וועלכער מען שטעלט זיך אויס אין דער עפנטלעכקייט. איך רעספּעקטיר זי זייער, פּונקט ווי די ווילטעטיקייט. און וועגן די אימיטאַטאָרס... אָבער ווען מען קוקט זיך צו בענטער און ווען מען זעט וואָס עס שטעקט אונטער דעם אַלעמען... אָט דאָס, זעט איר זענען בילדער.

די לוויה פון
ד״ר הערצל
אין ווין — 1904



די מצבה
פון ד״ר הערצל
אויפן ווינער
בית־עולם



דער קאַטאַפאַלק פון ד״ר הערצל קעגנאיבער דער פּראָוויזאָרישער
כנסת־געביידע אין תל־אביב.



דער קאַטאַפאַלק אויפגעשטעלט אין דעם הויף פון די נאַציאָנאַלע
אינסטיטוציעס אין ירושלים.



דער ארון ווערט אַראָפּגעלאָזט אין קבר אויפן הר־הרצל.

פאַרלאַג אַדרעס
''KIUM''
Ayacucho 352
Buenos Aires Argentina

קיום
פארלאג
פועלי ציון-התאחדות

דערשינענע ביכער:

1. דוד בן־גוריון — נצח ישראל
2. מענדל מאַן — אין אַ פאַרוואָרלאָזטן דאָרף
3. יחיאל האַלפערן — דער רעוואָלט פון אַ גלות־פאָלק
4. יוסף שפּרינצאַק — אין וואָרט און אין שריפט
5. ה. לייוויק — אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים
6. אפרים דקל — געהיים־דינסט פון דער „הגנה“ אין ארץ־ישראל
7. ד״ר טעאָדאָר הערצל — דערציילונגען און פעליעטאָנען

אין צוגרייטונג:

8. י. לעשצינסקי — דאָס נאַציאָנאַלע פּנים פון גלות־ייִדנטום
9. יצחק בן־צבי — מיט דער צווייטער עליה
10. מ. גראָס־צימערמאַן — אַ וועלט מיט ייִדן

ESTE LIBRO SE TERMINO DE
IMPRIMIR EL 30 DE NOVIEMBRE
DE 1955 EN LOS TALL. GRAF.
"ZLOTOPIORO HNOS.", CALLE
GASCON 1231, BUENOS AIRES.

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by
Dr. Teodoro Hertzl

Traducción:
Esther Halpern (Hadasa)

Hecho el depósito que marca la ley 11.723
Buenos Aires

★

Editado por:
POALE SION HITAJDUT

Departamento
Ediciones: "Kium"

Dr. TEODORO HERZL

RELATOS SELECTOS

BUENOS AIRES
1 9 5 5